STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00983

LIEDER UN GEDIKHTE

Morris Winchevsky

Permanent preservation of this book was made possible by
Scott & Annette Turow
in memory of
Robert & Gloria Weisberg

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאָררים ווינטשעווסקי׳ס ליעדער און געדיכטע

COPYRIGHT 1910
MAISEL & COMPANY
NEW YORK

MORRIS WINCHEVSKY
SONGS AND POEMS

ליעדער און געדיכטע

פון

מאָררים ווינטשעווסקי

קאַמפף־ליעדער — קינדער פון'ם פאָלק
ליעבע, לוסט און ליידענשאַפט
סאַטירע און הומאָר

(1877-1910)

פערלאַג: מייזעל עט קאָ.
422 Grand Street, New York
1910

פאָרוואָרט

עס איז וואהרשיינליך ניט געווען א צייט אין מיין לעבען ווען איך, קענענדיג האלטען א פעדער אין האנד, האָב ניט פּרובירט אויסדריקען געפיהלע און געדאנקען אין א ריטהמישע פאָרם. צו עלף־צוועלף יאָהר האָב איך, בשותפות מיט אַן אַנדער עטוואָס עלטע־רען אינגעל אין קאָוונאָ, אָנגעפאנגען צו שרייבען פאבעלן און די געמיינשאפטליכקייט פון אונזער אַרבייט איז בעשטאנען אין דעם, וואָס ער פלעגט אויסטראכטען די מעשיות און איך פלעג „בעזאָרגען“ דעם טעקסט. די שפּראך איז געווען רוסיש.

מיט עטליכע יאָהר שפּעטער, אונטער דעם איינפלוס פון העברעאישע צייטונגען און זשורנאלען, האָב איך אָנגעפאנגען צו שרייבען העברעאישע שירים. מיין ערשטער איז געדרוקט געוואָרען אינ׳ם המגיד. אין 1874 — אלס פּראָזא־שרייבער בין איך אין דער־זעלבער צייטונג ארויסגעטרעטען מיט א יאָהר פריהער — אָבער אויפען קאָוונער בית־עולם דארף זיך ערגעץ־וואו געפינען מיינס א געדיכט פון 1871 אָדער 1872, — א שיר׳על אויף א מצבה, וועלכען מיין פאָטער האָט ניט געהאט קיין צייט צו שרייבען פאַר א בעפריינ־דעטע אלמנה. איך בין דאמאָלס געווען אַלט א יאָהר 15—16.

אין קעניגסבערג, אין 1877, ווען איך האָב שוין געהאט געשריע־בען א שעהן ביסעל העברעאישע שירים פאַר די וועלט בכלל און א סך רוסישע געדיכטע פאַר בעקאנטע מיידלעך אין זייערע אלבומס בפרט, האָב איך פּרובירט א שטיף טהאָן אין מיין מאמע׳ס לשון, — דאָס הייסט, טאקע נור איהרען, ניט מיינעם, מחמת ווי קום איך, איך,

אַן איינגעהער ביי די רוסען, די טייטשען און אין די אהלי שם, צום... מיט רעספעקט צו מעלדען... צום זשארגאָן? דאָס האָב איך געטהאָן אין דעם „קול-לעם“, אריינברענגענדיג אייניגע אידישע פערזען אין אַ פעליעטאָן, ווי איך פלעג טהאָן אין מיינע העברעאישע „משוגעת'ן“ אונטערשריעבען „יגלי איש הרוח“ ארום דיזעלביגע צייט. זיי געפינען זיך אין דיעזען באנד. זייער עלטער איז מיין ענטשולדיגונג פאר זיי.

פון דאַן אָן האָב איך אין אַ משך פון גענוי אַ דריטעל יאָהר-הונדערט כסדר געשריעבען אידישע געדיכטע, אָבער ניט אַלע צום דרוקען. איך האָב געשריעבען אַ גאַנצע מאַסע קלענערע און גרעסערע לירישע זאַכען, וועלכע ערשיינען דאַ איצט צום ערסטען מאָל, — וועניגסטענס אַ טהייל פון זיי. איך האָב ניט געהאַט גענוג אמונה אין אידיש אַלס אַ שפּראַך פאַר ליעבעס פּאָעזיע אום זיי צו לאָזען דרוקען. מאַנכע פון זיי זיינען, איבריגענס, לכתחילה טאַקע געווען פערפאַסט אין אַנדערע שפּראַכען און זיינען ערסט ניט לאַנג צוריק איבערגעלעגט געוואָרען אויף אידיש. איצט געפעלען זיי מיר אין זייערע אידישע העמדעלעך נאָך בעסער ווי אין די אָמאָליגע אָריגי-נאַלען. צי ביי מיר וואַקסט די איינבילדונג אָדער די אויסבילדונג איז, פערשטעהט זיך, פאַר אַנדערע צו ענטשיידען.

דער יאָהר 1891 איז פעראַנטוואָרטליך פאַר אַ גאַנצע מאַסע פון געדיכטע. דאָס איז געווען אַ „שטירמישער“ און וויכטיגער יאָהר אין מיין לעבען. גאַללאָפּ איז דאַן בּיסלעכוויז, פון טאָג צו טאָג, אָבגעשטאָרבען אונטער מיינע אויגען, כמעט אויף מיינע הענט. ארום דיזעלביגע צייט איז פאָרגעקומען די שפּאַלטונג אין'ם „ארבייטער פריינד“, די גרינדונג פון דער „פרייער וועלט“ און דער אָנפאַנג פון אַ נייעם קאַפּיטעל אין דער אידישער ארבייטער-בעוועגונג.

יענעם יאָהר איז צום ערסטען מאָל געפלאַנט געוואָרען די ארויסגאַבע פון מיינע „געזאַמעלטע שריפטען“, וועלכע ווערט ערסט איצט בענדערווייז מקוים. דאַמאָלס האָב איך זיך צום ערשטען מאָל

פערטראַכט וועגען דעם ווערטה און דעם אינהאַלט פון די פאָלקס־ליעדער מיינע און אַזוי ווי גאַללאַפּ האָט צו דערזעלבער צייט רעזיג־נירט פון דער רעדאַקציע פונ׳ם „אַרבייטער פריינד״ האָב איך איהם געווידמעט דאָס פאָלגענדע געדיכט, וועלכעס איז געווען גע־דרוקט אין נומ. 7 פון דעם דאָזיגען יאָהר:

מיינע פאָלקסליעדער.

פון אידישע ווערטער, אַלט־מאָדישע,
פון איינפאַכע רייד אָהן אַ קלאַנג,
פון טענער אָפט ווענִיג מעלאָדישע
פערפאַס איך מיין פּראָסטען געזאַנג.
דאָך מאַך איך די ליעדער צום זינגען נִיט,
אַ זיפץ איז פאַר זיי האַרמאָניע,
דאַרום מאַכט ניט אויס אויב זיי קלינגען ניט
און אויב אין זיי פעהלט מעלאָדיע.
די ליעדער פערפאַס איך איך ניט מיינענדיג
אפילו ניט איין אויגענבליק,
אַז חוץ ווער עס קען זינגען וויינענדיג,
זאָל אויפפאַסען זייער מוזיק.
זיי זיינען דער אָבקלאַנג פון טעגליכע,
פערשטיקטע געשרייען פון פאָלק;
דאָס מאַכט די מוזיק פאַר אַ קלעגליכע,
דעם טעקסט פאַר אַ זיפץ אָהן אַ טאָלק.
און בלייבען זיי אויך ניט געזונגענע,
אָ, גלויבט מיר, איך בין אויף זיי שטאָלץ
זיי שרייבט ניט אַ פען אַ פערדונגענע
איהר האַלט ניט אַ הענטעל פון האָלץ.
ווי לאַנג נאָך די קנעכטשאַפט וועט דויערן,
ווער ווייס, אַך, ווער ווייס נאָך ווי לאַנג?
איך ווייס נור אַזוי לאַנג וועט טרויערן
מיין ליעד מיט זיין טרויער־געזאַנג.

ניינצעהן יאָהר זיינען פון יענעם טאָג אַוועג און היינט ווייס איך ניט, אויב מיין אָרעמע מוזע וועט ווירקליך אַזוי לאַנג טרויערן. דער אמת איז, אַז דאָ אין אַמעריקא וואו דער דלות איז טהיילווייז קלענער, טהיילווייז וועניגער בלויזגעשטעלט פאַר דער גאַנצער ארומיגער וועלט ווי אין ענגלאַנד און אין אַלט־איירָאָפּאַ

בכלל, איז דער אָבקלאַנג פון דעם אַרעמאַנ'ס שמערצגעשריי שוואַכער און זעלטענער אין מיין הארצען און געפינט דערפאַר וועניגער אין זעלטענער אויסדרוק דורך א פעדער ווי מיינע. די מייסטע פון די „קליינע ליריקס" און די „לאָנדאָנער סילהועטען" זיינען געשריעבען געוואָרען אונטער דעם איינדרוק פון דעם שרעקליכען דלות ארום מיר, — פון דעם דלות אין זיין גאַנצע נאַקעטקייט, אָבגעריסענקייט, פערשלאָגענקייט ווי מען קען איהם זעהן נור אין לאָנדאָן, צוגלייך דער רייכסטער און דער אָרעמסטער שטאָדט אין דער וועלט, טאַקע דורך די קאָנטראַסטען פון די מיליאָנען פונט שטערלינג געגען די ביליאָנען פוד צרות.

בנוגע צו דעם, וואָס איז האָב ניט געמאַכט „די ליעדער צום זינגען" איז דאָס געווען אמת פון מיין זייט, אָבער דאָס פאָלק האָט זיי געזונגען און פיעל געזונגען און איך מוז מודה זיין, אז דאָס האָט מיר אָפט פערשאַפט גליקליכע מינוטען. ספּעציעל איז דאָס געווען דער פאַל מיט די טענער וועלכע זיינען איבער'ן אטלאַנטיען אָקעאַן אַריבערגעקומען צו מיר דירעקט פון די הערצער פון מיינע ברידער און שוועסטער אין רוסלאַנד אין די בעוועגטע צייטען פון די פריי־הייטס־קעמפּפע.

דאָס איז אַלץ וואָס איך האָב אין דיזעם אויגענבליק צו זאָגען.

מ. ו.

ניו יאָרק, סעפּט. 1910.

אינהאלט-פערצייכנים

ערסטער טהייל:

1. קליינע ליריקס.

דריי געגענזעצע........................ 17
אַ צומישטער חשבון..................... 18
צום אַרבייטער.......................... 19
עס שרייבט זיך ניט...................... 20
צו די קלוגע............................ 21
מיין טעלעפאָן.......................... 22
אין קאַמפף............................ 23
מיין אַמביציע......................... 24
„זשאַרגאָן" 25
צום אַרבייטער — אַ בקשה.............. 26
מיין פאָאָר טייבעלעך.................. 27
אַ וואונש.............................. 28
דער לאָנדאָנער פאָג.................... 29
מיין שבועה............................ 30
פייער און וואַסער..................... 31
וואָלט איך............................ 32
עס זעהט זיך לאַנד...................... 33
יעסען צייט............................ 34
אונגעדולד 35
אַן עצה............................... 36

מרה שחורה.. 37
אַן ענטפער.. 38
האַנד און פערשטאַנד.. 39
וואָהרע ליעבע.. 40
די לבנה.. 41
פּאַרטיי - פּאָליטיק.. 42
טרויעריגע מוזיק.. 43
אַן ק. גאַלאָפּ (קורץ פאַר זיין טויט).. 44
די וועלט פאַר די רייכע.. 45
אומזיסטיגע אַרבייט.. 46
ווענמען צו בעווייגען.. 47
אין סלעק -צייט.. 48
דער פאָרטשריט.. 49
פילאַנטראָפּען.. 50
נאָך ק. גאַלאָפּ (קורץ נאָך זיין טויט).. 51
גאָט'ס סטראָפּצעס.. 52
וועגען איהם — ק. ג.. 53
נעכטען, היינט און מאָרגען.. 54
די רויטע פאָהנע.. 55
דער „אמת" וועגען זיך.. 56
בלוטס - טראָפּענס.. 57
„ראַדיקאַלע" פאָלקס - פערטרעטער.. 58
צו די פערחלומטע.. 59
זאָגען די רייכע.. 60

2. לירישע געדיכטע.

אַ זיסער חלום.. 63
שטימען אין דער לופט.. 67
דער יאָמערקול.. 70

אויף אונזערע קברים	72
קינדערשע מוזיק	75
שטום, טויב, בלינד	77
מיין איינציגער פערלאַנג	79
אין מינוטען פון פערצווייפלונג	81
אַ שלאָפלאָזע נאַכט	83
אַ דרייז־איינציגקייט	86
צוויי וועלטען	88
אַ חדש אָהן אַרבייט	91
דער יונגער פאָלקספּאָעט	93
מען צופּט אייך, שטומע גרעזעלעך	97

3. קאַמפּף־ליעדער.

ליעדער פאַר מיר	101
דער פרייהייטס־גייסט	102
צו מיינע ברידער	104
אַ טרויסט־געזאַנג	108
צום אַרבייטער־פריינד	113
די צוקונפט	116
די שקלאַפען־געדולד	118
עס ריהרט זיך	120
אַ קאַמפּף־געזאַנג („וויקעלט פאַנאַנדער")	123
דאָס ליעד פונ'ם לוינשקלאַף	125
די מאַרסעליעזע	129
אַ וואָרט צו די אַרבייטער	131
אַ בעזים און אַ קעהר!	134
פאָרווערטס, פאָראויס!	137
עס קומט די גאולה	138
נעהמט מיט מיין נשמה!	139

4. קינדער פונ׳ם פאָלק.

(לאָנדאָנער סילועטען)

לאָנדאָן ביי - נאַכט................ 145
דאָס ליעד פונ׳ם העמד................ 148
דער יתום׳על................ 152
אַ מיידעלע אין דער „סיטי“................ 154
דריי שוועסטער................ 156
אַן עהרליכע בעטריגערין................ 157
קליין - עטעלע................ 158
דזשעק - גנב................ 159
דער עופעלע אין וואַלד................ 160
אין רעגען, אין ווינד און אין קעלט................ 163
ניט אַהין, און ניט אַהער................ 164
די אָרעמע מאַריע................ 166
רענט 171
די פערפראָרענע................ 174
דאָס געשפּענסט................ 177
דער אַלטער מאַן און דער נייער יאָהר................ 182
צוויי געסעלעך................ 184
אַ פּאַק צרות................ 186
דער בלינדער פידלער................ 188
אַ גלויביגע פרוי................ 189
ווער איז שולדיג?................ 192
דער יונגער העלד................ 196
אויפ׳ן סטרענד................ 198
חן - גריבעלעך................ 200

צווייטער טהייל:

1. יוגענד חלומות: ליעבע, לוסט און ליידענשאפט.

בין השמשות־געדאנקען

א טיעפער, טיעפער ברונעם	203
טיעף אין מיין הארצען פערבארגען	205
מיר קומען צו־חלום פערשטארבענע קוסען	206
ס'האט קינדער מיין מוזע געהאט	207
ס'איז דא א ריטהעם אין דעם דופק	208
איך האב דיך בעזיפצעט, בעזונגען	209
אלץ וואס דער לעבען קען געבען	210
איך שטעל ניט א האנד אויס	211
עס קומט מבקר־חולה זיין	212
זי שטעלט אויס די ליפעלעך	213
גערן וואלט איך ווי שלמה המלך געלעבט	214
אביסעל יענעם, אביסעל דעם	215
איך דארף ניט קיין מזל	216
ווען איך וואלט געוועזען יהושע בין נון	217
טיעף אין וואלד האט די לופט זיך גערעגט	218
זיי זיינען זיך דארטען געזעסען די צוויי	219
אה, די פוסטע, קאלטע ווערטער	220
עס טרעפען זיך, שלינגען זיך ליפען	221
און ווידער אמאל איז זי שבעה געזעסען	222
זיין וואלט איך א קינדער־קעניג	223
איך וויים, איך וויים!	224
איך שווייג און זי פרעגט	226
„סאפא"	228
ניט אמת?	230

איך גיב אויף 232
„חוני המעגל" 234
אַ מאַמע'ס הארץ 239
אַ הספד אויף דאָננאַ בלאַנקאַ 240
ווער ווייס... 244
ניש'קשה (אַ געגען־קלאַנג) 246
ביידע וועלטען 247
מיין שוואַנענגעזאַנג 250

2. אידישקייט, „געטליכקייט" און געלעגענהייטס־געדיכטע.

ריקבליק אויף שנת תרמ"ד 257
צו כנסת ישראל 259
עבדים היינו 263
איש תם יושב אוהלים 265
עס שטעהט געשריעבען 266
פערדינאַנד לאַסאַל 268
מאַרקס דער זיעגער 276
פריעדריך ענגעלס 277
וויליאַם מאַררים 278
וויקטאָר הוגאָ 280
צו יעקב גאָרדין'ס ערסטען יאָהרצייט 281
פראָלאָג צו מירעלע אפרת 283
צו די „פרייע אַרבייטער שטימע" 287
צו מיינע ברידער אין אַמעריקאַ 289

3. עטוואָס הומאָר און סאַטיריע.

ווי רייכע לייט לעבען .... 293 | סענדער און וועלוועל.... 311
רוסלאַנד און פראַנקרייך... 306 | בודעל פאָליטיק........ 312
גאָט מאַמאָן............ 309 | אין דעם שטרודעל....... 314
בריות אין רעדען...... 316

ערסטער טהייל

פאָלקס-ליעדער

1. קליינע ליריקס

דריי געגענזעצע

טויזענדווייז בלישצען היינט אָוועגד די שטערען,
ציערענדיג אויבען דעם הימעל מיט פּראַכט;
דאָ אויף דער ערד בלישצען אויגען מיט טרערען,
טרערען פון פּנים׳ער — שוואַרץ ווי די נאַכט.

טויזענדווייז צוויטשערן צווישען די בלעטער
פייגעלעך לוסטיג, אויף בוימער אין וואַלד;
דאָ קרעכצען קראַנקע אויף שטיינער און ברעטער,
זיפצען געשפּענסטער אין מענשען־געשטאַלט.

טויזענדווייז בליהען אין גאָרטען די בלומען,
געבענדיג פון זיך אַ ליעבליכען דופט;
דאָ וועלקען קינדערלעך, דאַרבען, פערקומען,
קינדער פערשפּאַרטע אין פּעסטיגע לופט.

***

פייגעלעך זינגען, עס שמייכלען די שטערען,
און מיט׳ן ווינטעלע שפּיעלט זיך די בלום;
אַך, זיי, די גליקליכע, קענען ניט הערען
זיפצענדיג מענשען אַרום און אַרום...

אַ צומישטער חשבון

איך צעהל אוים אין טאָג אַלע שטונדען,
אין זיי צעהל איך יעדע מינוט,
אין יעדער מינוט — די סעקונדען,
פערצייכען זיי ריכטיג און גוט.

דאַן צעהל איך די בלוטיגע וואונדען
פון פאָלק ווען איך הער צו זיין קלאָג,
און זעה, אַז מיר פעהלען סעקונדען
פאַר יעדע פון זיי אין אַ טאָג.

און דאַן ווערט מיין חשבון פערשוואונדען,
צום ווינד געהט אַוועק מיין געשריפץ;
פערווירט זיץ איך אַב גאַנצע שטונדען,
נור ווען־ניט־ווען טהו איך אַ זיפץ...

צום אַרבייטער

איך האָב דיינע פריידען בעזונגען,
דאָך מעהר דיינע ליידען בעקלאָגט ;
איך בין אין דיין האַרצען געדרונגען,
צו זעהן, אויב דער פולס דיינער שלאָגט ;

צו זעהן אויב דו ביסט ניט אַ טויטער,
וואָס וואַנדעלט אַרום אין דער נאַכט,
און אויב אַ בלוטס-טראָפּען אַ רויטער
איז דאָ אין דיין קערפּער אָהן מאַכט ;

צו זעהן, אויב דו פיהלסט דיינע קוואַלען
און אויב דו בעגרייפסט גאָר דיין נויט,
צי ביסטו ניט ווירקליך פערפאַלען
אין טויט, ניט געשטאָרבענערהייט.

אומזיסט בין איך דעננאָך געוועזען
פערטיעפט אין דיין אָרעמע האַרץ,
איך האָב דאַרין גאָר נישט געלעזען :
אַך, דאָרטען איז דונקעל און שוואַרץ !

עס שרייבט זיך ניט

מיין פעדער איז טעמפּ, און די טינט מיינע — בלאַס,
איך וויל און איך קען היינט ניט שרייבען;
און אויסערדעם איז דאָס פּאַפּיער עפּעס נאַס,
עס געהט ניט, עס העלפט ניט דער טרייבען.

מיין פעדער ווערט טעמפּ ווייל עס ציטערט די האנד,
בעטראַכטענדיג אָבער און ווידער
וואָס איהר — אָך, אונגליקליכע! — ליידט נאָך אנאַנד,
אונגליקליכע אַרבייטער־ברידער.

און בלאַס איז די טינט ביי מיר, נאַס דאָס פּאַפּיער,
וואַרום — וועל איך באַלד אייך ערקלערען:
די טינט, דאָס פּאַפּיער — רק זיי ווערען ביי מיר
פערגאָסען מיט בלוטיגע טרערען.

צו די קלוגע

איהר מיינט אַז אַ מענש איז ניט ניכטער,
וואָס גלויבט אין אַ בעסערע צייט;
איהר רופט מיך אַ טרוימער, אַ דיכטער,
איהר קלוגע, איהר פּראַקטישע לייט.

איך וויל אָרום דעם היינט ניט שטרייטען,
לאָז זיין איך בין טאַקע בערוישט, —
מיט אייך וואָלט איך פאָרט זיך ניט בייטען,
וואָלט שכרות אויף גאָלד ניט פערטוישט.

און אויב זי איז ווירקליך אַ חלום,
די צוקונפט, פון וועלכער איך טראַכט,
דאַן געהט אייך, איהר קלוגע, לשלום,
און לאָזט מיך דערטריימען די נאַכט.

איהר מעגט זיך אַייך שווינדלען און רויבען,
אויב פינסטער פערבלייבט, ווי איהר זאָגט,
און איך וועל בערוישט זיין און גלויבען,
און טראַכטען אין טרוים אַז עס טאָגט.

מיין טעלעפאן

איך האָב אַ טעלעפאָן־פערבינדונג
מיט די פערהאָרעוועטע לייט ;
ער איז מיין אייגענע ערפינדונג,
און איך בענוץ איהם שוין אַ צייט.

איך שיק דורך איהם צו זיי אַ בשורה
פון דער ערלייזונג, וואָס איז נאָהנט,
ערקלער זיי זייער גרויסע גבורה
אין אחדות, שטעהענדיג אין פראָנט.

איך רוף זיי, וועק זיי יעדען מאָרגען,
און היים זיי ווירקען, היים זיי טאָן,
איך וועק אַ קראַפט וואָס ליעגט פערבאָרגען,
און וועק איהר דורך מיין טעלעפאָן.

ער איז אַן איינפאַכע ערפינדונג
און קומט אוים אָהן מאַשינעריע :
די גאַנצע טעלעפאָן־פערבינדונג
האָט נור מיין הארץ אַלס באַטעריע.

אין קאַמפּף

ווען עס וועט דער שטרייט בעגינען
פאַר די פרייהייט, געגען געלד,
וועט איהר אפשר מיך געפינען
אין די רייהען, אויפען פעלד.

דאָרטען וועל איך מיינע ברידער
פיהרען ניט אַלס גענעראַל,
איך וועל נור מיט פרייהייטס־ליעדער
זיי ערמונטערן איבעראַל.

דען צום קאַמפּף וועט מען בעדאַרפען,
יענעם טאָג פון היץ און דראַנג,
חוץ דעם ביקס, דעם שווערט דעם שאַרפען,
אַ בעגייסטערטען געזאַנג.

מיין אַמביציאָן

ניט מעכטיג און גרויס צו זיין שטרעב איך
איך האָף ניט אַ קינסטלער צו זיין;
אויך ניט פֿאַר אונשטערבליכקייט לעב איך:
דאָס קומט מיר אין זין ניט אַריין.

איך ווייס, אַז איך האָב קיין טאַלאַנט ניט
צו לעבען איין טאָג נאָך מיין טויט;
איך האָב אַזאַ פֿעדער אין האנד ניט
צו ווערען בעריהמט ווייט און ברייט.

נור א י י ן זאַך האָף איך צו דערלעבען,
כל־זמן עס איז האָפֿנונג פֿאַראַן:
איך מיין, אַז מיין ווערק דאַרף מיר געבען
דעם טיטעל — „אַן עהרליכער מאַן".

„זשאַרגאָן"

היער שטעהט אַ מאַן, וואָס הערט מיין ליעד
אונ שמייכעלט צו דערביי;
זיין פּנים זאָגט: ווי קומט אַ איד
צו פּערזען־שרייבעריי?

ער מיינט, אַז דיכטען אין זשאַרגאָן
איז היילע פאַנטאַזיע.
„ווי קומט דער לשון פון סמאַרגאָן
— פרעגט ער — צו פּאָעזיע?"

איך ענטפער איהם: אַ מענש קען זיין
אַ דיכטער אין זשאַרגאָן,
פּונקט ווי מען קען אין ריין לאַטיין
אַ דומען שמייכעל טהאָן.

איך זאָג איהם אויך, אַז איך אַליין
האָב ליעב די שפּראַך דערפאַר,
וואָס איהר קען שווער אַמאָל פערשטעהן
אַן איינגערעדטער נאַרר...

צום אַרבייטער

אַ בקשה.

אָה, טולע מיך צו צו דיין וואַרעמער ברוסט,
אָה, טולע מיך צו, ליעבער ברודער!
מיר שוידערט פאַר קעלט און מיך מאַטערט דער הוסט,
מיך קוועלט דיעזער קאַלטער גערודער.

איך בין אין אַ שטרודעל, וואָס ברויזט ווי דער ים,
וואו אַלעס וואָס צאַרט איז געהט אונטער;
איך בין אין אַן אָרט, וואו מען זויגט איין אַ סם,
צו בלייבען אַ וויילינקע מונטער.

דער גיפטיגער שטרודעל איז מורא'דיג שטאַרק,
וואָס קען געגען איהם טהאָן אַ קראַנקער?
מיין שיפעלע וואַנקט און דער ווינד ברעכט מיין קאַרק,
אָה, ברודער'ל, זיי דו מיין אַנקער!

און, ברודער, די קעפּ אַרום מיר זיינען פּוסט,
די הערצער — זיי ריעכען ווי לודער...
אָה, טולע מיך צו צו דיין וואַרעמער ברוסט,
אָה, טולע מיך צו, ליעבער ברודער.

מיין פּאאר טייבעלעך

איך האָב אַ פּאָאר טייבעלעך שעהנע,
זיי זיינען אַן ער און אַ זי ;
זיי וואָלטען אַ דיכטער, ווי היינע,
פערזאָרגט מיט אַ סך פּאָעזיע.

ער וואָלט זייער אויסזעהן בעשריעבען,
מיט ווערטער פון פּערעל און גאָלד ;
און אייביג בעריהמט וואָלט געבליבען
דאָס בילד, וועלכעס ער וואָלט געמאָלט.

איך האָב ניט אַ פעדער ווי זיינע ;
אויך מאַך איך קיין ליעד ניט וואָס רעדט
פון גליקליכע קינדער ווי מיינע,
דען איך בין אַ פאָלקס־לייד פּאָעט.

איך קען מיין פּאָאר טייבעלעך זעלטען
בעטראַכטען לאַנג פרעהליכערהייט :
איך זעה רק די טוכלע געצעלטען,
וואו עופה׳לעך ליעגען אָהן ברויט ;

וואו עלענדע קליינינקע טייבעלעך,
אַן יועלכע איין יעדער פערגעסט,
מיט שמוציגע, שוואַכינקע לייבעלעך,
פערקומען אָהן פוטער אין נעסט.

אַ וואונש

מיט די פליגלען פון אָדלער, צו טהאָן זיך אַ הויב
אויף אַ באַרג, וועלכען וואָלקענס בעדעקען ;
מיט די מעכטיגע שטים פון אַ צאָרניגען לייב,
וואָס ערפילט אָפט די וועלדער מיט שרעקען —

וואָלט איך הויך אויפען באַרג זיך דערלאַנגען אַ שוואונג
און צו אייך, פראָלעטאַריער, שרייען :
הויבט זיך אויף אונטערדריקטע, שטעהט אויף אַלט און יונג,
עס איז צייט אַז איהר זאָלט זיך בעפרייען !

דער לאָנדאָנער „פאָג"

איך פרעג די זון, וואָרום זי לאָזט
דעם שוואַרצען נעבעל איהר פערשטעלען;
וואָרום זי זאָל דעם ווינד יואָס בלאָזט,
איהם צו פערטרייבען ניט בעפעהלען?

זי ענטפערט מיר, איהר איז דער „פאָג"
אַ ליעבער פריינד, וואָס זי מוז אַכטען:
ער מאַכט אַז זי זאָל יעדען טאָג
ניט דאַרפען אונזער לאַנד בעטראַכטען.

„איהר האָט געמאַכט אייער פּלאַנעט
— זאָגט זי, די זון — פאַר אַ גיהנם:
דער מענש — ער ווערגט און האַבעוועט,
בע׳גנב׳עט דעם, בע׳גזל׳ט יענעם.

„ער אונטערדריקט זיין פלייש און בלוט,
די הענד, וואָס קאָרמענען איהם, בייסט ער.
ער טרייבט און יאָגט, און שלאָגט מיט וואוטה,
און וויל זיין אומעטום אַ מייסטער.

„איך דאַנק דערפאַר דעם שוואַרצען פאָג
ווען ער פערשפּאַרט מיר אָפּט צו זעהען
אין איין שטאָדט, וועניגסטענס איין טאָג,
די זאַכען וואָס ביי אייך געשעהען."

מיין שבועה

ווען איך בין פאַר פרייהייט אין תפיסה געזעסען
מיט יאָהרען און יאָהרען צוריק;
ווען איך בין געווען ווי אַ טויטער פערגעסען
פון פריינדע, פון ליעבע, פון גליק, —
דאַן האָב איך געשוואָרען אַ הייליגע שבועה,
צו קעמפּפען פאַר וואַהרהייט און רעכט;
צו אָפּפערען יוגענד, און וואוילטאָג און רוהע,
די רוהע פון טעג און פון נעכט, —
כל זמן ווי דער מענש ווערט פערבלייבען אין קייטען,
די וועלט, זי ווערט זיין אַן אַסטראָג,
כל זמן ווי דעם אַרבייטסמאַן וועלען בעגלייטען
דער חשך, דאָס אונגליק, דער קלאָג.
דאָס האָב איך צוריק מיט אַ רייהע פון יאָהרען,
אין טורמע, פערשפּאַרט און פערמאַכט,
אין דונקעלער איינזאַמקייט, הייליג געשוואָרען —
און מיך האָט געהערט דאַן די נאַכט.
און דענסאָך, ווען איך האָב גענומען ערפילען
מיין וואָרט צו דער הייליגער זאַך,
איז מעכטיג געוועזען אין מיר נור דער ווילען,
דער רעסט אָבער מורא'דיג שוואַך.

פייער און וואַסער

פון די וואָלקענס גיסט דער רעגען
אָהן אַן אויפהער אויפען גאַס,
דאָך דעם ברוק איז צו בעוועגען
שווערער, ווי צו מאַכען נאַס.

אָבער האַרטער ווי די שטיינער
איז די האַרץ פון געלד־טיראַן:
איהר וועט ווייך ניט מאַכען קיינער,
חוץ דער אויסברוך פון וואולקאַן...

אָה, דורך פלאַמען, ניט דורך טרערען,
וועלען הערצער פון גראַניט,
ווי מעטאַל צולאָזען ווערען —
פאָלק, דו גלויב אין טרערען ניט...

וואלט איך...

וואָלט איך ווייניגער געפיהלט,
אָדער ווייניגער פערשטאַנען,
וואָלט מיין בלוט זיך אָבגעקיהלט,
וואָלט מיין שמערץ זיך אויסגעשטאַנען.

אָבער איך וואָלט ניט געווען
גליקליכער ווי איך בין איצטער,
ווייל איך וואָלט געהערט, געזעהן
ווי אַ מענש אַן אָבגעניצטער.

אָהן געפיהל און אָהן פערשטאַנד
קען מען ליידען זיך פערשפּאָרען,
האָבען וואוילטאָג אַלערהאַנד
און פערלענגערן די יאָהרען.

אָבער איך וואָלט קיין מעת־לעת
ניט געקענט דעם נחת האָבען,
יואָלט בעטראַכט זיך ווי אַ מת,
וואָס דער קברן דאַרף בעגראָבען.

עס זעהט זיך לאַנד

אונזער שיפעלע איז קליין,
און אונז פעהלט אַ קאַפּיטאַן,
און מיר געהען גאַנץ אַליין
אויפען בייזען אָקעאַן.

שטאַרק איז אָבער אונזער רודער,
אונזער מאַסט און אונזער זעגעל,
און ביין רודער שטעהט אַ ברודער,
פרייהייט שטעהט אויף אונזער דגל.

און זי געהט, זי געהט, זי געהט,
לאַכענדיג פונ׳ם שטורעם־ווינד,
וועלכער ברויזט און בלאָזט און וועהט,
וויל אונז מאַכען טויב און בלינד.

אונזער שיפעלע, די שוואַכע,
לאָזט דעם בייזען שטורעם בלאָזען,
נור אַמאָל פערלאַנגען ראַכע
די געערגערטע מאַטראָזען....

אָבער פאָרוועֶרטס געהט עס פאָרט,
נעהנטער, נעהנטער ווערט דאָס לאַנד,
און מיר קומען אויף אַן אָרט
מאַן ־ ביי ־ מאַן, און האַנד ־ אין ־ האַנד.

יעסען - צייט

פייכטער, קעלטער ווערט דער וועטער,
זעלטען איז איצט העל;
פון די בוימער פאַלען בלעטער
טרוקען, דאַר און געל.

אָה, וואו איז די פרוכט געבליבען,
זייער זומער'ס פרוכט?
האָט מען שפּאַס מיט זיי געטריבען,
האָט זיי גאָט פערפלוכט?

פרעגט זיי ניט, ווייל טויבע, שטומע,
נאַרען זיינען זיי:
טראָגען קענען נור די דומע
פּירות אַלערליי...

אָבער אַלצדינג וואָס זיי טראָגען
געהט אין פרעמדע הענט;
ווינטער שטעהען זיי און קלאָגען,
הייל ווי אָבגעברענט.

און זיי שטעהען און זיי פריערען
מיט אַ פליכען קאָפּ,
ביז מען ברענגט אַ האַק צו פיהרען,
וועלכע שניידט זיי אָב...

אונגעדולד

איך ווייס, אַז לאַנגזאַם געהן איז זיכער,
איך ווייס, אַז פאָרזיכטיג איז קלוג,
איך ווייס, אַז דער וואָס וויל געהן גיכער,
געהט צייטענווייז ניט גיך גענוג.

איך ווייס ווי שווער עס איז צו שווימען
פאַר ניט געאיבטע געגען שטראָם;
די סחורה דאַרפט איהר מיר ניט ריהמען
פון שלמה ־ דוד׳ס אַלטער קראָם...

און דאָך ווען איך בעטראַכט די צרות,
די וועלט ווי זי איז היינט געבויט,
דאַן טויג די חכמה אויף כפרות,
דאַן שפּרינג איך שיער ניט פון דער הויט.

און איך פערגעס דאַן די משלים,
די קלוגע ווערטער — שעהן און קלאָר;
איך שיק די וועלט צו די טייוואָלים,
צו אַלע פינסטערע שוואַרץ־יאָהר.

אַן עצה

ברודער, לאָז זיך פריינדליך פיהרען
דאָרטען, וואו דו ווייסט דעם וועג ניט,
היט זיך אָבער פון מאַרשירען,
וואו מען זאָגט דיר: געה און פרעג ניט.

בעסער בלאָנדזשע, געה אויף דערנער,
אָבער פאָלג אַ מענשען בלינד ניט;
ווילסטו וויסען — זיי אַ לערנער,
דאָך בעטראַכט זיך ווי אַ קינד ניט.

ווער עס זאָל ניט זיין דער פיהרער,
ברודער, זיי קיין בלינדער שעפּס ניט,
פאָלג קיין פיהרער, קיין פערפיהרער,
ווי אַ בלינדער, דומער שעפּס ניט.

מרה שחורה

די צייטונגען פערבלענדען אייך די אויגען,
די פרעדיגער פערדרעהען אייך די קעפּ,
פון ביידע ווערט איהר, אַרבייטער, ערצויגען
צו נעהמען און ניט אָבצוגעבען קלעפּ.

די פאַבריקאַנטען לאָזען אייך אָהן קרעפטען,
די האַנדעלסלייט אָהן העמדער אויפען לייב,
פון אייער דומהייט מאַכען זיי געשעפטען
און אייער שמאַך איז זייער צייטפערטרייב.

דער מאַגיסטראַטס-הער מאַכט אייך אָן א מורא,
דער פּאָליציייסקער האַלט אייך פעסט אין צוויק;
און טאָמער גלויבט איהר ניט אין יענעמ'ס תורה,
ברעכט דיעזער אייך די האַלז און דעם געניק.

איהר שמידט אַליין פאַר אייער גוף די קייטען,
איהר פלעכט אַליין פאַר אייער האַלז די שטריק;
איהר העלפט אַליין פאַר זיך דעם נעץ פערשפּרייטען,
איהר בויט אַליין דעם פאַנגערס פעסטען בריק.

און איהר וועט ליידען ווי איהר האָט געליטען,
אויב אייך איז אַזוי זיס די שקלאַפעריי,
אויב איהר ווילט אייביג שפּייזען פּאַראַזיטען,
און וואַרטען אויפען טויט צו ווערען פריי.

אַן ענטפער

דו פרעגסט, ווּאַרום איך ריים אויף וואונדען
ווען איך ברענג קיין זאַלב ניט מיט,
און לאָז ניט בלייבען זיי פערבונדען,
אויב איך האָב קיין באַלזאַם ניט.

אַך דו, מיין ליעבסטער, דו דאַרפסט וויסען,
דיעזע וואונד איז שרעקליך אַלט,
און אויב זי בלייבט ניט אויפגעריסען,
בלייבט דער קראַנקער צו איהר קאַלט.

דעם חולה מוז מען ערסט דערצעהלען
וואָס ער טראָגט אין זיך אַרום;
ניט וועט ער גאָר זיך וועלען היילען,
אויב ער בלייבט פערבלענט און דום.

איך ווייז די גיפט איהם אין די וואונדען,
ווייז דאָס פוילען פונ׳ם ביין.
איך ריים אויף דאָס, וואָס איז פערבונדען,
העלפען מוז ער זיך אַליין.

האַנד און פערשטאַנד

איך דריק דיין געזונדע און מענליכע האַנד,
דיך טרעפענדיג און פון דיר שיידענדיג;
איך זעה דיין געזונדען און קלאָרען פערשטאַנד,
מיט דיר — פראָלעטאַריער — רעדענדיג.

די האַנד, דער פערשטאַנד זיינעןביידע געזונד,
און דאָך איז דיין לעבען קיין לעבען ניט;
דער גרונד דערפון איז אַ גאַנץ איינפאַכער גרונד,
זיי איינער צום צווייטען זיך קלעבען ניט.

דיין האַנד, וועלכע אַרבעט, זי ווירקט אָהן פערשטאַנד,
דו לעבסט, קיין שום פרייד ניט פערזוכענדיג;
דעם שכל, וואָס דענקט, פעהלט אַ קרעפטיגע האַנד.
דו ליידסט, דערפאַר, מיטעל ניט זוכענדיג.

ווען דו וואָלסט געקענט דעם פערשטאַנד מיט די הענט
איין איינציגען טאָג נור פעראייניגען, —
דו וואָלסט אָן די הענט דעם פערשטאַנד אָנגעווענט,
דיין לעבען צו קרעפטיגען, רייניגען.

וואַהרע ליעבע

פרעגט ביי מיר וואָס ליעבע הייסט,
אויב איהר ווילט עס וויסען;
און אפילו אויב איהר ווייסט,
פרעגט אום מעהר צו וויסען.
ליעבע הייסט ניט געבען פ י ע ל
ליעבע הייסט ז י ך געבען —
ווען זי איז דער צוועק, דער ציעל
פון אַ גאַנצען לעבען.
ליעבע הייסט אויך ניט אַליין
געבען זיך מיט ווילען,
דען זי מוז, ווען זי איז ריין,
טהאָן דאָס און ניט פיהלען.
און ניט ליעבע צו אַ פרוי
וואָס קען ווערען קעלטער:
אַך, די בלאָנדע ווערען גרוי,
און די יונגע — עלטער.
ליעבע הייסט: דעם פאָלק מיט פרייד
לייב און זעעל דערלאַנגען,
געבען זיך, אָהן הויכע רייד
און קיין לוין פערלאַנגען.
זי, זי גופה איז דער לוין
קיין געצאָהלט חוץ א י ה ר נ י ט.
ברידער פרואווט דאָס אוים אַליין,
טאָמער גלויבט איהר מיר ניט.

די לבנה

ווייסט איהר וואָרום די לבנה איז בלייך?
ווייסט איהר וואָרום זי פערשטעקט זיך?
הינטער די וואָלקענס, דעם נעבעל, דעם רויך
ווייסט איהר וואָרום זי פערשטעקט זיך?

דאָס איז דאַרום ווייל די וועלט איז ביי־נאַכט
פול מיט ערשרעקענדע בילדער;
דאָס איז דאַרום ווייל די וועלט ווערט געמאַכט
טעגליך אַלץ ערגער און ווילדער.

דאָס איז דאַרום, ווייל דער דלות, די נויט
פילען די נאַכט אָן מיט שרעקען,
וועהרענד עס וואַנדלען פערקומערטערהייט,
הונגערלייט אין אַלע עקען...

און די לבנה׳ס הארץ, וועלכע איז וויך,
פיהלענדיג מענשען־לייד, שפּאַלט זיך,
דאָס איז וואָס מאַכט אַז איהר פּנים איז בלייך,
וואָס זי פערקריכט און בעהאַלט זיך.

פאַרטיי־פּאָליטיק

איך לאָז ניט פערצאַמען
מיין וועג דורך פּראָגראַמען,
איך קען קיין פּאַרטיי־מאַן ניט זיין;
איך קען מיין געוויסען
ניט בינדען און שליסען
אין ענגע שנוראָווקעס אַריין.

איך וויל ניט בעשרענקען
מיין מוח צו דענקען
אַזוי ווי עס דענקט די פּאַרטיי;
איך קען אייך לייכט געבען
אַ טהייל פון מיין לעבען,
אַליין אָבער מוז איך זיין פריי.

מיין „איך" מעג פערשווינדען,
אום זיך צו פערבינדען
מיט אייך, אויב איהר האָט וואָס צו טהאָן;
דאָך פריי מוז איך ווערען,
און וויעדער געהערען
צו זיך — ווען די טהאַט איז געטהאָן.

טרויעריגע מוזיק

די וועלט מעג זיך זיין אַ מוזיק־אינסטרומענט,
פון וועלכען אַ שפּיעלער — אַ קענער,
קען מיט מוזיקאַליש געבילדעטע הענט
אַרויסברענגען לוסטיגע טענער.

דאָס קען (אויב ער קען) נור דער קינסטלער אַליין
און איך בין אַזאַ מוזיקאַנט ניט:
ביי מיר ווערט פון אַלערליי טענער געוויין
צו פרעהליכע האָב איך קיין האַנד ניט.

פאַר מיר איז די וועלט אַ מוזיק־אינסטרומענט
מיט סטרונעס דורכווייקטע פון טרערען;
און וואו איך דערלאַנג נאָר אַ ריהר מיט די הענט,
לאָזט גליך זיך אַ טרויערקלאַנג הערען.

אַן ק. גאַלאָפּ — אַ סאָנעט

(קורץ פאַר זיין טויט)

אין וואָלקענס ווען איך בין געוועזען פערשלונגען,
אַזוי ווי דער מאָנד פאַר אַ רעגען ביי־נאַכט;
בעת שווער און בעדריקט איז געוועזען געמאַכט
מיין האַרץ פון אַ קומער, געפאַנגען, בעצוואונגען, —

דאַן ביזטו, מיין ברודער, אין איהר איינגעדרונגען,
האָסט מונטערקייט, מוטה איהר און פריעדען געבראַכט;
די האַלב־טויטע ברוסט האָט דאַן ווידער ערוואַכט,
דער קול, דער פערשטיקטער, האָט ווידער געזונגען.

איצט האָבען זיך אונזערע ראָלען געביטען:
איך רעג זיך, בעוועג זיך — אַ מאַן, אַ פּאָעט,
אַזוי ווי'ך וואָלט קיינמאָל ניט, גאָר ניט געליטען,

בעת דו, מיין ערמונטערער, ליעגסט קראַנק אין בעט,
און איך קום איצט ד י ך פון פערצווייפלונג צו היטען,
צו זאָגען: מיין ברודער מוז לעבען און ו ו ע ט.

28 דעצ., 1891

די וועלט פאַר די רייכע

זיי בעטראַכטען די וועלט ווי אַ מאַרק,
און די אָרעמע מענשען ווי וואַארען,
און זיי זיצען ביים פאָלק אויפען קאַרק,
פון דער הויך צו בעטריגען די נאַרען.

זיי בעטראַכטען די וועלט ווי אַ טייך,
וואו דאָס פאָלק איז די פיש, וואָס זיי פאַנגען,
און זיי ווערען פון פאַנג ניט נור רייך,
דער פיש מוז נאָך דעם נעץ זיי דערלאַנגען.

זיי בעטראַכטען די וועלט ווי אַ וואַלד,
וואו זיי יאָגען די מענשען ווי האָזען,
און זיי האַלטען פאַר רעכט די געוואַלד,
פאַר אַן אונרעכט — זיך שינדען ניט לאָזען.

און דער אָרעמער געהט אויפען מאַרק,
און ער לאָזט זיך אין נעץ פון זיי פאַנגען,
און ער מערקט אויפען יאַגד ניט ווי שטאַרק
ער אַליין איז אַ קלאַפּ צו דערלאַנגען.

און אַזוי גיט ער איבער די וועלט
צו די הענדלער, די פאַנגער, די יעגער,
וועלכע האָבען נור דאַן ווען איהם פעהלט, —
איהם, דעם מאַכער, דעם טהוער, דעם טרעגער.

1892

אומזיסטיגע אַרבייט

איך האָב גענומען ווערטער קלייבען,
צו שילדערען מיין ליעב און לייד ;
דאָך ניט מיט ווערטער, ניט מיט רייד
לאָזט לייד, לאָזט ליעבע זיך בעשרייבען.

און איבערהויפּט ווען די געליעבטע
איז ניט איין איינציגע פּערזאָן,
און איז זאָגאַר ניט אַ נאַציאָן,
און איז די מענשהייט די בעטריבטע...

עס וועט קיין פעדער ניט בעשרייבען,
קיין צונג ניט שילדערען מיט רייד
אַזאַ מין ליעבע און איהר לייד ;
עס איז אומזיסט דער ווערטער־קלייבען.

וועמען צו בעוויינען

בעוויינט ניט די מענער, וואָס געהען
דורך פאָלקסליעבע אויפען שאַפאָט;
בעטראַכט זייער שטאָלץ, ווי זיי שטעהען,
און טראָצען דעם ווילדען דעספאָט.

ניט דאַרפען זיי אונזערע טרערען,
ניט בעטען זיי אונזער געוויין;
זיי ווילען נור מיר זאָלען ווערען
מעהר מוטיגע מענער אַליין.

דאָך אויב איהר ווילט טרערען פערגיסען,
און קלאָגען אויב אייך ווילט זיך פאָרט,
די טרערען לאָזט אייערע פליסען,
און איך וועל אייך ווייזען אַן אָרט.

אָט לאָמיר בעוויינען צוזאַמען
די העלדענ'ס געליעבטע און פריינט,
דעם'ס קינד, יענעם'ס עלענדע מאַמען,
איהר, וועלכע ווערט אַלעס אָן היינט.

און איהר מיט מיר קענט אויך בעקלאָגען,
צוגלייך זיך אַליין אין דער שטיל;
אונז אָרעמע, אַך! מיר פערמאָגען
גבורים אַזעלכע ניט פיעל.

אין סלעק־צייט

די פייגעלע — זי הונגערט אין איהר שטייגעל,
די הינדעלע זוכט גערשטען און געפינט ניט,
די בלימעלע געהט אונטער אויפען צווייגעל, —
אָך, זייער בעל־הבית, נעבעך, פערדיענט ניט.

אין וויגעלע דאָס קינד ליעגט ניט געגעסען:
די מאַמע׳ס מילך איז מיט אַמאָל אוועק היינט;
די מיידעלע, די עלטערע בעט עסען, —
אָך, ליעבסטע, אייער ברויט־געבער האָט סלעק היינט.

און מעהר איז אין קאַמין ניטאָ קיין קוילען,
די בעטען — אין זיי זעהען זיך די ברעטער,
פערמאָרעט ליעגט זיך יעדערער אויף הוילען,
ווייל, חוץ די נויט, איז לאַנג שוין אַלץ ביי׳ן פעטער.

דערפאַר איז פוסט ביי׳ן פייגעלע אין שטייגעל,
דערפאַר האָט איצט אַ קינד ניט וואָס צו עסען,
דערפאַר פערוועלקט דאָס בלימעל אויפען צווייגעל,
פון אַלעמען פערלאָזען און פערגעסען.

דער פּאָרטשרייט

אָ, ניין! קיין יהושע בין־נון,
קיין נביא וועט היינט דורך אַ נס
ניט אָבשטעלען מעהר דעם פּראָגרעס,
ניט שטערען דעם שיין פון די זון.

קיין מלאך, קיין שד וועט איצונד
ניט אויפהאַלטען לענגער די צייט
פון׳ם לעצטען, ענטשיידענדען שטרייט,
אפילו ניט אויף אַ סעקונד.

זיי מעגען דערלאַנגען אַ רוק
די ווייזערס צוריק פון די אוהר,
די צייט אָבער פאָלגט דער נאַטור,
דעם צייטגייסט דערשטיקט ניט קיין דרוק.

ער געהט זיך גאַנץ רוהיג זיין גאַנג,
ער בלייבט אַ מינוט ניט שטעהן שטיל,
און ענדליך מוז קומען צום ציעל
די מענשהייט בעפרייט פון איהר דראַנג.

פילאַנטראָפּען

װען זײ זױגען אױס דעם לעצטען טראָפּען
פון דעם אױסגעקװעלטען מענשענ׳ס בלוט,
װערען די װאַמפּירען — פילאַנטראָפּען,
פרײנדליך, פרום און גוט.

װען זײ קריעכט פון האַלז שױן יעדער ביסען,
און אין מאָגען ליעגט אַלץ װי אַ שטײן,
לאָזען זײ דעם אָרעם מאַן געניסען —
צײטענװײז אַ בײן.

און דער שקלאַף האָט בושה פאַר אַ טיטעל,
פאַר אַ נאָמען, און ער כאַפּט אַראָב
האַסטיג, זיך פערבױגענדיג, די היטעל
פאַר׳ן פילאַנטראָפּ.

און ער װײס ניט, אַז די פילאַנטראָפּען
װאָלטען ניט געקענט זײן פרום און גוט,
װען דער טױער װאָלט געהאַט אײן טראָפּען
מעהר פערשטאַנד און מוט!

נאך ק. גאלאפּ — אַ סאנעט

(קורץ נאָך זיין טויט)

ער רוהט! פאַר דער צייט פון יסורים געטריבען
אין קבר אריין, ליעגט ער טויט פאַר דער וועלט
נאָך אימער געליעבט, דאָך שוין מעהר ניט געקוועלט,
אליין ניט מעהר פעהיג צו האסען, צו ליעבען.

ער רוהט, ער וואָס איז ביז צום ענדע געבליבען
בעגייסטערט פאַר פרייהייט, פאַר וואַרהייט בעזעעלט,
ער רוהט, און דעם אידישען אַרבייטסמאַן פעהלט
דער פריינד, וועלכער האָט איהם געפיהרט און בעשריעבען.

ער רוהט, נאָך אַ דאָפּעלטען קאַמפּף און אַ לאַנגען
מיט פיינדע פון פאָלק און דעם פיינד אין דער ברוסט,
פון יענע געיאָגט און דורך דיעזען געפאַנגען;

ער רוהט אַ דערשטיקטער פון בייז און פון הוסט,
פונ'ם קאַמפּף, וואָס אין איהם איז ער מוטיג געגאַנגען
אַן אָפּפער פאַר פרייהייט, געאָפּפערט מיט לוסט.

28 יאַנואַר 1892

גאַט׳ס סטראַפּצעס

זיי קומען און דערצעהלען אייך:
איהר דאַרפט זיין פרום און גוט,
און טהאָן וואָס זיי בעפעהלען אייך,
און ליעב האָבען די רוט.

זיי קומען און זיי זאָגען אייך:
איהר דאַרפט ניט דענקען פיעל,
אַז ווען די טרייבער יאָגען אייך,
האָט דאָס אַ צוועק, אַ ציעל.

זיי קומען און ערקלערען אייך:
איהר האָט אַן אַנדער וועלט,
וואו קיינער וועט ניט שטערען אייך
צו טהאָן וואָס אייך געפעלט.

זיי קומען און פעררעדען אייך
דעם שמערץ מיט פרומע רייד;
און גיבען אין גן־עדן אייך
נחמות — נאָכ׳ן טויט.

איהר הערט זיי, הערט זיי, נאַרעלעך,
און ליידט, און נעהמט צו קלעפּ,
און האַלט אוים אַל די האַרעלעך,
וואָס ברעכען אייך די קעפּ.

ווענען איהם — ק. גאַלאָפּ

וואָס האָסטו געוואונען דורך אונזער פערלוסט,
זאָג, אונבאַרמהערציגער טויט ?
ניט שוין האָבען אונזערע שמערצען דיין ברוסט,
די שוואַרצע ברוסט דיינע ערפרעהט ?

וואָס האָסטו געוואונען דורך אונזער פערלוסט,
זאָג, גרויזאַמע שטיפמאַמע ערד ?
ביי דיר איז ניט פולער, ביי אונז אָבער פוסט,
עס ראָסט אין דיין שייד אונזער שווערד.

וואָס האָסטו געוואונען דורך אונזער פערלוסט,
זאָג, ווייסע מגפה, דו, זאָג ?
ניט־שוין האָסטו פריידען געפונען און לוסט
אין אונזער אונענדליכען קלאָג ?

זיי שווייגען, די שווינדזוכט, די ערד און דער טויט,
זיי האָבען קיין האַרץ ניט, קיין זין ;
אַזוי ווי עס שווייגט איצט בעגראָבענערהייט,
בעשאָטענערהייט — קאָנסטאַנטין.

נעכטען, היינט און מארגען

אונזער נעכטען איז געוועזען ביטער,
אונזער היינט, איז אויך ניט זיס,
אונזער מאָרגען ברענגט נור נייע ריטער,
קייטען פאַר די הענט, די פיס.

יעדער טאָג איז פאַר זיין ברודער ערגער,
שרעקליך זיינען אַלע נעכט,
טאָג און נאַכט — זיי זיינען ביידע ווערגער
פאַר די פרייהייט און דאָם רעכט.

1892

די רויטע פאהנע

אונזער פאָהנע איז רויט, ליעבע ברידער,
ווייל מיר ווילען, אַז קיינער זאָל מעהר ניט זיין בלאַס ;
אַז די פאַרבע פון נויט, ליעבע ברידער,
זאָל ניט טראָגען דער פנים פון אַרבייטער קלאַס.

אונזער פאָהנע איז רויט, ליעבע ברידער,
ווייל מען האָט איהר בעפאָרבען מיט אַרבייטער־בלוט
אין די צייטען פון נויט, ליעבע ברידער,
אין די צייטען פון רויב און פון מאָרד און פון וואוטה.

*
**

אונזער פאָהנע איז רויט, ליעבע ברידער,
ווייל מיר ווילען דעם פורפור, וואָס האָט אַזוי לאַנג
די טיראַנען געקלייט, ליעבע ברידער,
איבערגעבען דעם פאָלק מיט אַ יובעלגעזאַנג.

1889

דער „אמת" וועגען זיך

איך לאַך פון יעדען וועטער,
איך קלעטער מיר און קלעטער,
אַלץ העכער אויפ'ן באַרג;
די זונען־שטראַהלען זיינען
צו פויל, מיך צו בעשיינען,
און לייכטען אַזוי קאַרג.
איך שטייג אָבער און קלעטער,
און פריהער אָדער שפּעטער
דערגעה איך ביז'ן שפּיץ;
איך לאַך פון אַלע ווינטען,
און געה און לאָז פון הינטען
די גריבער און דעם גליץ.
סאָראָקעס לאָז איך קרעהען,
דעם שטורעם לאָז איך וועהען,
ווי יונג איך בין און שוואַך;
און בּיסלעכווייז פערשטומען
די חיות, וועלכע ברומען,
און איך — איך זינג און לאַך.
מיין פרעהליכער געלעכטער, —
ער איז בּיינאַכט מיין וועכטער,
מיין קאָמפּאַניאָן בּייטאָג;
מיין לאַסט איז ניט קיין שווערע:
מיין עהרליכקייט, מיין עהרע —
איז אַלץ וואָס איך פערמאָג.

1895

בלוט־טראָפּענס

ווען אַל־די טראָפּענס בלוט, וואָס פליסען
פון יעדער פּראָלעטאַריער־וואונד,
וואָלט אימיצער צוזאַמענגיסען,
דאַן וואָלט מען קלערער זעהן און וויסען
דעם גרונד פון זיי, דעם בייזען גרונד.

עס וואָלטען ווערען רויטע טייכען,
און יעדער וואָלט אין זיי ערבליקט
אַ שטראָם, וואָס פליסט פון זיינעסגלייכען,
און מאַכט אַ בלוט־באָד פאַר'ן רייכען,
און פאַרבט דעם וויין וואָס איהם ערקוויקט.

עס וואָלט דער אַרביימער בעגריפען,
אַז ער אַליין מיט זיינע הענד,
האָט פאַר דעם בלוטצאַפּער געשליפען
אַ שווערד, וואָס מאַכט זיין בלוט זאָל טריפען,
זאָל טריפען, טריפען אָהן אַן ענד.

דאָך אַל־די טראָפּענס בלוט זיי פליסען
בעזונדער טיעף אריין אין דר'ערד;
זיי לאָזט מען זיך פאַנאַנדערגיסען
און נור די ערד אַליין קען וויסען,
וואָס פון די טראָפּענס אַלע ווערט.

„ראַדיקאַלע" פאָלקס-פערטרעטער

זיי קומען צום פאָלק און זיי זאָגען:
דו טראָגסט אַזאַ שרעקליכען יאָך,
מיר וועלען דיר העלפען איהם טראָגען,
דו גיב אונז אַזוי פיעל אַ וואָך.

דער אַרבייטער איז זעהר גלויביג
און אַכטעט אַ מאַן אין אַ פראַק;
ער איז נעבעך אימער און אייביג
געוועזען אַ גרויסער פראָסטאַק.

ער נעהמט אָן די הילפע מיט פריידע,
דער העלפער, ער נעהמט זיין געצאָהלט,
און ער און זיין פריינד האָבען ביידע
זיך איינער דעם אַנדערן האָלד.

ער קען ניט די טובה פערגעסען,
און גיט זיי אַ הערצליכען דאַנק,
דערפאַר וואָס זיי העלפען איהם עסען
און שוויצען פאַר איהם ביין געטראַנק.

דערפאַר וואָס זיי העלפען איהם טראָגען
די לעסטיגע קליידער און שיך...
און נעהמען די מיה פון פערמאָגען
כמעט גאַר אין גאַנצען אויף זיך.

צו די פערחלומטע

איהר געהט אַרום בעקלאָגענדיג
די שלעכטע, שלעכטע צייט,
און לעגט זיך שלאָפען זאָגענדיג:
ווער וויים וואָס דאָס בעטייט?

איהר ליעגט און חלום׳ט שלאָפענדיג,
פון יענער, יענער וועלט,
אין וועהטאָג ליעגט איהר, האָפענדיג
צו קריעגען וואָס אייך פעהלט.

צו קריעגען, רוהיג ליעגענדיג,
דעם הימעל׳ס, הימעל׳ס מן,
און קלאָגט, דעם מן ניט קריגענדיג,
וואָס ער איז ניט פאַראַן.

איהר רעדט אַמאָל פון איינינקייט,
און בלייבט, און בלייבט דערביי;
אייך שרעקט רק אייער ווענינקייט
צו פּרואווען ווערען פריי.

דאַן געהט איהר אום בעקלאָגענדיג
די שווערע, שווערע נויט,
בעקלאָגענדיג, דאָך טראָגענדיג
די קייטען ביז־אין טויט.

זאָגען די רייכע

צו לעבען, צו וויסען,
דאָס לעבען געניעסען
מיט הימלישע פרוכט און געטראַנק;
צי טויבען, צי שלאַנגען —
אַבי אונז דערלאַנגען!
מיר נעהמען און געבען אַ דאַנק.
מיר ווילען פערגעסען
כל־זמן ווי מיר עסען,
כל־זמן ווי מיר טרינקען דעם וויין,
צי אַנדערע לעבען;
מיר האָבען צו שטרעבען
פאַר זיך נור, אום גליקליך צו זיין.

***

מיר, די געקליבענע,
זיי, די פערבליבענע —
מיר קענען מיט זיי זיך ניט פּאַארען;
אויסער זיך רייבענדיג,
אייביג פערבלייבענדיג
די מיהלשטיינער איבער די קאָרן.

2. לירישע געדיכטע

אַ זיסער חלום

איין שעהנעם פריהמאָרגען,
פערגאַנגענעם זומער,
בין איך, פון מיין קומער
צו בלייבען פערבאָרגען,
געוועזן אויסער זיך ;
מיין גייסט האָט געוואַנדעלט
אין נעקסטען יאהרהונדערט,
בעצויבערט, פערוואונדערט
ווי אַלץ איז פערוואַנדעלט
געוואָרען אויף גיך.

די לופט איז דורכדרונגען
געוועזן מיט געווירצען,
און צייט צו פערקירצען
האָט פרעהליך געזונגען
אַ קול אומעטום,
מיט ליעבליכע טענער,
פון וואונדערבאַר שעהנע,
געזונדע און ריינע,
אי פרויען, אי מענער,
אַרום און אַרום.

פון קינדערלעך זיסע,
מיט גליק אין די אויגען,

אין ליעבע ערצויגען,
אין לעבענס־געניסע,
און שעהן פון געשטאַלט,
וואָס האָבען געליפּצעט
אין טויזענדער ערטער,
מעלאָדישע ווערטער
און האָבען געפּיפּצעט
ווי פייגלעך אין וואַלד.

און האַמערס, און זעגען,
און הובלען, און פיילען,
זיי האָב איך פאַר מיילען
געהערט זיך בעוועגען
און געבען מוזיק, —
געצייג, וואָס בעגלייטען
די לוסטיגע ליעדער
פון אַרבייטסלייט־ ברידער,
בשעת זיי פערברייטען
אַרום זיך דאָס גליק.

און שטאָלצע פּאַלייען,
אין וועלדער פערשטעקטע,
פון בלעטער בעדעקטע,
אין בוימער־אַלעען,
אין גלאַנץ און אין פּראַכט,
זיי האָבען געוויזען
אַ לעבען פון פרייהייט,
פון ליעבע און טרייהייט,

ווי אין פאראדיזען
צוזאמען פערבראכט.

און יונגפרויען מילדע
ווי ענגעל, נור שעהנער,
און קרעפטיג ווי מענער,
און פרייער ווי ווילדע,
נור פריי מיט א זין, —
זיי זיינען געגאנגען,
די ארבייטערינען,
פון וועבען, פון שפינען,
ווייל אלע פערלאנגען
א חלק דארין.

און דאן איז געקומען
כמעט ווי צו פליהען,
ווי פייגלעך, וואס ציהען
אין שאארען און זומען,
א פולק יונגע לייט,
און זיינען מיט יענע
צוזאמען געווארען
א רייהע פון כארען
און האבען א סצענע
געבויט אן א זייט.

און באלד זיינען הארפען,
און פידלען, און פלייטען,
און זילבער־טרומייטען,

וויפיעל נור בעדארפען
זיי האָבען געקענט,
— אין מאַסען ערשיינען
— ווער ווייס זיי פון וואַנען
נור איך האָב פערשטאַנען,
אַז ווען זיי בעגינען
מוז קומען מיין ענד.

דאָס איז אויך געשעהען,
ווייל אַל־דיעזע סצענען
בעטראַכטען צו קענען
ווען איהר זייט צו זעהען
— ,געוואוינט נור די נאַכט
די נאַכט מיט איהר קומער,
דאַן קענט איהר ניט שוועבען
אין הימעל און לעבען
און... איך וואַר פון שלומער,
דעם זיסען ערוואַכט.

1892

שטימען אין דער לופט

נעבעל צוטראָגענדיג,
דונקעל פעריאָגענדיג,
וואָלקענס צושלאָגענדיג,
קומען אָן פיער
מענשען־בעגליקענדע,
גייסטער־ענטציקענדע
ליעדער, ערקוויקענדע
שטימען צו מיר.

און יעדער קעסטליכער
זידליכער, וועסטליכער,
נאָרדליכער, עסטליכער
קול אין דער לופט
זינגט דיעזע רעגענדע,
הערצער־בעוועגענדע,
ליעבליך אויפרעגענדע
ווערטער און רופט:

(דער קול פון מזרח)

גוטעס בעגעהרענדיג,
וואַרהייט פערעהרענדיג,

פרעדיג בעלעהרענדיג
ביז דו ווערסט מאט;
ליעבע פערברייטענדיג,
אחדות פערשפרייטענדיג,
פרעדיג, בעגלייטענדיג,
רייד מיט א טהאט.

(דער קול פון מערב)

שמערצען צו לינדערן,
נויט צו פערמינדערן,
שמאך צו פערהינדערן
זוך אויס א וועג;
לאז ער בעשווערליך זיין,
לאז ער געפעהרליך זיין,
קען ער נור עהרליך זיין,
איז ער דיין וועג.

(דער קול פון צפון)

זיך אליין לענקענדיג,
קיינעם ניט קרענקענדיג,
בייז ניט געדענקענדיג,
ווירק איבעראל;
זאל קיין בעליידיגונג —
ניט זיין א שעדיגונג
צו דיין פערטהיידיגונג
פון אידעאל.

(דער קול פון דרום)

פיהר, ניט פערפיהרענדיג,
שרייב, ניט פערווירענדיג,
רעד און רעד ריהרענדיג,
שלעפער ניט איין;
לאָז ניט א גרעסערן,
אפשר א בעסערן,
מענשען פערוועסערן
גייסטיגען ווייז.

(אלע אין כאָר)

וויינענדיג, לאכענדיג,
טרוימענדיג, וואכענדיג,
טוענדיג, מאכענדיג,
טראכט ארום זיי, —
זיי, וואָס פערביטערן
אלץ זיך, און פיטערן
שלאנגען, און ציטערן
אייביג פאר זיי.

דער יאַמער־קול

איך הער אַ קול, אַ יאמער־קול,
אַ שמערצליכען געשריי;
איך הער איהם, דוכט מיר, אויף אַ מאָל,
אין ערטער אַלערליי.

איך הער איהם דאָרטען, הער איהם דאָ,
איך הער איהם אומעטום —
און שטאַרקער ווערט ער וואָס פון שעה
און נעהמט אַלצדינג אַרום.

און דיזער קול, דער יאמער־קול,
דער ביטערער געשריי,
ער דריקט אוים שמערצען אָהן אַ צאהל
און ליאַרעמט: אַך און וועה!

איך פרעג דעם הימעל און די ערד,
די שטערען און די זון,
איך בעט זיי: זאָגט מיר און ערקלערט
וואָס איז דער מיין דערפון?

אָה, וואָס בעטייט דער יאָמער־קול
דער שמערצליכער געשריי
וואָס הערט זיך, דוכט מיר, אויף אַמאָל,
אין ערטער אַלערליי.

די ערד, דער הימעל, און די זון —
זיי דריי, זיי שווייגען שטיל:
זיי ווייסען וועניג־וואָס דערפון
און קלערען אויך ניט פיעל.

איין שטערן נור, ער ווינקט און זאָגט:
„דו פרעג דעם פרייען ווינד,
דעם ווינד וואָס טראָגט דעם קול, וואָס קלאָגט,
אָט איז ער, רעד געשווינד...“

איך שריי צום ווינד אַרויף און זאָג:
ערקלער מיר, וואָס בעטייט
דער שמערץ־ערפילטער יאָמער־קלאָג
וואָס הערט זיך נאָהנט און ווייט?

איז דאָס דער לעצטער שמערץ־געשריי
וואָס שטאַרבט אָב און פערשטומט?
איז דאָס, פערקעהרט, דער אוי און וועה
פאַר אַ געבורט וואָס קומט?

„אַ הערליכע געבורט בעטייט
דער קול“ — זאָגט מיר דער ווינד —
„די צייט איז לאַנג שוין אויף־דער־צייט...
דאָס געהט זי איצט צו־קינד.“

1893

אויף אונזערע קברים

ווען די פרייהייט וועט זיצען געקרוינט אויפ'ן טהראָן
פון אַ גליקליכער וועלט און אַ מענשהייט פון ברידער ;
ווען די וואַרהייט וועט האָבען אַ פּלאַץ אויבענאָן
און אין תהום וועט זיין אַלעס וואָס איז איהר צו־ווידער ;

ווען דאָס רעכט וועט געליעבט זיין, דאָס אונרעכט—פערהאַסט,
און ווען קיינער וועט קיינעם ניט קויפען, ניט דינגען ;
ווען דאָס טהאָן וועט דעם טהוער ניט זיין מעהר צו־לאַסט
און ביים אַרבייטען וועט מען מיט פרעהליכקייט זינגען ;

ווען ערפינדונגען וועלען פערציערען די וועלט,
ניט מעהר געבענדיג איינצעלנע מענשען מיליאָנען ;
ווען מען וועט אונזער היינטיגען שטרעבען נאָך געלט
ווי אַ חלום אַ בייזען מיט שרעקען דערמאָנען ;

ווען די גלייכהייט וועט האָבען פערטריעבען דעם נייד,
און די בילדונג וועט אויפגעקלערט האָבען די מאַסען,
ווען מען וועט ניט פערשטעהן מעהר די איצטיגע רייד
פון רעגיערענדע און פון געהאָרכענדע קלאַסען ;

ווען די ליעבע וועט האָבען פערניכטעט דעם האַס
און דאָס גליק וועט פערטילגט האָבען קנאָה און פיינדשאַפט,
ווען די גאַסען אין שטאדט און די הייזער אין גאַס
וועלען פול זיין מיט איינינקייט, ליעבע און פריינדשאַפט, —

דאַן וועט זיצען אַ מאָל אין אַ ליעבליכען קרייז
פון צופריעדענע קינדער, געבאָרען אין פריידען,
אַ געלערנטער מאַן, אַן ערפאַהרענער גרייז,
וועלכער וועט זיי דערצעהלען פון אונזערע ליידען:

ווי מיר האָבען געקוועלט זיך מיט דורות צוריק,
ווי מיר האָבען אָהן אויפהער געקעמפפט, וועט ער מעלדען,
ווי עס האָבען געוואָרגען די תליות, די שטריק,
די אַמאָליגע הערליכע, מוטיגע העלדען.

ווי עס האָבען געראַנגעלט זיך איינינג די הענט
מיט דעם קאַפּיטאַליסטישען שרעקליכען מאָגען
און צו מאַכען פון רויב און בעדריקונג אַן ענד,
וואָס זיי האָבען געטהאָן און אַריבערגעטראָגען.

ווי דעם אַרבייטער'ס אָרימע ווייב און זיין קינד
האָבען אָפט אָן דעם אייגענעם דלות פערגעסען,
און די וועלט צו בעפרייען פון פרעסערס געשווינד,
האָבען פרייוויליג גאַנצענע טעג ניט געגעסען.

ווי אַ לאַנג־לאַנג פערשאָלטענע אַלטע נאַציאָן,
וואָס איז אייביג געווען פון דער וועלט אָבגעזונדערט,
האָט די פעלקער ערמונטערט צום ווירקען, צום טהאָן
און איז ענדליך געוואָרען בעליעבט און בעוואונדערט.

און די גליקליכע קינדער, פערזאַמעלט אין קרייז,
וועלען אויפשטעהן געריהרט פון דעם אַלטען מאַן'ס ווערטער,
וועלען דריקען די האַנד דעם געאַכטעטען גרייז
און דאַן לויפען בעזוכען די הייליגע ערטער. —

וואו עס רוהען די קעמפפער פון היינטיגען דור,
וואָס דער טויט נור אַליין האָט געקענט זיי בעצווינגען,
און בעגייסטערטע קינדערשע שטימען אין כאָר
וועלען זייער געדעכטנים מיט עהרפורכט בעזינגען.

.1891

קינדערשע מוזיק

ווער עס איז אַ מבין אויף די שעהנע,
איינציג־הימלישע מוזיק,
וועלכע קומט פון אונשולדיגע, ריינע
עופ׳עלעך, אין זייער גליק;

ווער עס קען פערשטעהן די צויבער־טענער
פון די קינדער׳ס פּלאַפּלעריי,
ווער עס איז אויף זייער קול אַ קענער,
זייער ליעבע שפּיעלעריי;

ווער עס פ י ה ל ט מוזיק אין דעם געלעכטער
פון אַ קינדערשען קאָנצערט, —
דער פערשטעהט אַ מעלאָדיע פיעל עכטער,
ווי אַ קינסטלער אַן עקספּערט.

*

*   *

אָבער אַזאַ מאַן מוז, גלויב איך, פיהלען
אָפט אַ שמערץ, ווען ער בעטראַכט,
אַז די צייט וועט קומען און פערהילען
אַל־די הייטערקייט מיט נאַכט;

אַז דער טאָן, דער מוזיקאַליש־ליעבער,
וועלכער אונזער האַרץ ערפרעהט,

וועט פערזינקען טיעף אין קוילען־גריבער,
וואו דאָס קינד וועט זוכען ברויט;

אַז די פרייע, קלינגענדיגע ווערטער
ווילען זיך פערוואַנדלען אין אַ פלוך,
ווען ער וועט, פערשפאַרט אין טוכלע ערטער,
זיצען ביי אַ פעלין, אַ ראָק, אַ שוך;

אַז דעם שפּיעל, דעם שמייכעלע דעם זיסען,
דעם ענטציקענד־פרייען בליק
וועט דאָס קינד ניט קענען און ניט וויסען
צעהן יאָהר שפּעטער אין פאַבריק;

אַז עס וועט פערשווינדען ווי אַ פעדער
אויפ׳ן ווינד, די גאַנצע לוסט
אונטער די מוזיק פון שווערע רעדער,
דריקענדיג זיין קראַנקע ברוסט.

שטום, טויב, בלינד

איך פרעג די פראָלעטאַריער:
ווי קומט עס וואָס איהר שווייגט,
ווען טיעף זינקט די גערעכטיגקייט,
און הויך דאָס אונרעכט שטייגט;
ווען דומהייט רייט אויף וויסענשאַפט,
און וואַרהייט זעהט אוים דום?
וואָס שווייגט איהר, פראָלעטאַריער,
ניט שוין־דען זייט איהר שטום?
זיי ענטפערן, ניט רעדענדיג,
אַך, גוטער מאַן, דאָס זיינען מיר,
דער וועהטאָג מאַכט אונז שטום.

איך פרעג די פראָלעטאַריער:
ווי קומט עס, אַז איהר הערט
געלאַסען, רוהיג, גלייכגילטיג
די חוצפה וואָס פערוועהרט?
דעם קול פון אַ משפטים־מאַן,
וואָס לעבט אַליין פון רויב?
נו, זאָגט, איך בעט אייך, אַרביטסלייט,
ניט שוין־דען זייט איהר טויב?
זיי ענטפערן מיר, שווייגענדיג,
אַך, גוטער מאַן, מיר הערען ניט:
דער טומעל מאַכט אונז טויב.

איך פרעג די פּראָלעטאַריער:
ווי קענט איהר בלייבען קאַלט
בעטראַכטענדיג דעם אונטערגאַנג
פון מענשען יונג און אַלט,
די ווילדפלייש און די העסליכקייט
וואָס וואַקסט אויף אייער קינד?
וואָס זאָגט איהר, פּראָלעטאַריער,
איהר זעהט ניט? זייט איהר בלינד?
זיי ענטפערן: דאָס זיינען מיר,
ווי זעהענדיגע שיינען מיר,
מיר זיינען אָבער בלינד.

1891.

מיין איינציגער פערלאַנג

(צו יעקב גאָרדין)

מיין טאָג שטאַרבט אָב, מיין זון געהט אונטער,
דער אָבענד קומט און האַלט זיך אויף ניט לאַנג;
די נאַכט — איהר וואָלט איך טרעפען מונטער,
איהר טרעפען גייסטיג אַ געזונטער,
לאָז מיר דער טאָג נור געבען איין פערלאַנג:
אַ שעהנעם, קלאָרען זונען־אונטערגאַנג.

אַ זונען־אונטערגאַנג מיט פאַרבען
אי העל אי רויט: פון פלאַמען און פון בלוט;
אַן אונטערגאַנג וואָס לעבט אין שטאַרבען,
קען טויטען, אָבער ניט פערדאַרבען,
און נעהמט איך, און איהר געהט אַוועג, און רוהט,
און קומט צוריק מיט פרישע בלוט און גלוט.

מיט בלוט די מענשהייט צו בענייען,
די אַלטע מענשהייט דורך אַ נייעם דור;
מיט גלוט, צו שמידען די כלי־זין,
דעם גייסט, דעם ווילען צו בעפרייען,
און מיר אין טרוים צו ווייזען די וועלט קלאָר,
וואָס יענער דור וועט האָבען אויפ׳ן וואָהר.

א וועלט בעזעצט מיט פריינד און ברידער,
מיט מענשענליעבע פאר איהר פונדאמענט ;
א גוף, וואו פעלקער זענען גליעדער,
קיין גליעד דעם צווייטען ניט צו־ווידער,
וואו גלייכהייט האלט צוזאמען פרייהייט'ס ווענט,
מיט ליעבע אלס איהר איינציגען צעמענט.

אָה, דאן וואָלט איך געבליבען מונטער,
מיר וואָלט ניט פאר דעם טויטען טאָג זיין באנג ;
א גייסטיג־פרישער, א געזונטער
וואָלט איך ארויפגעהן, ניט ארונטער, —
וואָלט איך נור קענען האָבען דעם פערלאנג :
א שעהנעם, העלען זונען־אונטערגאנג.

א זונען־אונטערגאנג א קלאָרען,
א שטערען־רייכען אָבענד אין זיין פראכט ;
מיט פייגעלעך וואָס פיפצענען אין כאָרען,
בעגריסענדיג דעם טאָג וואָס ווערט געבאָרען,
בעזינגענדיג די מענשהייט וואָס ערוואכט,
און דאן — דו, ליעבע, זיסע וועלט, גוט נאכט !

9 אויגוסט, 1906.

אין מינוטען פון פערצווייפלונג

אַ צופאַל, אַ שיקזאַל, אַ גאָט, — ווער דו ביסט,
נעהם אַלעס פון מיר, נעהם און גיב עס ניט ווידער,
נעהם אַלץ, וואָס מיין לעבען ערפרעהט און פערזיסט,
נעהם אַלץ, אויב דיך ערגערט מיין גליק און פערדריסט,
נור לאָז מיר די ליעבע צו זיי — מיינע ברידער!

אָ, לאָז מיר די ליעבע! מאַך בלינד מיך און טויב
צו אָנגריפע בייזע, געדרוקטע, געזאָגטע,
דען איך קען נור לעבען כל־זמן ווי איך גלויב
אין זיי — מיינע ברידער, כל־זמן איך ערהויב
פאַר זיי די שטים מיינע, די אייביג פערקלאָגטע.

און אייביג פערקלאָגט איז מיין קול נור דאַרום,
ווייל איך פיהל די שמערצען פון זייערע וואונדען.
אָ, לאָז מיר מיין ליעבע! אָהן איהר בין איך שטום,
אָהן איהר איז מיין האַרץ אַ פערוויאַלעטע בלום,
אַ טורמע — די וועלט, וואו מיין גייסט ליעגט געבונדען.

אָ, נעהם פון מיר אַלץ, מיינע פריידען, מיין גליק,
נעהם, גרויזאַמער שיקזאַל, אויב דו מוזט זיי האָבען!
נעהם, — אויב זיי געהערען דיר — נעהם זיי צוריק,
נור ווענד ניט פון פאָלק אָב מיין ליעבענדען בליק: —
אָהן דער ליעבע בין איך אַ מת ניט־בעגראָבען.

א צופאַל, אַ גאָט — ווער דו ביסט — נעהם מיין רוה,
פערקירץ, אויב דאָס מוז אַזוי זיין, מיינע יאָהרען,
נור שלים ניט מיין הארץ פאַר'ן אַרבייטער צו,
נור לאָז פון זיין האַנד ניט קיין שטיין צו מיר צו,
פון איהם, וועלכער איז אַזוי ליעב מיר געוואָרען.

פון איהם, וואָס זיין שטיין וואָלט דורכדרינגען מיין ברוסט,
אַזוי ווי אַ פייל פון אַ פיינדליכען בויגען,
וואָלט מאַכען אַ חורבה פון איהר, הייל און פוסט,
נור לאַזענדיג אָרט פאַר אַ זיפץ מיט אַ הוסט,
אַ חורבה, ערפרייענדיג פיינדליכע אויגען.

נעהם פריידען, גיב ליידען, נור ווענד אָפּ זיין שטיין,
נור לאָז מיך פון ז י י ן האַנד ניט ווערן געשטייניגט!
ניט לאָז איהם, אַ שיקזאַל, צערשטערען אַליין
אַ ליעבע פון יאָהרען, אַ בונד שטאַרק און ריין,
וואָס האָט אונז געהאַלטען אַזוי לאַנג פעראייניגט.

א שלאָפלאָזע נאַכט

וועו איך ליעג לאַנג,
און שלאָף ניט איין,
פיהל איך אַ דראַנג
ביין טיש צו זיין.
איך מיין, אַ ליעד
קומט אויפען שטעל,
און מיעד — ניט מיעד,
איך שטעה אויף שנעל.
די גאַס איז פוסט,
און אַלץ איז שטיל
און נור מיין ברוסט
רוישט ווי אַ מיל.
איך פיהל דעם דראַנג
און זעץ זיך הין:
אַ לוסט־געזאַנג
האָב איך אין זין.
מיר דוכט איך דאַרף
אַ שרייב נור טאָן,
און כאַפּ און שאַרף
דעם בליישטיפט אָן.
איך זיץ און שרייב,
עס געהט, עס ווערט...
דאָך פלוצלונג בלייב
איך שטעהן... צושטערט:
אַ קרעכץ הער איך
ווי פון אַ גרוב...

און שוידערליך
ווערט מיר אין שטוב.
איך הער אַ קרעכץ,
איך קוק זיך אום,
דאָך לינקס און רעכטס
איז אַלעס שטום.
דערשראָקען, בלאַס,
קוק איך אַרויס
שטיל אויפען גאַס,
אַרום מיין הויז.
דער לאַמפּ איז וואַך,
מעהר קיינער ניט,
איך הער קיין זאַך
ניט, חוץ דעם טריט —
פון דיקען מאַן,
אין בלויען ראָק,
וואָס שפּרייזט פער שפּאַן
און היט זיין סראָק.
דער קרעכץ — בעשלים
איך, האַלב־פערטראַכט,
האָט זיך, געוויס,
מיר אָבגעדאַכט.
איך געה צום טיש
פון פענסטער צו;
איך פיהל זיך פריש
איך נעהם און טהו.
איך שרייב און פיהל
דעם ווערטער־קלאַנג,
דעם טענער־שפּיעל

פון מיין געזאַנג.
דאָך מיט אַ מאָל
גיט מיר אַ שטאָך
אין האַרץ דער קול,
וואָס הערט זיך נאָך.
דער קרעכץ, דער קרעכץ
וואָס איז מיט איהם?
אָה, בייז און שלעכטס
מעלדט דיעזע שטים.
אין פענסטער בליק
איך פון דאָס ניי,
און קום צוריק
און אָטעם פריי.
דער קרעכץ איז פאָרט,
ווייט, ווייט פון מיר...
קומט, קלאַנג און וואָרט,
שנעל אויף פאַפּיר!
דאָך ניין, איך טראַכט
אומזיסט און קלער,
אין קאָפּ איז נאַכט,
עס געהט ניט מעהר.
עס ווערט מיר קאַלט,
די ליכט געהט אוים,
דער בליישטיפט פאַלט
פון האַנד אַרוים.
קיין וואָרט, קיין קלאַנג,
און דאַ ווערט טאָג.
פון פרייד־געזאַנג
ווערט נאָך אַ קלאָג...

איך זעה אַ דריי־איינינקייט

דריי שוידער־געשטאַלטען,
דריי שרעקליכע בילדער
פון מאָנסטערס, וואָס שאַלטען
און וואַלטען אַלץ ווילדער,
פערוויסטען דאָס לעבען,
פערגיפטען דעם טויט —
פון מענער און ווייבער
אין צוואַנג ביי אַ באַנדע,
וואָס נעהמט פון זיי לייבער
צום דיענסט צו דער שאַנדע,
הייסט שפּיננען און וועבען
פערהונגערטערהייט —
און די דריי געשטאַלטען
פון פוריען, וואָס שוועבען
פאַר אונז, און זיי האַלטען
אין צוואַנג אונזער לעבען,
און מאַכען זיך שפּעסער
פון אונזער געוויין, —
פון זיי דריי איז איינע
אַ ממזר פו׳ם גלויבען,
די צווייטע — אַ קליינע
חברותא צום רויבען,
אין מאַכט אימער גרעסער,
אין צאָהל אימער קליין;

די דריטע האַלט ביידען
זיי אויף מיט מיליאָנען
פון שווערטער און שיידען,
פון שפּיזען, קאַנאָנען,
בערייט זיי צו געבען
פערבלוטיגטע ברויט.
און די דריי געשטאַלטען,
די שרעקליכע בילדער, —
זיי שאַלטען און וואַלטען,
ערשיינען אַלץ ווילדער,
פערוויסטען דאָס לעבען,
פערגיפטען דעם טויט.

1895

צוויי וועלטען

.1

ווען מיינע אויגען, יסורים בעטראַכטענדיג,
ווערען אַם־ענדע פערדונקעלט און מאַט,
זעהענדיג עלענדע, טויזענדוויז שמאַכטענדיג,
לעבען אַ הייפעל, וואָס זיינען צו־זאַט ;

זעהענדיג מענשען צוטראָגען־פערקומערטע,
אַלט ניט פון יאָהרען, און שוואַך פאַר דער צייט,
שאָטענס פון מעננער, וואָס בלאָנדזען פעראומערטע,
שאָטענס פון ווייבער אָהן גליקזעליגקייט ;

זעהענדיג זייערע קליינינקע קינדערלעך,
האַנדלענדיג, וואַנדלענדיג צו פינף־זעכס יאָהר,
קינדער, וואָס האָבען, כמעט פון די ווינדעלעך,
פריידען אין טרוים נור און לייד אויפ׳ן וואָהר ;

זעהענדיג זייערע גרויע, בעיאָהרענטע,
אָרימע עלטערן, הונגעריג, קאַלט,
ווען־יג אין צאָהל, דאָס איז וואהר, — דען בעוואָהרענטע
זיינען די אַרבייטער געגען זיין אַלט ;

זעהענדיג דיעזע ביין לעבען געשטאָרבענע,
מתים, וואָס וואַנדלען אָהן רוהע און ראַסט,

טראָגענדיג אין זיך פּראָיעקטען פערדאָרבענע,
טראָגענדיג אויף זיך אַ שרעקליכע לאַסט ; —

ווי מיט אַ פינסטערן וואָלקען פערצויגען דאַן,
מיעד פון בעטראַכטונג, פערלאַנגענדיג רוה,
הויבען צו שליסען זיך אַן מיינע אויגען דאַן,
מאַכען זיי זיך, די פערמאַטערטע, צו.

.2

דאַן, אויף אַ וויילינקע, ווער איך אַנאַנדערער,
און, פון אַ גלויבען אַ זיסען בעזעעלט,
ווער איך, אין שלומער, אַ פרעהליכער וואַנדערער
אין אַ פערעדעלטע, פרייערע וועלט :

דאָרטען, וואו מענשען געזונדע, געבילדעטע
לעבען און אַרבייטען פריעדליך און פריי,
פריי פון האבונעס און כאַפּערס פערווילדעטע,
ברידערליך, איינער דעם אַנדערן טריי ;

דאָרט, וואו דאָס קינד און דער גרייז־גרוי געוואָרענער
ווערען געשטיצט, ווייל דאָס איז זייער רעכט,
ווייל יעדער איינציגער איז אַ געבאָרענער
מיטגליעד פון איין פרייען מענשענגעשלעכט ;

דאָרט, וואו די פרוי איז אַ בירגערין, טוענדיג
זעלבשטענדיג איהרע נאַטירליכע פליכט,
ווירקענדיג, ליעבענדיג, בילדענדיג, רוהענדיג,
פרייהייט אין הערצען און גליק אין געזיכט.

וואו מיין און דיין זיינען ווערטער פערגעסענע,
הערר און קנעכט — נעמען, וואָס קיינער פערשטעהט;

וואו פון פערהונגערטע, איבערגעגעסענע
רעט מען, ווי זומער פון שניי, וואס צוגעהט.

3.

אין דיעזער וועלט, אין מיין שלומער שפאצירענדיג,
ווער איך דורך האפנונגען נייע ערפרישט,
אויף מיינע אויגען, זיי צערטליך בעריהרענדיג,
פיהל איך די פרייהייט'ס האנד, וועלכע זיי ווישט.

אַ חדש אָהן אַרבייט

איך בעט ניט נדבות
פון וועגען זכות־אָבות,
פערהאָרעווען וויל איך מיין ברויט;
ניט בעטלען, ניט שנאָרען,
צו קצינים ניט פאָהרען,
ניט וואַרטען אויף רייכע לייט'ס טויט.

מיר פעהלט די חריפות
אין שנאָרערשע חניפות
די דריידלעך, די קונציגע רייד;
די אויגען צו גלאָצען
ביין טיש פון אַ קצין,
דערצו בין איך ווענין געשיידט.

איך בעט ניט ביי קיינעם
אַ טיטעל אַ שעהנעם
איך וויל קיין מורנו ניט זיין:
איך וויל אַ בעוואוסטער
אָלם עהרליכער שוסטער,
אָלם עהרליכער שניידער נור זיין.

איך בעט ניט קיין שלישי,
קיין מפטיר, קיין ששי,
איך וויל ניט אין מזרח־וואַנד שטעהן:

אויף נאַרישע גאוה
בין איך קיין בעל־תאוה,
מיין שטאָלץ איז מיין האַנדווערק אליין.

נור אַרבייטען וויל איך,
פערקויפען אייך ביליג
מיין פּראַצע, פון פּנים דעם שווייס;
נור קויפט עם געשווינדער,
מיין ווייב, מיינע קינדער —
אויף זיי דער רחמנות איז גרויס.

די נאָדעל, דער הובעל,
זיי שאַפען דעם רובעל,
זיי שאַפען דעם שילינג, דעם פראַנק;
דער שניידער, דער סטאָליער,
ווען אויך ניט קיין פוילער,
פערהונגערט ווען ער ווערט נור קראַנק.

* *
*

איך בעט ניט נדבות
פון וועגען זכות־אָבות,
פערהאָרעווען וויל איך מיין ברויט;
פון אַרבייט נור רייד איך,
איך וויל ניט געהן לעדיג,
בעפרייט מיך דורך אַרבייט פון נויט.

.1884

דער יונגער פאָלקס־פּאָעט

און מאָל פאַר מאָל, בשעת ער דענקט
און ליעבט, און שרייבט, און זיפצט, און בענקט,
דערביי די האַנד
זעהט נאָכאַנאַנד,
וואָס שפייזט, און קלייד'ט, און שוכט, און הויזט,
און קען, דאָך וויל ניט זיין אַ פויסט;
בשעת די קראַפט
ער זעהט פערשקלאַפט,
וואָס ציערט און גילט, און מאָלט, און פאַרבט,
בעת ער אליין, דער טוער, דאַרבט,
דער פּראָלעטאַר,
דער גאָט — דער נאַר,
וואָס מאַכט אַ פּאַלאַץ פון אַ גרוב
און האָט אַ קבר פאַר אַ שטוב
און גאַל און גיפט
געהט איהם אין קריפּט
און סם מיט מרור זעטיגט איהם
— ער שלינגט און טוט זיך ניט אַ קרים —
ביז ס'קומט דער סוף,
דער לאַנגער שלאָף,
ביז וואַן ער גנב'עט זיך אַרויס
פון לעבענ'ס חשך'דיגע הויז.

*
**

ווען דאָס דערזעהט
דער פאָלקס־פּאָעט
געשעהט זיין יונגער מח דענקט,
געשעהט עס גאַהרט זיין הארץ און בענקט
נאָך איהר, וואָס זי
ברענגט פּאָעזיע
איהם אין זיין וואָכעדיגע וועלט
און האַלט זיין ברוסט פאר א געצעלט
און טהראָנט דארין
א הערשערין,
— דאַן קומט אריין איהר ליעב געזיכט
און ווערט פערוועבט אין זיין געדיכט.
עס שוועבט אַרום
עס זומט: זום־זום!
דאַן צווישען זיינע פערזען שטיל
איהר ווערטערלאָזער ליפּענשפּיעל;
איהר רייץ, איהר חן
מאַכט זיין רעפריין,
איהר זיסער שמייכעל ציערט זיין בילד
און מאַכט זאָגאַר דעם צאָרן מילד,
דעם כעס וואָס זינגט
דאָס ליעד וואָס קלינגט
צו דער לויה פון א וועלט
אויף מענשענמאָרד, אויף רויב געשטעלט;
איהר חן בעלעבט
אַלץ, און ער שוועבט
אַרום זיין הארץ, אַרום זיין קאָפּ
בעלייכט די ווערטער, אותיות, טראָפּ.
***

און מאָל פאַר מאָל
הערט זיך איהר קול
אין יעדער זילבע, יעדען קלאַנג,
אין יעדען טאָן פון זיין געזאַנג.
ער פיהלט דעם בליק,
דעם שטראַהל פון גליק
וואָס פאַלט — אַ העלער זונענשטראַהל —
אויף יעדען פערז, פאַלט איבעראַל,
און שמייכעלט צו
און זאָגט: ניט רוה,
ניט רוה, ניט ראַסט ביז אין דער וועלט
פערבלייבט איין איינציגער געצעלט
וואו האַס רעגיערט,
וואו ליעבע פריערט,
וואו פרייהייט זוכט אומזיסט אַן אָרט,
וואו פריינדשאַפט איז אַ פוסטער וואָרט;
וואו ׳ם האָט די שאַנד
די אויבערהאַנד,
און פרויען־יוגענד זוכט די נאַכט
און מענער־יוגענד לויפט אין שלאַכט;
וואו טויב און בלינד
וואַקסט אויף דאָס קינד
און דעם יסורים־זאַטען גרייז
בעגלייט אַ הימעל, קאַלט ווי אייז,
צום לעצטען מאָל
צום יאָמערטהאָל
בשעת ער גנב׳עט זיך אַרויס
פונ׳ם לעבענ׳ס חשך׳דיגען הויז.

*
**

דאָס זאָגט איהר קול
איהם מאָל פאַר מאָל
ג׳שעת ער זיצט, און קלערט, און דענקט,
און ליעבט און דיכטעט, זיפצט און בענקט.

1909.

צער בעלי חיים

מען צופּט אייך, שטומע גרעזעלעך,
מען טרעט אייך מיט די פיס,
דערשראָקענע ווי העזעלעך
פערשוויייגט איהר אונז דעם ריס;
פערצייהט איהר אונזער שווערען פוס,
ניט וויזט קיין כעס אַרויס,
און קומט דער ווינד, ברענגט ער אַ קוס,
דערהויבט אייך, היילט אייך אויס.

מען פליקט אייך, שטומע בלימעלעך,
מיט הענט ווי צוואַנגען הארט,
אָהן כחות און אָהן שטימעלעך,
פערשוויייגט איהר אַלץ און דאָרט;
און ערגער ווי די גרעזעלעך,
איהר אָרעמע, איז אייך,
איין שמעק פון נעזער — נעזעלעך
און שוין שווימט איהר אין טייך.

מען ווערגט אייך, שטילע הינדעלעך,
מען שטיקט, מען קוילעט אייך,
מען רייסט אייך אָב פון קינדערלעך,
איהר שטומט ווי פיש אין טייך;
און ערגער פאַר די פלענצעלעך,
אייך, הינדעלעך, מוז זיין,

אפילו ניט אין קרענצעלעך,
אין טעפ פאַלט איהר אריין.

מען ברענגט אייך אום, בהמה'לעך,
מען מאַכט פון אייך אַ תל
און אייערע יתומה'לעך,
ווי אייך, שינדט מען די פעל.
און ניט בענוצט איהר, נאַרעלעך,
די כחות, דעם פערשטאַנד
צו נעהמען ביי די האַרעלעך
דעם חלק פון דער האַנד.

דאָך, גרעזעלעך און קוויטעלעך
אַ סוד זאָג איך אייך אוים,
אייך, הינדעלעך און שוטה'לעך,
אויך אייך זאָג איך דאָס אוים.
עס פליקט און שטיקט ניט אייך אַליין
דער מענשליכער באַרבאַר;
אַ ל ץ ווערגט ער וואָס איז שוואַך און קליין,
אַלץ, אַלץ — דער בייזער נאַרר.

ער ברענגט אום זיינע קליינינקע,
ניט מיט די הענד, געווים!
ער טרעט אויף זיי, די שעהנינקע,
הגם ניט מיט די פים.
און מעהר ווי אייך, איהר בלימעלעך,
איהר אַנדערע, שמערצט זיי:
נישט מעהר זיי האָבען שטימעלעך
און שרייען אוים: „אַי־ווּעה!"

1910

3. קאַמפּף־לידער

ליעדער פאַר מיר...

ליעדער פון ליעבע, פון לעבען, פון לוסט,
ליעדער פון פריידיגע, בלענדענדע שטראַהלען,
הילכען ניט אָב אין מיין ליידענדע ברוסט
וואַרפען ניט ליכט אויף דעם אָרט וואו זיי פאַלען.

ליעדער פון בשמים, פון בלעטער, פון דופט,
ליעדער פון ליעבליכע פרויענגעשטאַלטען,
בלייבען ביי מיר ווי דער קול, וועלכער רופט
דאָרטען וואו כאַאָס און עגדעשען שאַלטען.

ליעדער פון שטערען אין הימעל ביי נאַכט,
ליעדער פון הערליכקייט אין דער נאַטור,
ליעדער פון גרעזעלעך, קוויטעלעך, פראכט
געהען מיין אויער פאַרביי אָהן אַ שפור.

*　*

ליעדער געזונגענע מיט אַ געוויין,
ליעדער געיאָמערטע מיט אַ געזאַנג,
ליעדער פון פאָלקס-ליידען — נור די אַליין,
האָבען אַ זין פאַר מיר, האָבען אַ קלאַנג;

נעהמען געפאַנגען מיין אויער, מיין ברוסט
דרינגען אַריין אין מיין הארץ, מיין נשמה,
און איך אַליין זינג מיט ליעבע, מיט לוסט
ליעדער פון קאַמפף, פון טריאומף, פון נקמה.

דער פרייהייטס־גייסט

אין די גאַסען, — צו די מאַסען
פון בעדריקטע פעלקער־ראַסען,
רופט דער פרייהייטס־גייסט:
איך ברענג וואַפען — פאַר דעם שלאַפען,
איך בעפריי די אַרבייטס־שקלאַפען
און איך מאַך זיי דרייסט.

„ליכט פערשפרייטען — רעכט פערברייטען,
קום איך און צוברעך די קייטען
פון דער טיראַנײַ;
די נאַציאָנען — פון קאַנאָנען,
פון אַרמעען און פון שפּיאָנען
קום איך מאַכען פריי.

„איך קום לעהרען — אַרבייט עהרען,
עהרען, אַכטען און בעגעהרען,
אַרבייט מיט אַ טאָלק;
גליק און פרידען, — אונגעשיעדען
צווישען היידען, קריסטען, אידען,
צווישען פאָלק און פאָלק.

„פרייד אין שטרעבען — קום איך געבען,
לעבענסלוסט און לוסט אין לעבען

אַלעמען צו גלייך;
מענשענקינדער — זאָל ווי רינדער
ניט מעהר אומברענגען אַ גרינדער
פון אַ מערדער־רייך.

„איך קום פרויען — אַנפערטרויען
יעדעם רעכט צו העלפען בויען
גלייכהייטס גרויסען טהראָן;
גיב זיי רעכטע — אין די עכטע,
בריעדערליכע און גערעכטע
אָרגאַניזאַציאָן.

„איך קום מעלדען — יענע העלדען,
וועלכע שמאַכטען אין די קעלטען
פון סיביר אַצונד,
אַז צוטראָגען — וועט אַסטראָגען
באַלד מיין שטורם, — באַלד וועט שלאָגען
די בעפרייאונגס שטונד".

.1890

צו מיינע ברידער

אָרעם געוואָרענע
ווען ניט געבאָרענע;
ווען ניט געבונדענע,
דעננאָך געשונדענע
שקלאַפען זייט איהר;
אייביג פער׳צרה׳טע,
אייביג פערמאָרעטע,
היער אָבגעריסענע,
דאָ אָבגעשליסענע,
שטעהט איהר פאַר מיר.

מענער פערבלענדעטע,
פרויען געשענדעטע,
לאָזט מען אייך פלאַדעווען,
אויפציהען, האָדעווען,
און דער גביר לאַכט —
וועהרענד ער האַבעוועט,
צופּט אייך און ראַבעוועט,
יאָגט אייך אין יאָך אריין,
טרייבט אייך אין סאַכ׳ אריין,
טרייבט טאָג און נאַכט.

איהר בויט טהעאַטערן
זיך צו פערמאַטערן;

ניט צום צערשטרייען זיך,
ניט צום ערפרעהען זיך,
בויט נאָך אנאנד:
זיינען די מעכטיגע
הערליכע, פרעכטיגע,
גרויסע און טייערע
הייזער דען אייערע,
אויף אייער לאנד?

יונגערהייט, אלטערהייט
הונגערט איהר קאלטערהייט,
וואוינט איהר אין דריקענעס,
קריינקט איהר אין שטיקענעס
ניט וואו איהר בויט.
שעפסען געשאָרענע,
אייער פערלאָרענע
וואָל ווארעמט שינדער נור,
זייערע קינדער נור,
ניט אייער הויט.

אָ, ניט פון העלערהויט
געהט איהר אום געלערהייט,
מאָגער און אויסגעדארט.
חשך׳דיג, אויסגעקווארט,
שטארבט פאר דער צייט.
דאָס קומט פון צימערלעך,
וואו איהר לעבט קימערליך;
דאָס קומט פון דריקען זיך,

טוכלעקייט, שטיקען זיך,
אָרימע לייט!

וועניג וואָס וויסענדיג,
גאָר נישט געניסענדיג,
לעבט איהר פערגרעבטערהייט,
שטאַרבט ניט געלעבטערהייט,
גלויביג אין גאָט;
גלויבענדיג שטרעבט איהר ניט,
האָפענדיג, לעבט איהר ניט;
האָט איהר דען יענע וועלט —
גאָט'ם ליעבע, שעהנע וועלט —
דענקט איהר — איהר האָט?

טיעף־טיעף געזונקענע,
גלויבענם־בעטרונקענע,
גיט איהר די וועלט אַוועק,
לייב, לעבען, געלט אַוועק,
דעם וואָס איז רייך;
און זיינע קינדערלעך,
קינפטיגע שינדערלעך,
קינפטיגע צאַפערלעך,
רייסערלעך, כאַפערלעך,
לאַכען פון אייך.

איהר זייט די טויזענדער!
איין רוף אַ ברויזענדער,
איין קלאַפ אַ טיכטיגער,
איין קאַמפף אַ ריכטיגער,
ריכטיג בעדאַכט,

װאָלט די פֿערדאָרבענע,
האַלב אָבגעשטאָרבענע,
די האַלב צוגליעדערטע
מענשהײט פֿערברידערט, און
גליקליך געמאַכט.

1890.

אָ טרויסט־געזאנג

הערצער צובראָכענע,
קראַנקע, צושטאָכענע,
אָרבייטער אידעלעך,
צוויי נייע ליעדעלעך,
זינג איך אייך היינט;
אייער אונענדליכע,
אָפט אונפערשטענדליכע,
ליידען צו מילדערן
וויל איך איצט שילדערן
גוטעם אייך, פריינט.

.1

טרוימט ניט פערצאָגטערהייט,
מוחות פערשלומערטע,
זיפצט ניט פערקלאָגטערהייט,
הערצער פערקומערטע,
ווײנט ניט און קלאָגט:
ברידער די נאַכט געהט אויס!
אויס איז די זאָרגענשטונד,
די בייזע מאַכט געהט אויס, —
אָט שלאָגט די מאָרגענשטונד,
ברידער, עס טאָגט!

לוסטליעדער זינגענדיג,
קומט אָן די נייע צייט.
זינגענדיג, ברינגענדיג
גוטס, קומט די פרייע צייט,
„זייט, זאָגט זי, פריי!
מענער געצוואונגענע,
לאָזט זיך ניט צווינגען מעהר;
פרויען פערדונגענע,
לאָזט זיך ניט דינגען מעהר:
אוים שקלאַפעריי!“

אַרבייט אין איינינקייט, —
אַרבייטען ברידערלעך,
איז זיך אַ קליינינקייט,
לייכט און ניט ווידערליך,
זים און ניט לאַנג;
ווייל די הענד הויבען זיך,
ווירקענדיג פריינדשאַפטליך,
אָהנע צו רויבען זיך,
האַבעוועען פיינדשאַפטליך,
און אָהן אַ צוואַנג.

בלומענקרענץ דופטיגע
זאָלען פערציערענדיג,
צימערן לופטיגע,
וואו פראָדוצירענדיג,
יעדערמאַן שטעהט;
שטעהט אַ בעגייסטערטער,
ליעבט זיך זיין אַרבייט ער
ניט קיין געמייסטערטער

איז אַזאַ'ן אַרבייטער, —
דיענט ניט פאַר ברויט.

קיינער צום וואַנדערן
ווערט ניט געדרונגען מעהר:
איינער פון אַנדערן
ווערט ניט פערשלונגען מעהר —
קיינעם ניט פעהלט.
ליעבענדיג, לעבענדיג,
לעבט מען געניסענדיג,
לעבט יעדער געבענדיג,
לעבט ער פערזיסענדיג
אַלץ אין דער וועלט.

2.

טרוימט ניט פערטראַכטערהייט,
מוחות פערשלומערטע,
זינקט ניט פערשמאַכטערהייט,
הערצער פערקומערטע,
זיצט ניט פערטראַכט!
ברידער, די נאַכט געהט אויס,
ברידער, די זון געהט אויף,
די בייזע מאַכט געהט אויס:
שנעל מיט דער זון שטעהט אויף,
ברידער ערוואַכט.

פריידענפול זינגענדיג
ליעדער ערקוויקענדע,
פריידענפול קלינגענדיג,
טענער ענטציקענדע,

קומט אָן די צייט —
פון אַרבייט עהרליכע,
פריי פּראָדוצירענדע
אַלעס בעגעהרליכע,
ניצליכע, ציערענדע,
פריעדליך, אָהן שטרייט,

קומט אייך פערקינדיגען
ליעבע בעשטענדיגע,
פאַר יעדען מינדיגען
צו אַ זעלבשטענדיגע
אַרבייטערין, —
ליעבע, ערוואָרבענע,
אָהן אייגעננוציגע
פלענער, פערדאָרבענע,
אויסזיכטען שמוציגע,
אָהן געלד דאַרין;

ליעבע, וואָס זוכט ניט מעהר
גייסטליכע רייניגונג,
ליעבע, וואָס פלוכט ניט מעהר
שפּעטער די איינינגונג
און איהרע פרוכט;
ליעבע אָהן ציטערנים,
ליעבע פון זאָרגען פריי,
לעבען אָהן ביטערנים,
פון נויט און באָרגען פריי,
לעבט און פערזוכט.

בלינדערהייט גלויבט ניט מעהר,
לעבט ניט פעראירטערהייט,
אויף זיך ערהויבט ניט מעהר
הערשער רעגיערטערהייט,
קיין לאסט ניט טראגט.
אויפוואכט, פערשלאפענע,
לאנג־לאנג בעדריקטע לייט,
אונגליק־בעזאפענע,
ווערט היינט בעגליקטע לייט, —
ברידער עס טאגט!

1890

צום „אַרבייטער פריינד"

איך הער דיינע שטימע, די שטימע דער וואַרהייט,
דעם קול פון דעםווירקליכען אַרבייטער־פריינד,
איך הער דיך פון ווייטען, איך הער דיך מיט קלאָרהייט,
מיט הערצליכער פריידע בעגרים איך דיך היינט.

איך בעט דיך, קלער אויף מיינע אָרימע ברידער,
וואָס אַרבייטען שווער אין דער היינטיגער וועלט,
וואָס אָפּפערען אויף זייער מאַרך פון די גליעדער
און אָפּפערען אויף דעם מזבח פון געלט ;

וואָס זעגען און הובלען און שניצען טאָג־טעגליך,
וואָס ציהען די דראַטווע און קנעטען די ליים,
און לעבען פון דעסטוועגען אָרעם און קלעגליך,
און האָבען קיין הויז ניט און האָבען קיין היים ;

וואָס טרייבען די רעדער פון אַלע מאַשינען,
וואָס אַקערן, זייען און באַקען די ברויט,
און קענען פון דעסטוועגען ברויט ניט געפינען,
ווען סלעק אָדער קראַנקהייט זיי שטירצט אין אַ נויט ;

וואָס נעהען און טראָגען אַליין ניט די קליידער,
וואָס בויען פאַר אַנדערע הייזער מיט מיה,
און וואָהנען אַליין אין אַ פינסטערען חדר,
צוזאַמענגעשטאָפּט, ווי אין שטאַלען די פיה ;

וואָס האָרעווען נור, אום צו מאַכען די גביר׳ען
אַלץ רייכער דורך דעם, וואָס דעם אָרעמען פעהלט,
און לאָזען זיך קירעווען, טרייבען און פיהרען,
ווי אָקסען אין סאָכע, ווי אָקסען אין פעלד. —

ערקלער זיי, איך בעט דיך, אז זיי קענען מאַכען
אַ סוף פון דער הערשאַפט פון קאַפּיטאַליסט,
און קוק ניט דאָרויף, טאָמער וועט פון דיר לאַכען
דער שקלאַף, וואָס פערלוימדעט דעם סאָציאַליסט, —

ווי איינעם וואָס וואַנדעלט אין עולם־התהו
און איז נור מקנא די, וואָס זיי איז גוט,
וואָס וויל פון אַלץ מאַכען אַ תהו־ובהו,
און וויל זיך נור באָדען אין מענשליכע בלוט.

דו האָסט אויף אַזוינעם, מיין פריינד, ניט צו קוקען:
אַזעלכער בלייבט אייביג אַן איינבילדונגס־קנעכט,
אַזעלכער טראָגט אייביג אַ לאַסט אויפ׳ן רוקען
און מיינט, אַז עס קען ניט זיין אַנדערש ווי שלעכט.

דו קוק ניט אויף קיינעם און פרעדיג די לעהרע
פון פרייהייט און גלייכהייט און ברידערליכקייט;
און זאָג זיי, אַז אַרבייטען וועט זיין אַן עהרע
און לעדיג אַרומגעהן אַ שאַנד מיט דער צייט.

האַלט הויך און האַלט ריין דיין פּרינציפּ און דיין פאַהנע,
האַלט ביידע זיי הויך, און שריי: „ברידער ערוואַכט!"
פערקינדיג דעם אויפגאַנג דער ליכטיגען זאַנע
און וויז זיי דעם סוף פון דער פינסטערער נאַכט.

איך הער דיינע שטימע, די שטימע דער וואָרהייט,
דעם קול פון דעם אמת'ן אַרבייטער פריינד,
איך הער דיך פון ווייטען און הער דיך מיט קלאָרהייט,
מיט הערצליכער פריידע בעגרים איך דיך היינט.

1885.

די „צוקונפט"

אָה, די וועלט וועט ווערן אינגער,
און דאָס לעבען לייכטער, גרינגער,
יעדער קלאָגער וועט אַ זינגער
ווערן, ברידער, באַלד; —
לאָז דאָס פאָלק נור ווערען קליגער,
און פעריאָגען דעם בעטריגער,
איהם, דעם פוקס, און אויך דעם טיגער
פון זיין שעהנעם וואַלד.

אָה, די וועלט וועט ווערען שעהנער,
ליעבע גרעסער, שנאה קלענער,
צווישען פרויען, צווישען מענער,
צווישען לאַנד און לאַנד; —
לאָז די גלייכהייט נור בעזיעגען
האַבזוכט, שופטעריי און ליגען,
לאָז דער מענש נור ענדליך קריגען
מענשליכען פערשטאַנד.

אָה, די וועלט וועט ווערען פרייער,
פרייער, שעהנער, אינגער, נייער,
און אין איהר די וואַרהייט טהייער,
טהייער, ווי אַ פריינד; —

לאָז דער טהוער זיך נור שטעלען
מוטהיג געגען די וואָס קוועלען
זיינע ברידער און געזעלען, —
מוטהיג געגען פיינד.

אָה, די וועלט וועט ווערען דרייסטער
און עס וועט ניט זיין אַ מייסטער,
ניט די קרוין און ניט דער טייסטער,
ניט דעם זעלנער'ס שווערד; —
לאָז דאָס פאָלק זיך נור ניט באַנגען
פריש אַ הויב זיך צו דערלאַנגען,
און זיך נעהמען — ניט פערלאַנגען —
רעכטע אויף דער ערד.

מוטהיג ברידער, מוטהיג שוועסטער!
דיעזער קאַמפף, דער לעצטער, גרעסטער,
רופט אייך פון די טוכלע נעסטער
אויפ'ן פרייען פעלד; —
אַלזאָ, מוטהיג אין די רייהען,
אין די רייהען, צו בעפרייען,
צו בעפרייען און בענייען,
אונזער אַלטע וועלט!

1892

די שקלאַפען־געדולד

אָה די געדולד, די פערפלוכטע געדולד,
די שקלאַפען־געדולד פון די ארבייטער־מאַסען!
זי נור אַליין, זי אַליין איז די שולד
דערפון, וואָס זיי קאָרמענען די, וואָס זיי האַסען.

זי, די געדולד האַלט געבונדען די הענד
פון מענער, וואָס קענען דער מענשהייט פערשאַפען
פריעדען און פרייד צווישען יעדע פיער ווענד,
אַן אייביגען פריעדען געזיכערט אָהן וואַפען.

זי איז דער מויער פון יעדען אָסטראָג,
אין פעטערסבורג, ווי אין פאַריז און אין בריסעל;
זי איז דער טעקסט פון דעם טורמעניק׳ס קלאָג,
זי איז דער שליסער, דער שלאָס און דער שליסעל.

זי, די געדולד, גיט איין מוטה דעם דעספאָט
צו ווערגען, צו שטיקען די עדעלסטע העלדען;
זי האַלט דעם טרעפעל, וואָס פיהרט צום שאַפאָט,
פאַר זיי, וועלכע קומען די נייע צייט מעלדען.

זי איז די גרונדלאַגע, דער פונדאַמענט
פון מענשען־פערניכטענדע ווערקצייג־פאַבריקען;
זי אַליין שלייפט יעדען מאָרד־אינסטרומענט,
מיט וועלכען אַ ברודער זאָל ברידער דערשטיקען.

זי גיט טיראַנען אַ סצעפּטער, אַ טהראָן,
לאָזט פּאָלגען די פעלקער און הערשען — די שררות,
זי — זי, די טאָכטער פון דער רעליגיאָן,
די מוטער פון קנעכטשאַפט, פון חשך און צרות.

זי, די געדולד, האָט אליין אין דעם שולד,
וואָס מענשען פערבלוטען און שטאַרבען געלאַסען;
זי, די געדולד, די פערפלוכטע געדולד, —
די שקלאַפען־געדולד פון די אַרבייטער־מאַסען.

1891

עס ריהרט זיך!

הערט איהר, קינדער, ווי עס ריהרט זיך,
ווי עס ריהרט זיך איבעראַל?
ווי דער אַרבייטסמאַן מוסטירט זיך
צו דעם קאַמפּף מיט קאַפּיטאַל, —
צו דעם טויט־קאַמפּף מיט'ן שינדער,
דעם האַבון, דעם געלד־טיראַן?
הערט איהר, ווי ער ריהרט זיך, קינדער,
דער בערויבטער אַרבייטסמאַן?

הערט איהר, קינדער, ווי עס ריהרט זיך,
מערקט איהר, אַז דער סוף קומט אָן?
פאָרווערטס, קינדער, עס מאַרשירט זיך
לוסטיג ביי דער רויטער פאָהן!
פרייהייט איז דער הערצער־צינדער,
אָהן טרומייט און באַראַבאַן,
זיינע ברידער, זעהט איהר, קינדער,
געהט בעפרייען דער אַרבייטסמאַן.

זעהט איהר, קינדער, ווי עס וואַרפט זיך
ציטערנדיג די גאָלדען קאַלב?
דען זי הערט שוין, ווי עס שאַרפט זיך
אונזער חלף איהרענטהאַלב?
איהר, די קאַלב, די געצען־רינדער

און די טומאה פון כנען
וויל ער איצטער, ליעבע קינדער,
אויסראָטען — דער אַרבייטסמאַן!

דען ער בוקט זיך ניט פאַר געצען,
קניעט פאַר אָבגעטער ניט מעהר,
וויל זיך מעהר ניט לאָזען העצען,
צו געברויכען זיין געוועהר
פאַר דעם געץ פון זיינע שינדער
געגען יעדען פרייהייטס־מאַן;
אָ, ער קוממט צום שכל, קינדער,
איבעראַל דער אַרבייטסמאַן!

איבעראַל פוןביידע זייטען
פון אַנטלאַנטיק ריהרט ער זיך!
ער וויל מעהר ניט לאָזען רייטען
זיינע בלוטזויגער אויף זיך.
ער וויל מעהר ניט, ווי אַ בלינדער
פערד, ביי זיי געהן אין געשפּאַן,
ער וויל פריי זיין, ליעבע קינדער,
זאָט זיין וויל דער אַרבייטסמאַן!

קינדער, לאַנג גענוג גענאָסען
האָט דער רייכער אַל־דאָס גוטס,
בלוט גענוג האָט ער פערגאָסען, —
אייער בלוט צוליעב זיין נוטץ.
קינדער מאַרש! צום קאַמפף געשווינדער!
טראָגט די רויטע פאָהן פאַראַן,
איהר זייט זיינע ברידער, קינדער,
און ער רופט, דער אַרבייטסמאַן.

זעהט איהר, קינדער, ער וויל מאַכען
פון דער שקלאַפעריי אַן ענד,
וויל געניסען אַל־די זאַכען,
וואָס עס מאַכען זיינע הענד.
קינדער, ער איז אַן ערפינדער,
ער האָט אויסגעטראַכט אַ פּלאַן,
ווי צו לעבען, גליקליך, קינדער,
ער — דער פּראָסטער ארבייטסמאַן.

1886

א קאַמפּף־געזאַנג

וויקעלט פאַנאַנדער די פאָהנע די רויטע,
שפּיעלט אויף אַ מאַרש און דערלאַנגט זיך אַ ריהר!
וועקט אויף די אָרעמע לעבעדיג־טויטע,
זאָגט צו זיי: ברידער, זעהט דאָ שטעהען מ י ר,
דאָרטען — דער בלוטיגער פיינד;
דאָ איז די פרייהייט, דאָס ליכט, די גערעכטיגקייט,
דאָרטען — דער יאָך און די נאַכט און די שלעכטיגקייט:
ברידער, מאַרשירט מיט אונז היינט!

ווישט אויס פון אַרבייטער־אויגען די טרערען,
זאָגט זיי: צום וויינען איז איצט ניט קיין צייט;
לאָזט היינט קיין קול פון געוויין זיך ניט הערען,
היינט, ווען מיר קומען אַרויס אויף אַ שטרייט,
מיר און דער בלוטיגער פיינד;
מיר, — וועלכע ווילען די מענשהייט פערברידערן:
ער, — וועלכער וויל אונז דורך שנאה צוגליעדערן:
ברידער, מאַרשירט מיט אונז היינט!

וויקעלט פאַנאַנדער די פאָהנע, די רויטע,
וועקט די, וואָס שלומערן, זייענדיג שוואַך,
איינציגוויז נעהמט זיי צונויף די צושפּרייטע,
זאָגט זיי: אונז רופט היינט די הייליגע זאַך
געגען דעם בלוטיגען פיינד;

אונז, דעם המון פון בעדריקטע דאָך מוטהיגע,
געגען האַבונעס, פערווילדעטע, בלוטיגע:
ברידער, מאַרשירט מיט אונז הייגט!

אידעלעך, איהר זייט ביי אַלע נאַציאָנען
גרים און תושבים געוועזען צוגלייך,
זייט איצט ביי זיי אין די פרייהייטס־לעגיאָנען,
איצט, ווען עס שטעהט געגען זיי, געגען אייך,
דאָר'טען דער בלוטיגער פיינד;
ער מיט די פולקען פון מערדער געדונגענע
געגען די שקלאַפען אין קייטען צושפרונגענע,
וועלכע בעפרייען זיך היינט.

וויקעלט פאַנאַנדער די פאָהנע, די רויטע,
שפיעלט אויף אַ מאַרש און דערלאַנגט זיך אַ הויב;
האַלט פאַר די אויגען די העלדען די טויטע,
דענקט אָן די אָפּפער פון האַבזוכט און רויב,
היינט געגען בלוטיגען פיינד;
גיט אַריין קראַפט אַלע בלייכע, צוזויגענע,
גיט אַריין מוטה אַלע טיעף־איינגעבויגענע,
זאָגט זיי: מאַרשירט מיט אונז היינט!

1892

דאס ליעד פונ'ם לין־שקלאַף

(מיט ליעבע געווידמעט דעם „בונד")

דער הימעל געהערט צום רבונו־של־עולם,
צום פריץ געהערט גאָר די ערד;
די גבורת ליעגט היינט אין אַן אייזערנעם גולם, —
אַ כוח פון צעהנדליגע פערד.
די הייזער, די ברייזער, זיי זיינען ניט מיינע,
דעם ים האָט פערנומען די קרוין,
און אַלצדינג פערמעגען די איידעלע, פיינע,
געהובעלטע הונדערט פּאַרשוין.
מיין כוח, מיין מוח, מיין גוף, מיין נשמה
פערדינג איך, פערקויף איך דעם גביר.
איצט פרעגט איהר, אין וואָס־זשע בעשטעהט מיין נחמה,
וואָס בלייבט, דאַכט זיך, איבער פאַר מיר?

(כ אָ ר)

דער פרייער גייסט, דער פרישער מוטה,
די קאַמפף־לוסט בלייבט מיר איבער;
די קראַפט וואָס שאַפט, און קעמפפט, און טהוט,
און שרעקט זיך ניט פאַר רוט און קנוט
דער מוטה צום קריעג,
דער נאָהנטער זיעג,
די צוקונפט בלייבט מיר איבער!

די וויסענשאַפט ליעגט ביי אַ טוץ פּראָפעסאָרען,
די בילדונג — זי איז ניט מיין זאַך;
איך, אַרבייטער, ווער אָהן אַ לשון געבאָרען,
און שטאַרב מיר אַוועק אָהן אַ שפּראַך.
אַ ביסעלע „שול“ וואַרפט מען צו מיר אַלס צדקה,
איך נעהם עס און דאַנק זיי דערפאַר;
די רייכע, זיי האָבען אויף אַלץ אַ חזקה,
זיי שטאָפּען זיך — איך דאַר און קוואַר,
מיין קראַפט, און מיין זאַפט, און מיין לייב, און מיין לעבען —
דאָס אַלץ איז נור מיינס אויף פּאַפּיער.
איך לעב ניט צו לעבען, איך לעב נור צו געבען,
אַלץ גיב איך, און וואָס בלייבט פאַר מיר?

(כ אָ ר)

דער פרייער גייסט, דער פרישער מוטה,
די קאַמפּף־לוסט בלייבט מיר איבער;
די קראַפט וואָס שאַפט, און קעמפּפט, און טהוט,
און שרעקט זיך ניט פאַר רוט און קנוט
דער מוטה צום קריעג,
דער נאָהנטער זיעג,
די צוקונפט בלייבט מיר איבער!

פון ליטעראַטור קריעג איך קנאַפּ־וואָס צו נאַשען,
די קונסט איז דעם גביר'ס מאָנאָפּאָל;
די לופט אין די הייזער, דער וויין אין די פלאַשען,
די סאַמעט, די זיידענס, די וואָל.
אין באַנקען די שראַנקען, אין זיי די מטבעות,
די אוצרות געהערען צו איהם.
איך צאָהל אייביג מכס און זאָג ניט קיין דעות,
צום קלאָג נור בענוץ איך מיין שטים.

מיין קינד, מיין געזינד מוז זיך אָפּט פון מיר שיידען
צו דיענען דעם דאָזיגען גביר;
מיר גיט מען אַן אָנווייזונג אויפ'ן גן־עדן,
דאָך וואָס בלייבט ביים לעבען פאַר מיר?
(כ אָ ר)
דער פרייער גייסט, דער פרישער מוטה,
די קאַמפף־לוסט בלייבט מיר איבער;
די קראַפט וואָס שאַפט, און קעמפפט, און טהוט,
און שרעקט זיך ניט פאַר רוט און קנוט
דער מוטה צום קריעג,
דער נאָהנטער זיעג,
די צוקונפט בלייבט מיר איבער!

דער הימעל געהערט צום רבונו־של עולם,
צום פריץ געהערט גאָר די לאַנד;
די קצינים פערמעגען דעם אייזערנעם גולם,
איך דיען דער מאַשין — בין איהר האַנד.
די רעדער מיט לעדערנע רימענס און פאַסען,
געשניטען כמעט פון מיין הויט,
בעשאַפען אַן אייגענס פון מילי־מיליאָסען
אין הייזער וואָס איך האָב געבויט;
אין ריעזען־פאַבריקען, וואָס יענע פערמעגען,
געווינענדיג וואָס איך פערליער.
און דאָך איז מיין ענטפער, ווען איהר וועט מיך פרעגען,
אַ שטייגער: וואָס בלייבט דאָ פאַר מיר?
(כ אָ ר)
דער פרייער גייסט, דער פרישער מוטה,
די קאַמפף־לוסט בלייבט מיר איבער;
די קראַפט וואָס שאַפט, און קעמפפט, און טהוט,

און שרעקט זיך ניט פאַר רוט און קנוט
דער מוטה צום קריעג,
דער נאָהנטער זיעג,
די צוקונפט בלייבט מיר איבער!

ניו־יאָרק, יאַנואַר 1906.

די מאַרסעליעזע

שטעהט אויף איהר אונטערדריקטע מאַסען,
און מאַכט פון שקלאַפעריי אַן ענד!
לאָזט ניט מעהר קיין לעדיגגעהער פרעסען
די פרוכט פון אויסגעקוועלטע הענד! (בּיס)
הערט איהר ניט ווי עס רוישען שוין די וואַפען
געגען אונזערע ברידער אויפ׳ן גאַס?
זעהט איהר דען ניט, ווי זיי ווערען בלאַס
פאַר וואוטה די בלוטזויגער און פפאַפען?
שטעהט אויף איהר אַרבייטסלייט,
ערהויבט זיך מאַן פיר מאַן!
מאַרשירט מיט אונז אין אייניגקייט
צום קאַמפף מיט דעם טיראַן!

וואָס האָט איהר, ברידער, צו פערליערען,
וואָס טויג אַ לעבען אייך אָהן ברויט?
ווילט איהר דען אייביג ווינטער פריערען,
און אייביג זומער ליידען נויט?
האָט איהר ווירקליך מורא פאַר הארמאַטען,
פאַר אַ ביקס, אַ שפּיעז אָדער אַ שווערד?
געהט איהר דען ניט פאַר דער צייט אין דר׳ערד
טויזענדוויז, ווען אויך ניט דורך סאָלדאַטען?
שטעהט אויף איהר אַרבייטסלייט,
ערהויבט זיך מאַן פיר מאַן!
מאַרשירט מיט אונז אין אייניגקייט,
צום קאַמפף מיט דעם טיראַן!

זאָגט אַרבייטער איזראַעליטען
אויף וועלכע גאולה וואַרט איהר היינט?
דער גואל פון די פּאַראַזיטען
קען אייער גואל ניט זיין, פריינט!
איהר וואָלט אפילו אין ירושלים
בלייבען שקלאַפען ביי דעם מאַן פון געלט!
נון, וואָהלאַן, דען! ווייזט דער גאַנצער וועלט,
אַז איהר שטאַמט אָב פון די חשמונאים.
שטעהט אויף איהר אַרבייטסלייט,
ערהויבט זיך מאַן פיר מאַן!
מאַרשירט מיט אונז אין אייניגקייט,
צום קאַמפּף מיט דעם טיראַן!

1889

אַ וואָרט צו די אַרבייטער

איהר, וואָס לעבט פערגרעבט
אין די אייביגע נויט,
אין נויט, וועלכע קלעבט
צו אייך, בעת איהר שוועבט
צווישען לעבען און טויט;

איהר, וואָס פלוכט און זוכט
ניט קיין אויסוועג פון זומפּ,
און קליידעט און שוכט
און גיט גאָר די פרוכט
פון דער אַרבייט דעם לומפּ;

איהר, וואָס זיצט און שוויצט
ביי אַ סוועטער אין הויז,
און זעלבסט אונטערשטיצט
דעם שווינדעל, וואָס ניצט
אייער שוויים און מאַרך אויס —

איהר האָט הענט און קענט
מיט זיי איינשטירצען שנעל
די מעכטיגע וועגט
מיט דעם פונדאַמענט
פון דער רויב־ציטאַדעל.

דאָך איהר דאַרט און קוואַרט
און גיט זיך ניט אַ ריהר;
פערבלענדט און פערנאַרט
אַט זיצט איהר און וואַרט, —
זאָגט אויף וועמען וואַרט איהר?

אפשר גאָט, וואָס האַט
אייך געזעהן אַזאַ צייט
אין נויט, כאָטש איהר האָט
געהיט זיין געבאָט,
וועט אייך העלפען אָהן שטרייט?

ווען איהר אירט, פערווירט
אין דער וועלט, ליגט די שולד
אין דעם, וואָס איהר שפירט
נאָר נויט, און פערלירט
ניט דערביי קיין געדולד;

וואָס איהר נייט, בעקליידט
אייער אויסבייטער'ס גוף,
ווען איהר אַליין געהט
האַלב־נאַקעטערהייט
ביז דער טויט גיט אַ רוף,

וואָס איהר וועבט, דאָס שלעפּט
ער אין שפּייכלער אריין;
איהר וועבט בעת ער שעפּט
אָן גאָלד און פערלעבט:
אייער שוויים גיט איהם וויין

ווען איהר שפינט, געווינט
ער מיליאָנען דערפון,
ער, וועלכער פערדינט
פון אַלץ וואָס געפינט
זיך אונטער דער זון.

ווען איהר שפרייט און זייט
די זריעה אין פעלד,
דאָס נעהמט דער, וואָס געהט
אום ליידיגערהייט
און וואָס טראַכט נאָר פון געלד.

וואָס איהר פאַנגט, דערלאַנגט
איהר איהם ווי אַ פּרעזענט,
דער מאַן, וואָס פערלאַנגט
אַלץ, אַלץ און איהם באַנגט,
וואָס ער האָט נור צוויי הענט.

איהר האָט הענט, און קענט
מיט זיי איינשטירצען שנעל
די מעכטיגע ווענט,
מיט דעם פונדאַמענט,
פון דער רויב־ציטאַדעל.

א בעזים און אַ קעהר !

גענוג ! איך וויל ניט פיטערן
קיין ליידיג־געהערס מעהר ;
גענוג פּאַר פירסטען ציטערן
אַ בעזים מיר אַהער !
אַרויס, מיין לאָרד און אַדעלמאַן,
דו סוועטער — דיקע בויך,
דו מוסר־זאָגער, טאַדעלמאַן,
דו קיטעלמאַן, געה אויך !

איך דאַרף ניט מעהר קיין מיטעלמאַן,
אַ בעזים און אַ קעהר !
קיין מיטעלמאַן, קיין טיטעלמאַן, קיין קיטעלמאַן,
ניט מעהר !

דו עסט מיר אויף, דו, פּרעדיגער,
וואָס בלייבט פון סוועטער נאָך ;
און דו, מיין הערר לאָרד גנעדיגער,
דיין טיטעל איז מיין יאָך.
דער לאָרד נעהמט צו די לאַנד פון מיר,
דער פּרעדיגער שטימט צו,
דער סוועטער שוויצט די האַנד ביי מיר,
דאָך זאָג איך אייך : הערט צו !

איך דאַרף ניט מעהר קיין פּרעדיגער,
א בעזים און אַ קעהר!
קיין פּרעדיגער, קיין גנעדיג־הערר, קיין לײַדיג־געהער
מ ע ה ר!

געגוג מיר לאָזען האַבעוועז
האַבונעס דורך מײַן מיה;
גענוג פון מיר אײַך ראַבעווען
און טרײַבען מיך ווי פיה!
מיך שרעקט קיין שוואַרצער קיטעל ניט
קיין שוואַרצער יאָהר ניט מעהר;
מיך שרעקט קיין קרוין, קיין טיטעל ניט, —
מײַן בעזים מיר אַהער!

איך דאַרף ניט מעהר קיין פּלאַפּערמאַן, —
א בעזים און אַ קעהר!
קיין פּלאַפּערמאַן, קיין כאַפּערמאַן, קיין קלאַפּערמאַן
ניט מעהר!

איהר אַלע דאַרמאָיעדניקעס,
איהר לײַדיג־געהערס, געהט!
און אײַערע נאַסליעדניקעס
הייסט מאַכען זיך בערייט
צו לעבען אין די קינפטיגע
געזעלשאַפט מיט דער צייט,
ווי עהרליכע, פערנינפטיגע
און ברידערליכע לײַט;

ווייל דאַן וועט מעהר קיין מיטעלמאַן,
קיין פּאַראַזיט ניט זיין!
קיין מיטעלמאַן, קיין קיטעלמאַן, קיין טיטעלמאַן
ניט זיין!

פאָרווערטס, פאָראויס!

אין אַלע ריטהמען וואָלט איך זינגען
צו וועקען דיך צום שטרייט;
אין אַלע גלאָקען וואָלט איך קלינגען,
צו מעלדען דיר די צייט;
אין אַלע שפּראַכען וואָלט איך רעדען, —
אַ פלאַמענצונג — צו דיר,
אין שטראַהלען די געדאַנקען קליידען,
פאַר דיר, מיין פאָלק, פאַר דיר.

איך וואָלט אין אַלע טירען קלאַפּען,
ביז דו וואָלסט מיך געהערט;
איך וואָלט ביי דיר דעם פּולס דערטאַפּען,
מיר וואָלסט דו ניט געוועהרט.
און וואָלט דיין פּולס זיך דאַן בעווייזען
אין אמת׳ן נאָרמאַל,
וואָלט איך דיר דיין ירושה ווייזען
פון פערדינאַנד לאַסאַל.

איך וואָלט בענוצט זיי, זיינע ווערטער,
און וואָלט געבאָרגט זיין שטים,
צו ברענגען ליכט אין דונקלע ערטער,
אין הערצער פרייד דורך איהם.
און דו, מיין פאָלק, וואָלסט מיט זיין בשורה
אַ וועלט בעזעעלט, וואָס וואַרט,
בערייט צום קאַמפּף, מיט ריעזען־גבורה.
מיט דיר אַלס אַוואַנגאַרד.

1910

עס קומט די גאולה

קינדער, מוטה ! עס קומט די גאולה.
אַלט־איירָאפּאַ איז ערוואַכט ;
מאַרקס — ער האָט געטאָן אַ פּעולה
מיט זיין לימוד אין דער נאַכט, —
אין די שוואַרצע נאַכט פון גלות,
בעת ער האָט מיט אונז געקנעלט,
און זיין גייסט זעהט די מפּלות
פון די קנעכט פון בלוט און געלט.

קינדער, מוטה ! די פריי־הייט רעגט זיך,
שאַפט זיך קעמפּפער איבעראַל,
אַכטצעהן־הונדערט־צוויי־און־זעכציג
בליקט אויף אונז מיט איהר לאָסאַל, —
בליקט און פרעהט זיך אונז צו זעהען
לעבען ים־סוף, נאָהנט ביין שטראַנד,
ווי מיר קלייבען זיך און שטעהען
א י י ן שפּרייז ווייט פון גלייכהייט׳ס לאַנד.

קינדער, מוטה, עס קומט די גאולה,
אַלט־איירָאפּאַ זאָגט אייך : „מוטה !"
איהר דעספּאָט הינקט אויף איין קולע,
הינקט און לאָזט אַראָב זיין קנוט.
קיינעם שרעקט ניט קיין סכנה,
קיינער ציטערט ניט ביין ברעג,
פראַנקרייך האַלט די רויטע פאָהנע,
דייטשלאַנד ווייזט דעם וועג !

1895

נעהמט מיט מיין נשמה

.1

ווען איהר געהט אַרוים אין קאַמפּף,
איהר אַרבייטער־חילים,
געגען אשמדאי'ס אַרמיי
פון אַלערליי טייוואָלים;

געגען בלייכע, בלאַסע טעג,
און פינסטער־שווארצע יאָהרען
פון דעם פּראָלעטאַריער־קלאַס,
וואָס ווערט האַלב־טויט געבאָרען;

געגען בלייכע, בלאַסע טעג,
און לעבענס ניט געלעבטע,
געגען שלייערס פאַרען פאָלק;
פון לילית'ס האַנד געוועבטע;

געגען מאָרד און מאַסענמאָרד
פון י ע ד ע ר רויבערבאַנדע;
געגען מאַכט, וואָס לאַכט פון רעכט
און נויט, אָפט רויט פאַר שאַנדע;

געגען עופּעלעך דערשטיקט,
און קינדער ניט ערצויגען,

געגען פֿאָלקסבלוט אויסגעצאַפּט,
אונ פֿאָלקסבלוט אויסגעזויגען; —

ווען איהר געהט אַרוים אין קאַמפּף
מיט אָנגעגורטע לענדען,
געגען זיי, וואָס דריקען אייך,
און שטיקען אייך, און בלענדען;

מיט דעם פּורפּור־פֿלאַג אין האַנד,
ווען איהר קומט קריעג ערקלערען,
קריעג דער הערשאַפֿט פֿון דער נאַכט,
און רופֿט: ס׳זאָל ליכטיג ווערן!

און איהר געהט, און ס׳הויבט זיך אָן
די הייליגע מלחמה, —
דאַן, אָה, קינדער, אויב איהר קענט,
זעהט, נעהמט מיט מיין נשמה.

2.

נעהמט איהר מיט, איך דאַרף איהר ניט,
דאָ קומט מען אוים אָהן זעעלען;
ס׳קלעקט אַ האַנד צום „מאַכען געלד",
מיט נאָך איינע צום צעהלען.

נור אַביסעל מאַרך אין קאָפּ,
אַ מויל צום שפּייען, נאַשען,
און אַ מוח שטאַרקער ווי
די אינגעווייד פֿון פֿלאַשען;

נור אַ קאָפּ, אין קאָפּ אַ מויל,
אין מויל אַ צונג, אַ גלאַטער,
און דעם צונג געשיקט גערדעהט,
(נור פאַרזיכטיג, זאָנסט שאַדט ער!)

חוץ דעם, פיס צום שטעהן... צום געהן,
צום בראָדזוענען דורך זומפּען:
גאָלד, דער יחסן, שטעקט אין דר'ערד,
פּאַפּיער־געלד שטאַמט פון לומפּען;

דאַן דעם כבוד אָן אַ זייט,
וואָס וועניגער געוויסען!
תורה, חכמה — צום שווארץ־יאָהר,
אַ האָבער דאַרף ניט וויסען;

ספרים עטליכע אין שאַף,
אין קאַסטען די פּרינציפּען,
פונטען מענשליכקייט אין ברוסט
און פודען אויף די ליפּען, —

דאָס איז אַלץ, וואָס בעט זיך אין
קאָלומבוס'עס מדינה,
מיט'ן דאָלאַר אויבען־אָן,
דעם אידעאַל אין רינע;

דאָס איז אַלץ וואָס ס'בעט זיך דאָ,
און דאָס איז מיין נחמה,
ווייל דערפאַר קען איך אין קאַמפּף
אייך שיקען מיין נשמה.

3.

נעהמט־זשע, קינדער, נעהמט איהר מיט,
אונ קוקט ניט אויף איהר קליינקייט;
נעהמט מיט זיך אין קאַמפּף איהר מיט,
אונ פסל'ט ניט איהר ריינקייט;

קליין, ניט־ריין — דאָס איז זי נור
כל־זמן זי בלייבט דערווייטערט;
אין דעם שטורעם, אין דעם ברען
ווערט גרויס זי, ווערט געלייטערט.

זי וועט אין דעם ווינד, וואָס טראָגט
ווי פעדערן, שטאָל און אייזען,
אין דעם פרייהייטס - פייער - פלאַם
זיך גרויס און ריין בעווייזען.

פרייוויליג געהט זי צו אייך,
מיין האַרץ גיט איהר הסכמה;
נעהמט - זשע, קינדער, נעהמט אין קאַמפּף,
אָה, נעהמט מיט מיין נשמה!

נאָוו. 1906

4. קינדער פונ׳ם פאָלק

(לאָנדאָנער סילועטען)

לאָנדאָן ביי־נאכט *)

איהר לעמפּעלעך, לאַטערנעלעך,
ערצעהלט מיר וואָס ביי נאַכט,
זיך שטעהענדיג און ברענענדיג,
איהר צייטענווייז בעטראַכט.
דען אַלע נאַכט בעלייכטענדיג
די מויערן, דעם ברוק —
דאַרפט איהר איצט האָבען, רעכען איך
אַ קלאָרען, שאַרפען קוק.

*　*

האָט איהר געזעהן אַ בחור'ל,
פערהונגערט און פעשמאַכט,
היער געהענדיג און זוכענדיג
די גאַנצע ליעבע נאַכט —
זיך זוכענדיג אַ ווינקעלע,
אַ טיר, אַ טרעפּ אין גאַס,
זיך צוצולעגען אויסרוהען ? —
ס'איז שרעקליך קאַלט און נאַס!
די לעמפּעלעך זיי ברענען זיך,
בעלייכטען יעדעס הויז;
צי זעהען זיי — צי הערען זיי,
דאָס זאָגען זיי ניט אויס.

---

*) די פאָרם איז גענומען פון אַ רוסישען געדיכט.

האַט איהר געזעהן ביין האָספּיטאָל
אַ מיידעלע ביין טיר?
מיט רויטע אויגען, שרייענדיג:
„אָי וועה, אָי וועה צו מיר!“
איהר טאַטע ליעגט אַ גוסס'ער,
פינף קינדער שרייען: „ברויט!“
די מאַמע איז שוין לאַנג ניטאָ:
זי איז שוין דריי יאָהר טויט.
די לעמפּעלעך זיי ברענען זיך,
בעלייכטען יעדעם הויז;
צי זעהען זיי — צי הערען זיי,
דאָס זאָגען זיי ניט אויס.

האַט איהר געזעהן, איהר לעמפּעלעך,
שפּאַצירענדיג אין גאַס,
אַ האַלב צומישטען אַלטען מאַן,
שוואַך, הונגעריג און בלאַס?
אַמאָל האַט דיעזער אַלטינקער
געמאַכט פון יאָהר צו יאָהר
אַפּולע מענשען לאַכענדיג
אַלס לוסטיגער אַקטיאָר.
די לעמפּעלעך זיי ברענען זיך,
בעלייכטען יעדעם הויז;
צי זעהען זיי — צי הערען זיי,
דאָס זאָגען זיי ניט אויס.

האַט איהר געזעהן אַ „גרינעם“ איד
היער בלאָנדזשענדיג אַליין?

קיין קרוב ניט, קיין גואל ניט
און עלענד ווי אַ שטיין?
די רייכע „קענען גאָר נישט טאָן",
זיי האָבען טעכטער, זיהן....
די לאָנדאָנער „קאָמיטע לייט" —
פאַר זיי איז ער צו גרין...
די לעמפּעלעך זיי ברענען זיך,
דרויף זיינען זיי געשטעלט;
נאָר וויסען פון זיי קענט איהר ניט
וואָס טוט זיך אין דער וועלט.
זיי זיינען ווי קאָמיטע־לייט
צום שיינען נור געזעצט,
און זעהען ניט, און ווייסען ניט —
דער שוך ביי וועמען קוועטשט.

1884

דאס ליעד פון׳ם העמד

THOMAS HOOD'S

SONG OF THE SHIRT

פריי איבערזעצט אויס דעם ענגלישען.

מיט מאָגערע פינגער, דאַר און אויסגעדרעהט,
מיט אויגען, וואָס זיינען פון אַרבייט שוין בלינד —
אַ ווייבעלע זיצט זיך, אין לומפען געקליידט,
און ווארפט מיט׳ן נאָדעל און פאָדים געשווינד.
שטעך — שטעך — שטעך!
אין הונגער, אין דלות, פאַר אַלעמען פרעמד,
און דאָך מיט אַ ריהרענדער שטים אין דער הויך,
זינגט זי זיך דאָס ליעד פונ׳ם העמד.

„איך נעה — נעה — נעה!
נאָך איידער דאָס קרייען פון האָן איז צו הערען!
און נעה! אָבער נעה — ווידער נעה!
ביז איך זעה דורך די לעכער אין דאַך שוין די שטערן.
מיר דאַכט זיך, עס קען ניט זיין ערגער אַ קנעכט,
וואָס אַרבייט אַלס שקלאַווע ביי היידען, ביים טערק;
מיר דאַכט זיך, עס קען איהם ניט זיין אַזוי שלעכט,
ווי מיר איז ביי דיעזען אונמענשליכען ווערק!

„נעה! פּראַצעווע — האָרעווע — נעה!
ביז איך קען מיין קאָפּ ניט דערלאַנגען אַ דרעה!
און נעה! אָבער נעה — ווידער נעה!
ביז מיינע געשוואָלענע אויגען טהון וועה.
די מערלע, דער זוים און די באַנד,
די באַנד און די מערלע, דער זוים!
איך פאַל אויפ'ן נאָז מיט די קנעפּלעך אין האַנד,
און נעה זיי, עס דאַכט זיך מיר, אָן אין אַ טרוים.

„אָה, מענשען! אויב איהר האָט אַ שוועסטער, אַ ווייב,
אַ מוטער, ווען אייך האָט דאָס שיקזאַל געגעבען,
זייט וויסען, איהר טראָגט ניט אוים וועש אויפען לייב —
איהר טראָגט אויף זיך מענשליכע לעבען!

שטעך — שטעך — שטעך!
אין הונגער, אין שמוץ, פאַר דער גאַנצער וועלט פרעמד,
נעה איך מיט אַ דאָפּעלטען פאָדים: פיר זיך
תכריכים — פאַר אַנדערע מענשען אַ העמד.

„נאָר ווי איז דער טויט אויף מיין רעיון אַרויף?
דעם מלאך המות'ם געשטאַלט — אַ סקעלעט, —
ווי קען עס מיך שרעקען, ווען מיין אייגענער גוף
איז זעלבסט נאָר אַ ביינערגעשטאַלט, ווי איהר זעהט?
נור ביינער אַ הויפען, גענוי ווי דער ט ו י ט:
איך פאַסט אַזוי אָפט, און בין גיע אויסגערוהט.
אָה, הימעל! עס זאָל אַזוי טייער זיין ב ר ו י ט,
עס זאָל אַזוי וואָלוועל זיין פליישׁ און בלוט!

„נעה! פּראַצעווע — האַרעווע — נעה!
צום אַרבייטען בין איך קיין מאָל ניט צו שוואַך,
און וואָס איז דער לוין פאַר מיין פּראַצע? פון שטרוי
אַ בעט, אַ שטיק טרוקענע ברויט, דער צובראָכענער דאַך,
אַ קאָדערביים לייב, דיזער טיש מיט'ן שטול,
פיער ווענט, וועלכע זיינען אַזוי פּוסט און בלאַנק,
אַז ווען זיי מאַכט עפּעס נאָך צייטענווייז פול —
דערפאַר קומט מיין אייגענעם שאָטען אַ דאַנק!

„איך נעה! — אָבער נעה — ווידער נעה!
פון מאָרגען ביז שפּעט אין די פינסטערע נאַכט;
נעה! פּראַצעווע — האָרעווע — נעה!
פונקט ווי אַ פערברעכער אין טורמע פערמאַכט:
די באַנד און די מערלע — דער זוים,
די מערלע, דער זוים און די באַנד!
ביז איך פיהל מיין קאָפּ אויף די שולטערן קוים,
מיין מוח פערווירט איז, און שוואַך איז מיין האַנד.

„נעה! פּראַצעווע, האָרעווע — נעה!
ביים פינסטערען ליכט פון דעצעמבער טומאַן;
און נעה! אָבער נעה — ווידער נעה!
אים ליעבליכסטען מאַי וואָס איז ערגעץ פאַראַן.
ווען אונטער'ן דאַך אין איהר נעסט זיצט די שוואַלב,
און ווייזט מיר פון ווייטען די ליכטיגע זון, —
זי ווייזט מיר דעם פריהלינג און פרעגט מיך וועסהאַלב
איך זעה דאָס אַליץ צו און גענים ניט דערפון.

„אָה, איינמאָל נאָך שעפּען וואָלט איך פרייע לופט,
וואו ראָזען און ליליען — ליעבליך און זים —

געפינען זיך דאָרט, וואו די פייגעלע רופט!
דעם הימעל פון אויבען — גראָז אונטער די פיס...
נור איין קורצע שעה דאָרטען זיין פאַר'ן טויט,
צו שלינגען די לופט, וואו אַ ווינטעלע בלאָזט;
ווי דאַן — ווען מיר וואַר אונבעקאַנט נאָך די נויט,
איידער מיר אַ שפּאַציער האָט אַ מיטאָג געקאָסט.

„אָה, איין קורצע ווייליגקע בעט איך נור היינט,
אויף איין קורצע שטונדע צו ווערען בעפרייט —
ניט האָפנונג צו זוכען, ניט ליעבע פון פריינט,
מיין האַרץ אויסצוואויינען פערלאַנג איך נור צייט.
אַ ביסעלע וויינען, נור עטליכע טרערען
וואָלט גרינגער געמאַכט מיין צובראָכענעם הערץ.
איך טאָר אָבער נאָדעל און פאָדים ניט שטערען
דורך וויינען — אפילו צו שטילען מיין שמערץ".

* *

מיט מאָגערע פינגער, כמעט אויסגעדרעהט,
מיט אויגען, וואָס זיינען פון אַרבייט שוין בלינד,
אַ ווייבעלע זיצט זיך, איין קאָדרעס געקליידט
און וואַרפט מיט'ן נאָדעל און פאָדים געשווינד.
שטעך — שטעך — שטעך!
אין הונגער און דלות, פאַר אַלעמען פרעמד,
און דאָך מיט אַ ריהרענדע שטימע אין דער הויך
זינגט זי דיזעם ליעד פונ'ם העמד.

1884

דער יתום׳על

איך האָב פאַר עטליכע וואָכען געטראָפּען
א קליינעם אינגעל פון צעהן ביז עלף יאָהר:
שמוציג, האַלב־נאַקעט איז ער זיך געלאָפען,
און האָט געהאַט ביי זיך קעסטלעך אַ פּאָאר.
לויפענדיג האָט ער פערלאָרען אַ שלורע,
און האָט זיך אָבגעשטעלט נאָהנט נעבען מיר.
„אינגעלע — זאָג איך — ווער האָט דאָס די צורה
איינגעריכט פּונקט ווי מיט סאַזשע ביי דיר?
וואשען זיך מוז מען אפילו אין נויט!“
אָבער דאָס קינד
ענטפערט געשווינד:
„וואשען זיך?... איך מוז פערדיענען מיין ברויט!“

זייענדיג איינער פון די בני־רחמנים,
האָב איך דאָס קינד אין אַ קוכשאָפּ געפיהרט;
האָב שוין ניט ווייטער גערעדט אַרום פּנים,
אָבער אַנאַנדער פּונקט האָב איך בעריהרט:
„זאָג־זשע מיר, פרעג איך, ווען דו וועסט אַלץ לויפען
גאַנצענע טעג וועגען מ ס ח ר ווי היינט,
ווען קענסטו לערנען אין שול אויף דעם אופן?
דו בלייבסט דאָך אונוויסענד, מיין יונגער פריינד;
לערנען — דאָס מוז מען אפילו אין נויט!“

אָבער דאָס קינד
ענטפערט געשווינד:
„לערנען געהן?... איך מוז פערדיענען מיין ברויט!“

איך בין פערטיעפט אין געדאַנקען געזעסען,
טראַכטענדיג ווי איהם צו געבען פערשטעהן
אַז ווען אַ מענש דענקט ניט מעהר ווי פון עסען
איז ער ניט ווערטה אויף „גאָט'ס ערדע“ צו געהן.
„ווען דו בלייבסט אונוויסענד — בלייבסטו אַ בלינדער;
דו ווערסט געשטרויכעלט און ווייסט ניט אָן וואָס...
בעסער ניט אויפוואַקסען מעגען די קינדער,
וועלכע נאַכהער ווערן שונאים דעם שלאָס;
עהרליך, מיין קינד, מוז מען זיין אויך אין נויט!“
אָבער דאָס קינד
ענטפערט געשווינד:
„עהרליך זיין?... איך מוז פערדיענען מיין ברויט!“

1884

אַ מיידעלע אין דער סיטי

לעבען דער בערזע, דעם טעמפּעל פון שווינדעל,
זעה איך טאָג טעגליך אַן אָרעמעס קינד,
שטעהענדיג רוהיג און שטיל ווי אַ הינדעל,
נאָהנט פון אַן אַלטען מאַן, וועלכער איז בלינד;
שוועבעלעך טראָגענדיג,
שטילערהייט זאָגענדיג,
בעטענדיג: „קויפט ביי מיר מעטשעס, מיין הערר!
Two boxes a penny, one penny the pair!"

דרויסען מעג רעגענען, דונערן, בליצען,
זי שטעהט גאַנץ רוהיג, טוט זיך ניט אַ קעהר;
זאָרגט נור: אַט קען נאָך דער רעגען בעשפּריצען
איהר ביסעל סחורה און דאגה'ט ניט מעהר;
שטעלט אוים די קליינינקע,
שוואַכינקע, שעהנינקע
הענטעלע בעטענדיג: „קויפט מעטשעס, סער!
Two boxes a penny, one penny the pair!"

ווייס זי פון עלטערן, שוועסטער און ברידער?
ווייס זי וואָס פריינדשאַפט, וואָס ליעבע בעטייט?
האָט זי אַ היים, וואו איהר גוף, איהרע גליעדער
קענען זיך אויסרוהען — ווען זי האָט צייט?

אָדער ווי ראָלאַנד היל
שלאָפט זי אין קאָרן־היל?
זאָגט זי ניט, בעט־זיך נור: קויפט מעטשעס, סער!
Two boxes a penny, one penny the pair!

מעקלערס קאָנטאָרשציקעס, גאַנצע חיילים,
לויפען אַהין און צוריק ווי פער׳סמ׳ט;
צאַפּלען זיך לויפענדיג ווי די טייוואָלים,
אויסרופענדיג אַלע ווײַלע: „פערדאַמט!“
לויפענדיג, געהענדיג,
צייטענווייז שטעהענדיג,
זעהט זי זיי, בעט זי זיי: קויפט מעטשעס, סער!
Two boxes a penny, one penny the pair!

זי האָט פאַר רעגענס, פאַר פּאָגעס ניט מורא,
אָבער ווי לאַנג בלייבט אַ גאַס־קינד געזונד?
אָט קומט די אויסצעהרונג — און איהרע סחורה,
וואָס זי היט מעהר ווי איהר לעבען איצונד,
טראָגט שוין אַנאַנדערער
קליינער שטאָדט־וואַנדערער
פּונקט ווי זי שרייענדיג: קופט מעטשעס, סער!
Two boxes a penny, one penny the pair!

1884

דריי שוועסטער

אין ענגלאַנד איז דאָ אַ שטאָדט לעסטער,
אין לאָנדאָן איז דאָ אַזאַ סקווער,
אין סקווער שטעהען טעגליך דריי שוועסטער,
די מיידלעך — זיי קען וועד־ניט־זוער.

די קלענסטע פערקויפט דאָרטען בלומען,
די מיטעלסטע — בענדלעך פון שיך,
און שפעט אין דער נאַכט זעהט מען קומען
די עלטסטע, וואָס האַנדעלט... מיט זיך.

די אינגערע ביידע בעטראַכטען
די עלטערע שוועסטער אָהן האַס;
דען אַלע דריי מיידלעך פעראַכטען
די וועלט, מיט דער שטאָט, מיט דער גאַס.

און דאָך ווען די קליינע צוויי קומען
צום נעסט, וואָס זיי רופען אַ היים,
בענעצען זיי בענדלעך און בלומען
מיט טרערען, וואָס בלייבען געהיים.

אַן עהרליכע בעטריגערין

זי נאַרט אָב מיט מילך־זופּ איהר מאָגען,
די פּים — מיט צוּקערנע שיך;
דאָך וועט זי אַ ליגען ניט זאָגען;
די אָרעמע נאַרט מעהר ניט זיך.

זי נאַרט אָב איהר גוּף מיט אַ טראַנטע, —
איהר ליבּ מיינט, אַז דאָס איז אַ קלייד;
זי נאַרט איהרע פריינד און פערוואַנדטע
מיט כלומרש'ט צופריעדענע רייד.

און דאָך רעדט זי זעלטען און וועניג,
און קיינער בעגרייפט ניט — חוץ מיר, —
אַז טיעף אין איהר ברוסט, אינעווועניג,
וואַקסט לאַנגזאַם אַ גרויסער געשוויר.

מען מיינט, אַז זי האָט ניט קיין שכל;
מען מיינט, אַז עס פעהלט איהר געפיהל;
מען זעהט ניט איהר ביטערען שמייכעל,
וואָס רעדט ניט און זאָגט אַזוי פיעל.

1884

קליין־עטעלע

איך קען אַ קליינע מיידעלע,
אַן אַרבייטער׳ס אַ קינד,
איהר צורקעלע, די איידעלע
ערפרעהט די הויזגעזינד.

מען גיט איהר אַלע גוטיגקייט
אין ביזע און אין סלעק,
איהר פרעהליכקייט, איהר מוטהיגקייט
איז יעדענ׳ס לעבענס צוועק.

זי בליהט, די שעהנע מיידעלע,
זאָגאַר אין צייט פון נויט:
דער פאָטער האַלט איהר קליידעלע
פאַר בילכער ווי זיין ברויט.

דאָך דוכט מיר, ער זעהט קומענדיג
אַ שווערע, שווערע צייט,
און אָפטמאָל מאַכט איהם אומעדיג
זיין טאָכטער׳ס ליעבליכקייט.

ער זיצט אָפט ביי איהר בעטעלע,
פערזאומערט אויף אַ שטול,
און טראַכט אַרום קליין ־ עטעלע
מיט אויגען רויט און פול...

דזשעק גנב

דזשעק איז אַ קינד מיט אַ פּראָסטליכען קעפּעל:
ער וואונדערט זיך ווי דאָס קען זיין,
אַז פּאָר גע'גנב'עטע דריי פוילע עפּעל
זאָל ער געהן אין טורמע אריין.

דזשעק איז אַ קינד פון אַ פרוי אַ ניט קלוגע;
אַ נאַרישע ווייבעל, וואָס מיינט
אַז דער געזעץ מוז זיין פּשוט משוגע,
ווייל דזשעק האָט קיין בייז ניט געמיינט.

דזשעק, יענעם טאָג איז אַוועק אַ פערקלעמטער,
איהר לאָזענדיג קאָם וואָס זי לעבט;
ווים אַזאַ קינד צי ער גנב'עט, צי נעהמט ער,
אַ קינד, טראַכט זי, יונג און פערגרעבט.

אַלץ ביז אַ צייט: דזשעק קומט ענדליך אַ פרייער,
אַ פרייער פון טורמע אַרויס,
מעהר נישט די עפּעל זיי קאָסטען איהם טייער:
אַך, דזשעק קומט אַ יתום נאָך הויז.

דער עופ'עלע אין וואַלד

אין אַ בלומען־וויגעלע
שלאָפט אין וואַלד אַ קינד,
און איהם זינגט אַ ניגעלע
אין דער הויך דער ווינד: —

„שלאָף, מיין זיסער אינגעלע,
שטעה ניט אויף, ניט הילך,
ניט בעוועג דיין צינגעלע —
א י ך האָב ניט קיין מילך...

האָב פאַר דיר קיין פוטער ניט,
פרעג אָט דיעזען בוים;
שלאָף, דו האָסט קיין מוטער ניט,
האָסט, ווי איך, קיין היים.

דו ביסט אַ פערלאָזענער,
ווי פון בוים אַ בלאַט
אַן אַראָבגעבלאָזענער,
וועלכער פאַלט פור־פלאַט.

ליעג, איך וועל בעשיצען דיך,
אויף די גרינע גראָז,
פון די שווערע היצען דיך
מיט מיין פרישען בלאָז.

האַלט נור צו די אויגעלעך,
רוה אוים יעדען גליעד;
איך מיט יענע פייגעלעך
זינגען דיר אַ ליעד.

אָבער בעט קיין פוטער ניט,
ניט קיין מילך, קיין שפּייז,
דען דו האָסט קיין מוטער ניט,
זי ליעגט קאַלט ווי אייז.

זי, די טיעף־געזונקענע,
האָט געמאַכט אַ שטרייך:
ליעגט איצט, אַ דערטרונקענע
אין דעם טיעפען טייך.

וואו דער שטראָם, איהר שוויינקענדיג,
רייניגט איהר פון זינד...
שלאָגט אַרוים, איהר טרענקענדיג,
פון איהר קאָפּ איהר קינד.

זי, די נאָך ניט מינדיגע,
האָבענדיג געטראַכט,
אַז זי איז אַ זינדיגע,
האָט זיך אומגעבראַכט.

* *

שטיל? דו שליסט די אויגעלעך
מידערהייט שוין צו?

גוט, איך רוף די פייגעלעך
און דו האָסט באַלד רוה.

רוה פאַר יעדען אבר'ל
שאַפען מיר דיר באַלד,
אין אַ פרישען קבר'ל
דאָ אין גרינעם וואַלד..."

אין רעגען, אין ווינט און אין קעלט

וואָס טוען צוויי עופ'עלעך קליינע אין גאַס —
אין רעגען, אין ווינד און אין קעלט?
די הענטעלעך אייז און די פיסעלעך נאַס,
די ליפּעלעך בלוי און די בעקעלעך בלאַס;
וואו איז זייער היים אין דער וועלט?
זייער היים? זייער היים בין איך — זאָגט די גאַס,
אין רעגען, אין ווינד און אין קעלט.

וואו געהען צוויי קינדערלעך קליינינקע היינט,
אין רעגען, אין קעלט און אין ווינד?
וואָס? גאָר אָהן אַ פאַטער, אַ מוטער, אַ פריינד?...
יתומים'לעך? נעבעך! וואָס זעה איך? מיר שיינט,
אַז איינער פון זיי איז גאָר בלינד!
געוויס — זאָגט די גאַס — און איך בין זייער פריינד
אין רעגען, אין קעלט און אין ווינד.

וואָס בלייבען זיי שטעהן מיט אַמאָל היער אַליין,
אין רעגען, אין ווינד און אין קעלט?
צום האַנדלען צו אָרעם, צום בעטלען צו קליין,
צו שוואַך און צו עהרליך צום גנב'ענען געהן,
וואו קריגען זיי עסען אָהן געלד?
איצט שווייגט שוין די גאַס, אַך, איהר האַרץ איז פון שטיין,
דער ווינד שווייגט, דער רעגען, די קעלט.

1889

ניט אהין און ניט אהער

(די מעלאָדיע פון: „יאַ סטאַר, יאַ דריאַכל, יאַ איסטאָמילסיאַ!")

זי איז אַן אלמנה, אַ יונגע אלמנה,
און מאַטערט זיך שווער אויף איהר שטיקעלע ברויט;
זי אַרבייט ביין ליכט פון דער זון, דער לבנה
און ליידט אכט חדשים אין יאָהר ניט קיין נויט.
זי ווערט פאַר דער צייט, דאַכט זיך ביסלעכווייז גרוי,
דאָך זעהט זי צופריעדען אויס, איז אַזוי שטיל!
וואָס האָט פון איהר אַרבייט די אָרימע פרוי?
צום לעבען צו ווייניג, צום שטאַרבען צו פיעל.

זעקס שילינג אַ וואָך איז אַ קנאַפּע הכנסה,
זעקס שילינג אַ וואָך אַכט חדשים אין יאָהר,
איהר אַרבייט איז אויך ניט קיין לייכטע פרנסה,
קיין וואונדער ניט, וואָס עס ווערט גרוי איהרע האָר,
זי עסט און דערעסט ניט, און עסט ניט אין צייט
און זעהט אימער אויס האַלב פערהונגערט און מאַט:
זי בלייבט ווי די אַנדערע אָרעמע לייט,
צום לעבען צו הונגריג, צום שטאַרבען צו זאַט.

אַמאָל איז זי וואונדערבאַר ליעבליך געוועזען,
מען האָט איהר גערופען אַ שעהנהייט זאַגאַר,
געמאַכט האָבען מענשען פון איהר אַ גרויס וועזען,

היינט איז זי, די אָרעמע, געלבלעך און דאַר.
די אויגען פערזונקען, די ליפּען מאַט־בלוי,
איהר ברוסט איז איצט פלאַך, די פיגור קרום און קליין,
אַ בלום אַ פערוועלקטע איז היינט דיעזע פרוי —
צום לעבען צו העסליך, צום שטאַרבען צו שעהן.

פערוועלקט, און אין גאַנצען איז זי אַ יאָהר דרייסיג!
איהר צוקונפט איז שוואַרץ, איהר פערגאַנגענהייט לעער,
זי האָרעוועט דעננאָך, צופריעדען און פלייסיג,
און טרוימט אָפט ביי־נאַכט פון איהר נאָדעל און שעער!
איהר לעבען איז טרויעריג, צוועקלאָז און פוסט,
און ווען אויך זי לאַכט, ליעגט דער טויט אויף איהר צונג,
זי ווירקט אָהן אַ האָפנונג, זי ארבעט אָהן לוסט —
צום לעבען צו אַלט און צום שטאַרבען צו יונג.

דער טויט, אַך, דער טויט קומט אַלץ נעהנטער טאָג טעגליך,
זי זעהט איהם אין חלום און אָפט אויפען וואָהר,
די פרעהליכסטע ליעדער זייי קלינגען איהר קלעגליך,
איהר שיינען די זינגער קברנים אין כאָר;
לאַנג לעבט זי ניט מעהר, ווען זי וואָלט אויך געוואָלט,
דערצו אָבער האָט זי ניט מעהר קיין פערלאַנג:
וואָס איז מיר, זאָגט זי, נאָך אַ יאָהר אין דער וועלט?
צום לעבען צו קורץ און צום שטאַרבען צו לאַנג.

1890

די אָרעמע מאַריע

עלענדע מאַריע, אונגליקליכעס קינד —
וואונדערבאַר ווי איהר פערפאָלגען די הינט,
וועלכע די „אָרדנונג די געטליכע" היטען!
קרענקענדיג, ליידענדיג, עלענד און שוואַך,
האָט זי געאַרבעט אַ צייט אין איהר פאַך,
און האָט דערביי אימער מאַנגעל געליטען.

יאָהרענלאַנג האָט זי געאַרבעט, צום ענד
האָבען איהר „נאָטים" געגעבען די הענד,
וועהרענד די פיס האָבען קאָם־וואָס געטראָטען;
„איצט מוז איך בעטלען!" זאָגט זי און פּרובירט.
„דאָ איז אַלץ פריי..." אַך, זי האָט זיך געאירט:
בעטלען אין ענגלאַנד איז שטרענגסטענס פערבאָטען.

און דאָס ערקלערט איהר דער הערר מאַגיסטראַט,
וועלכער זעהט אוים זעהר קרעפטיג און זאַט,
גלייך ווי מען ברענגט צו איהם מאַריע'ן צו פיהרען;
און, אום די פרייהייט פון אָרעמע לייט
קלאָר צו בענעהמען, גיט פיער וואָכען צייט
ער איהר אין טורמע, און הייסט איהר מאַרשירען.

* *

„בעטלען איז, הייסט עס, אין דער פרייער לאַנד —
ניט אַן ערניעדערונג נור און אַ שאַנד" —
טראַכט ביי זיך מאַריע, — „עס איז אַ פערברעכען.

וואָס טהו איך איצט? געהן אין וואָרק־הויז? אָ, ניין!
גלייבער צוריק שוין אין טורמע צו געהן:
דאָרטען, אין הקדש איז ערגער, איך רעכען."

מאַריע האָט רעכט, דאָך זי האָט ניט קיין ברויט,
מאַריע'ן די אָרעמע טרייבט איצט די נויט
ברויט ביי אַ בעקער צו גנב'ען אַ „קוואָטען".
נו, וואָס פערשטעהט איהר ניט? די פּאָליציי
כאַפּט איהר און זעצט איהר אַריין איינס און צוויי:
גנבה אין ענגלאַנד איז שטרענגסטענס פערבאָטען.

דיעזעס ערקלערט איהר דער הערר מאַגיסטראַט,
וועלכער איז אימער נאָך קרעפּטיג און זאַט,
רעדענדיג מיט אַ גאַנץ ערנסטע מיענע;
און דאָס געזעץ צו שטודירען אויף קלאָר
הייסט ער איהר זיצען פערשפּארט אַ האַלב יאָהר,
אין אַן אַסטראָג פון דער פרייער מדינה.

* *

מאַריע זיצט וויעדער, קומט וויעדער אַרויס,
וויעדער אַרויס און האָט וויעדער קיין הויז,
וויעדער קיין שפּייז ניט צו שטילען דעם מאָגען.
אָה, ער איז גרויזאַם, דער מאָגען אין לייב:
„עסען גיב, שרייט ער, דו בעטעל, דו קלייב,
גזל ברויט, כאַפּ ברויט, אַבי נור געקראָגען."

מאַריע, זי ציטערט איצט פאַר'ן געריכט,
דאָך זי דערמאָנט זיך אַז פון אַ געזיכט,
וועלכעס איז שעהן, מאַכט מען אָפטמאָל אַ לעבען...

רויט ווערט פאַר שאַנד זי, וואָס איז אימער בלאַס,
דאָך זי פּרובירט, זי ערשיינט אויפען גאַס...
האָפט אַז די נאַכט וועט אַ מאַסקע איהר געבען.

יא, זי קלייבט אוים אַ שטאָק־פינסטערע נאַכט,
דאָך זי בעהאַלט זיך און ווערט ניט בעטראַכט;
איהר ערסטע פּראָבע ווייזט אוים ניט געראָטען...
אָט קריגט זי מוטה... און זי רופט איינעם אָן:
ער אָבער, צייגט זיך אַרוים, איז אַ שפּיאָן,
„אָנרעדען מענער, זאָגט ער, איז פערבאָטען".

דיעזעס בעשטעטיגט דער הערר מאַגיסטראַט,
ער וואָס איז אימער נאָך קרעפטיג און זאַט,
אימער נאָך שטרענג, אין זיין דין אונערביטליך;
דאָך זי ווערט דיעסמאָל צו שטרענג ניט בעשטראָפט,
„טורמע דריי טעג נור" — אַ גליק אונפערהאָפט,
„געה, זאָגט דער הערר, און זיי קינפטיג מעהר זיטליך".

* *

מאַריע ווערט זיטליכער, אָבער ניט זאַט,
מאַריע איז שרעקליך פערהונגערט און מאַט;
אָבער די וועלט האָט אין זיך פילאַנטראָפּען:
איינער דערלאַנגט איהר אַ שילינג אין גאַס,
און זי בעשליסט צו פערזוכען, צום שפּאַס,
וואָס פאַר אַ טעם האָט דער ביטערער טראָפּען.

און מיט איהר אייגענעם דעם גאַנצען אין האַנד
געהט זי און טרינקט אַ האַלב שעה נאָך אַנאַנד,
אין דער געזעלשאַפט פון פיעל אידיאָטען;

שכור׳ערהייט געהט זי אום ביז זי ווערט
ניכטער אין דער פּאָליציי, און זי הערט,
אז שכור אַרומגעהן אין גאַס איז פערבאָטען.

דיעזעס ערקלערט איהר דער הערר מאַגיסטראַט,
ער, וואָס איז אימער נאָך קרעפטיג און זאַט,
ער, וועלכער האַלט אַז עס טאָר ניט געבראַכען
ווערן דער קלענסטער געזעץ אין אַ לאַנד,
וואו די גערעכטיגקייט הערשט מיט פערשטאַנד.
מאַריע, זי קריגט פון דאָס נייע דריי וואָכען.

* *

מאַריע זיצט ווידער, ווערט ווידער בעפרייט,
מאַריע איז קראַנק, איהר פערמאַטערט דער שטרייט
און זי הויבט אָן אַרום טויט איצט צו טראַכטען.
נאָך האָט זי פון פּעקעל זאַכען די שטריק,
דאַן איז בעקאַנט איהר אַ פריינדליכער בריק,
וואָס אונטער איהם פלעגט זי אָפט איבערנאַכטען.

הענגען זיך — טרענקען זיך? פרעגט זיך נור היינט,
מאַריע בעשליסט זיך צו געהן צו איהר פריינד...
קיינער פערפאָלגט איהר ניט אויסער איהר שאָטען;
נון, איז די עלענדע ענדליך אין טייך...
אָבער מען רעטעט איהר און זי הערט גלייך,
אז זאָגאַר זעלבסטמאָרד איז שטרענגסטענס פערבאָטען.

דיעזעס ערקלערט איהר דער הערר מאַגיסטראַט,
וועלכער איז אימער נאָך קרעפטיג און זאַט,
דאָך ער איז גנעדיג, בעשטראָפט איהר איצט גאָר ניט.

„געה און זיי קליגער — זאָגט ער נור צו איהר,
זעה, דו זאָלסט מעהר שוין ניט קומען צו מיר,
אַלעס געגנוי ווייסטו איצט וואָס מען טאָר ניט".

*   *

מאַריע קומט ווירקליך צו איהם שוין ניט מעהר,
ליעגט און דערלאַנגט זיך קיין ריהר ניט, קיין קעהר,
ליעגט שוין בעגראָבען אין דר'ערד און בעשאָטען.
ווער ווייס, צי וויים זי — אַז שטאַרבען פון נויט,
מיט אַ גע ז ע צ ליכ ען, רוהיגען טויט,
א י ז נ י ט אין פרייע מדינות פערבאָטען.

1890

רענט

האָט איהר געקענט דעם ריוועטער,
קליין בּאַרנעט מאָס פון בערנער סטריט?
ער איז שוין ניט קיין ריוועטער,
ער געהט ניט אויס, ער אַרבעט ניט,
ער האָט אויף זיך ניט מעהר קיין באָס,
און הונגערט ניט און ליידט ניט נויט,
דען... טויט איז צייט דריי מאָנאַט מאָס,
קליין בּאַרנעט׳ל איז טויט...

געדענקט איהר נאָך זיין יונגע ווייב,
שעהן מינדעלען פון בערנער סטריט,
וואָס פלעגט אַמאָל צום... צייטפערטרייב,
פּאַר קינדער מאַכען באָנעטס, היט?
זי געהט צו־קינד, געהט מינדעלע,
ברענגט נאָך אַ יתום אויף דער וועלט;
זי האָט אַ וויעג, איין ווינדעלע,
און צוויי־דריי שילינג געלד.

וואָס הויבט מען פריהער אָן צו טהאָן
מיט צוויי־דריי שילינג געלט?
זי וואָלט געדאַרפט אַ פערטעל האָהן,
אין שטוב פעהלט קוילען, ליכט אויך פעהלט.
דעם נייעם יתום׳ם ברודער געהט
אין קעלט אַרום, ווי אָבגעברענט,

זי וואָלט עס עפּעס אויפגעגעהט,
דאָך האַלט, מען קומט נאָך רענט.

מען קומט נאָך רענט, דער לענדלאָרד קומט,
דער לענדלאָרד זעלבסט, ער איז שוין דאָ!
„איך וויל — זאָגט ער — מיין געלד!“ זי שטומט,
זי וויינט; ער זעהט, עס איז ניטאָ.
דעם לענדלאָרד׳ס האַרץ איז ניט פון שטיין,
„הערט ווייבעל, זאָגט ער, וואָס איך טהו:
איך שענק די רענט אייך, אָבער געהן
אַרויס מוזט איהר אים־נו“.

זי וויינט — וויינט מינדעלע און שרייט:
„מיין ליעבער הערר, ווי זעהט איהר ניט,
אַז איך בין... איך בין אויף דער צייט...
און טאָר ניט געהן פון היער קיין טריט?“
דעם לענדלאָרד׳ס האַרץ איז ניט פון שטיין,
ער קען קיין טרערען גאָר ניט זעהן,
דאָך הייסט ער נאָך אַמאָל איהר געהן,
איהם קומט שוין צוויי פונט צעהן.

זי וויינט שעהן מינדעלע און קלאָגט,
און ווישט די אויגען מיט אַ טוך.
דער לענדלאָרד הערט אויס וואָס זי זאָגט
און קוקט דערוויל ביי זיך אין בוך.
„עס בלייבט דערביי — זאָגט ער צו איהר —
אומזיסט האַלט איך אלמנות... ניט;
איהר ווייסט, איהר האָט קיין רענט פאַר מיר,
אויך קיין משכנות ניט“.

צוויי שטונדען שפּעטער ווערט פון הויז
ארויסגעוואָרפען באַרנעט׳ס ווייב,
זי מיט איהר אינגעל געהט אַרויס
און מיט דעם עופּעלע אין לייב;
דעם לענדלאָרד׳ס האַרץ איז ניט פון שטיין,
ער האָט ביי זיך אין יאַרד אַ שטאַל,
אַהין לאָזט ער איהר וואוינען געהן;
זי געהט אויף יעדען פאַל.

אין קבר ליעגט דער ריוועטער,
קליין באַרנעט מאָס פון בערנער סטריט,
און דאָ גריסט אַ פערגליווערטער
די וועלט זיין קינד, וואָס קען איהם ניט.
אין שטאַל קומט אָן זיין אָרעם קינד,
מיט אַ געשריי אין אונזער וועלט;
דאָך ווערט ער איינגעשטילט געשווינד:
ער שטאַרבט אַוועק פאַר קעלט.

1885

די פערפּראַרענע

אַן ענגלישער פראָסט איז אַ זעלטענער גאַסט,
ער קומט אויף ניט לאַנג יעדען ווינטער;
פון קצינים געליעבט, פון אביונים געהאַסט,
ערשיינט ער, פערוויילט ער, פערשווינדט ער.
אַט ווײלט ער אויך היינט אין זיין מאַנטעל פון גרוי,
פערוויילט ער און ווערט ניט געלינדער;
מיר דאַכט זיך איהם שילטען, איך הער ניט גענוי,
אַן אָרעמער מאַן און זיין קרענקליכע פרוי,
און זייערע דריי קליינע קינדער.

דעם אָרעמען מאַן און זיין קרענקליכע פרוי,
און זייערע דריי קליינע קינדער,
זיי טרעפט אויפען לאַנד אין אַ וואלד וואָס איז גרוי,
דער פראָסט און ער זאָגט: „געהט געשווינדער!“
די אָרעמע לייט וואַרפט אַ צאַהן אָן אַ צאַהן.
געשווינדער? וואָס העלפט דאָ דער זאָגען?
וואָס קען אַזאַ ווייבעל אַ קרענקליכע טהאָן?
און קינדערלעך יעדער פערדאַרט ווי אַ שפּאָן,
זיי קענען די פיס ניט דערטראָגען.

אַך קינדערלעך, יעדער פערדאַרט ווי אַ שפּאָן,
זיי קענען די פיס ניט דערטראָגען,

ווייל שוואַך זיינען זיי, ווייל אַ קינד ווי אַ מאַהן
ליידט אויך פון אַ לעדיגען מאַגען...
אין וועג אַהן אַ ציעל פון היינט מאָרגען גאַנץ פריה
אַט זעהט זיי דער פראָסט דאָ אויף רייזען,
ער זעהט, ווי זיי שלעפּען זיך, נעבעך, מיט מיה,
ווי בלאַנדזשענדיג בויגען זיך זייערע קניע,
זיי בעטען קיין וועג זיך ניט ווייזען.

יאָ, בלאָנדזשענדיג בויגען זיך זייערע קניע,
זיי בעטען קיין וועג זיך ניט ווייזען:
דעם וועג צו פערדיענען געפינען זיי ניע,
דעם וועג ניט צו קליידער און שפּייזען.
זיי וואַנדלען פערצווייפעלטע סתם אין דער וועלט,
און פיהלען אין זיך ניט קיין אבר;
זיי ווייסען ניט מעהר וואָס איז דאָ, וואָס זיי פעהלט,
זיי געהען דורך הונגער, דורך וועהטאָג און קעלט,
און זוכען, ווייזט אויס, נור אַ קבר.

זיי געהען דורך הונגער, דורך וועהטאָג און קעלט,
און זוכען וואַהרשיינליך אַ קבר:
זיי שילטען דעם פראָסט און די מענשהייט, די וועלט
דער פראָסט ער לעגט איצט צו אַן אויוזער:
ער הערט ווי עס פאַהרט צו, פערהילעט אין גרוי,
פערשטעלט ווי דער מזל דער בלינדער,
אַ מאַן, וועלכער הויבט אויף און צעהלט אויס געניי:
צוויי טויטע — אַן אָרעמער מאַן מיט אַ פרוי,
דריי טויטע, פערגליווערטע קינדער...

* *

„געפונען צוויי טויטע, אַ מאַן און זיין ווייב,
בײַ זיי דריי פערפראָרענע קינדער ;
און יעדען פון זיי אָהן אַ קלייד אויפען לייב,
פערשאָלטענע אָרעמע זינדער....“
אַזוי שטעהט אין בלאַט, אין דריי שורות פערפאַסט,
אין ווערטער געשעפּט פון אַ טינטער....
דער שרייבער זאָגט אויך, אַז אַ זעלטענער גאַסט,
פון קצינים געליעבט, פון אביונים געהאַסט,
איז אונזער קליין פרעסטעל אין ווינטער.

1890

דאס געשפּענסט

איין אָוונד פאַרגאַנגענעם ווינטער בין איך
 אַליין אין מיין צימער געוועזען;
און זיצענדיג לעבען קאַמין לאַנג, האָב איך
 געהאַלטען אַ בוך און געלעזען.

און לעזענדיג, בין איך געוואָרען פאַרטראַכט,
 פאַרטראַכט און אַביסעל פאַראומערט,
איך בין מיר געזעסען ביז שפּעט אין דער נאַכט
 געזעסען, געטראַכט און געשלומערט.

און שלומערנדיג איז געוואָרען מיר קאַלט:
 עס האָט מיך ערגריפען אַ שוידער;
פון פייער איז פּלוצלונג אַרויס אַ געשטאַלט,
 אַ ביינער־געשטאַלט... ווי אַ טויטער.

אַ מת, יאַ אַ מת איז אַרויס פון קאַמין,
 אָהן פליישׁ, אָהן אַ הויט, היילע ביינער,
אין פּנים צוויי לעכער אָהן אויגער דאַרין,
 אין מויל אָבער קריצענדע ציינער.

און פון די צוויי לעכער אין פּנים ביי איהם
 האָט וואַסער געטריפט, דאַכט זיך טרערען...

און באַלד איז אַרויס פון זיין מויל אַזאַ שטים,
וואָס האָט מיך געשווידערט צו הערען.

און ווי יעדעס וואָרט איז אַרויס פון זיין מויל,
איז אימער אַ טראָפּען אַ נייער —
איז אימער געפאַלען אַ טרער אויף אַ קויל,
פערלעשענדיג לאַנגזאַם דעם פייער:

„דו שלומערסט, דו מענש! האָט געדונערט זיין קול,
דו זעהסט ניט, עס געהט אוים דיין פייער;
דו שלומערסט? האָט ער מיך געפרעגט נאָך אַמאָל,
די קוילען, מענש, קאָסטען מיר טהייער!

„מיר קאָסט עס מיין לעבען וואָס דיר איז אין שטוב
דעם אָוועגד דאָ ווארעם געוועזען...
אויף מיר איז געקומען דער טויט אין אַ גרוב,
אום דיר זאָל זיין ווארעם ביים לעזען.

„פון עלף ביז צוועלף הונדערט נפשות אַ יאָהר,
די גרובען פון ענגלאַנד פערשלינגען,
אָט הער ווי זעקס־טויזענד יתומים אין כאָר
אונז אָרעמע גרעבער בעזינגען...“

און ווי ער האָט אָבגערעדט, זיינען פאַר מיר
ערשיענען צו טויזענדער יונגען,
און נעבען זיי מיידעלעך גאָר אָהן אַ שיעור,
און האָבען דיעז׳ן קלאָגליעד געזונגען:

ווייבער, זיך קווּלענדע,
קינדערלעך עלענדע
לאָזט איהר, פערשאָטענע
גרעבער, נאָך זיך;
שעהנינקע מיידעלעך
לאָזט איהר אָהן קליידעלעך,
אינגלעך געראָטענע
לאָזט איהר אָהן שיך.

קינדער פערגעסענע,
אָפט ניט געגעסענע,
וועלען, פערפראָרענע,
האָרעווען שווער;
ווער וועט דערבאַרעמען
זיך, און דערוואַרעמען
אונז, די געשאָרענע
שעפּסעלעך — ווער?

וועט זיך ווער קימערען,
אויב אין די צימערען,
וואו מיר קאַליענען
ליכט און ברויט פעהלט?
אָ, איהר לאָזט אַייערע
קינדערלעך טייערע
צום קאַראַניענען
היינט אין דער וועלט.

זיי זיינען פערשוואונדען. ער האָט ניט גערעדט,
האָט מיר נור געוואונקען צו שויען

אריין אין קאמין. נעבען איהם, דעם סקעלעט,
איז איצט שוין געוועז א רייה פרויען.

א פולק פון אלמנות אין ווייסען געקליידט,
תכריכים אויף זייערע לייבער;
דאָ יונגע, דאָ עלטערע, באַרפיסערהייט —
פערשאָלטענע, אָרעמע ווייבער.

די בלייכע געזיכטער אין שלייערס פערהילט,
די פים אין די אַש האַלב פערשלונגען;
זיי האָבען מיט שרעקען מיין צימער ערפילט,
און האָבען אָט דיעזעס געזונגען:

דער וואָס עסט — פערגעסט
אָן אָרעמע לייט;
די טויב ווער עס עסט,
טראַכט ניט צי אין נעסט
ליעגט א טייבעל וואָס ליידט.

אין דער וועלט, ווער געלט
האָט פיעל איהם געלוסט,
פערגעסט דעם געצעלט,
וואו ווילגאַץ, וואו קעלט
מאַכט קראַנק יעדע ברוסט.

דער וואָס טהוט וואָס גוט
איז נור פיר זיין לייב,
פערגעסט דעם, וואָס רוהט
פון זאָרג קיין מינוט,
פאַר קינדער און ווייב.

אַ קאַראַטע ווער'ס האָט,
מיט קוטשערס און פערד,
זעהט ניט — און דאַנקט גאָט —
דעם, וואָס פון כלאַפּאָט
בעהאַלט זיך אין דר'ערד.

ווען פון שטוב אין קלוב
דער גביר געהט אריין,
געהט אויך... אין אַ קלוב
דער גרעבער פון גרוב,
אין מתים־פעראיין.

און זיין ווייב? איהר לייב
קויפט איהר, אויב איהר קענט,
צום... צום צייטפערטרייב;
זאָנסט דינגט אייער ווייב
צום דיענסט איהרע הענד.

איהר זייט רייך, און אייך —
אייך רייכע, איז גוט:
איהר שווימט אין אַ טייך —
פון וואָס? בלייבט אייך גלייך...
צי טרערען, צי בלוט.

דער קול פון די ווייבער איז לאַנגזאַם אוועק
און באַלד אויך דער טויטער, לשלום!
און איך האָב מיך אויפגעכאַפּט האַסטיג אין שרעק,
צום גליק וואָר דאָס אַלץ נור אַ חלום.

1887

דער אלטער מאַן און דער נייער יאהר

אום מיט דעם אַלטען יאָהר זיך צו געזעגענען,
שטעהט און קאַליעט ביי נאַכט היינט אַ מאַן,
און אום דעם נייעם יאָהר באַלד צו בעגעגענען,
וואַרט ער אין גאַס איצט, אין קעלט, אין טומאַן;
אויפגערעגט, וואַרט ער, דער אַלטער אין גאַס,
וואַרט ער און איז ניט אין כעס.

ער איז אַן אַרבייטסמאַן, ער איז אַן אַלטערמאַן,
מיט אַ פערשוואַרצט געזיכט און ווייסע האָאר;
און דיעזער הונגערמאַן, און דיעזער קאַלטערמאַן
וויל איצט בעגעגענען דעם נייעם יאָהר.
הונגעריג, אומעטיג שטעהט ער אין גאַס,
אומעטיג, דאָך ניט אין כעס.

זיבעציג נייע יאָהר האָט ער בעגעגענט שוין,
זיבעציג יאָהר אַלע קעלטער ווי אייז,
און האָט מיט זיבעציג יאָהר זיך געזעגענט שוין,
ער, דער פערפראָרענער אָרעמער גרייז;
טרעפּענדיג פּיעלע פון זיי היער אין גאַס
אויפגערעגט, דאָך ניט אין כעס.

„אָ, ליעבער נייער יאָהר, ווילסטו ניט בעסער זיין,“
הער איך איהם מורמלענדיג שטיל אונטער זיך,
„ווילסטו דען אויך פאַר מיין ברודער אַ מעסער זיין,
איך בין שוין אַלט... ווען קימערט פאַר מיך...“

דאָ לאָזט ער פאַלען אַ טרער אויפען גאַס,
ווײנט, דאָך ער איז ניט אין כעס.

„אָה, ליעבער נײער יאָהר, זײ אונז אַ טרײער יאָהר,
זײ צו מײן ברודער, דעם אַרבײטער, טרײ;
„זײ איהם אַ טרײער יאָהר, זײ איהם אַ פרײער יאָהר,
מאַך איהם, דעם שקלאַף, אָה, דו ליעבער יאָהר, פרײ;
קוק ניט אויף מיך, ווי איך שטעה דאָ אין גאַס,
הער מײנע רײד אוים אָהן כעס.

„דלות און נויט האָבען פאַר דער צײט גרוי געמאַכט
מיך, ווי דו זעהסט מיך, אַ ליעבער יאהר, הײנט;
פאַר דער צײט האָבען זײ פון מײנער פרוי געמאַכט
שפײז פאַר'ן ווערים פון דר'ערד, זײער פרײנד.
איך האָב בעוויינט מײן געליעבטע אין גאַס,
ביטערליך, אָבער אָהן כעס.

„איך האָב געשטריטען פאַר פרײהײט, גערעכטיגקײט,
און האָב בעגראָבען מײן אײנציגעס קינד;
איך האָב געקעמפּפט געגען מענשליכע שלעכטיגקײט,
שווימענדיג געגען דעם שטראָם און דעם ווינד;
ווײב און קינד האָב איך בעגלײט דורך די גאַס,
צו זײער קבר אָהן כעס..."

קוים רעדט ער אוים דיעזע ווערטער דער אַלטער מאַן,
פאַלט ער אַנידער — אַ מת אויפען ברוק,
פאַלט ער אַנידער אויף אײביג אַ קאַלטער מאַן;
שטיל איז זײן צונג אין מויל, שטאַר איז זײן קוק,
און ער נעהמט אַבשיעד פון לעבען אין גאַס,
רוהיג ווי אימער — אָהן כעס.

צוויי געסעלעך

(אַ כאַראַקטער־בילד פונ׳ם אידישען לעבען אין לאָנדאָן).

אין אַ קליינע געסעלע, אַ שמוציגע, אַ שמאָלינקע
זיצט אַ יונגע ווייבעלע אין קאַמערל אַליין,
שבת איז אַוועקגעגאַנגען, און איהר מאַן נפתלינקע
האָט איהר „אויף אַ ווײַלינקע״ געלאָזען דאָ אַליין.

„וואו געהסטו, נפתלינקע ?״ האָט איהם געפרעגט די ווייבעלע,
איידער ער איז אויסגעגאַנגען, דריי—פיער שעה צוריק.
„מעהר נישט, זאָגט ער, ווײדזשעס נעהמען, וואַרט אויף
מיר, מיין טייבעלע,
איך וועל זיך ניט זאַמען לענגער ווי איין אויגענבליק.״

„קום־זשע טאַקע באַלד, זאָגט זי, ווייל צייטענווייז
פערגעדסטו זיך,
אומעדיג איז אַלע מאָל, נור זאַנסט מאַכט עס ניט אויס
היינט אָבער איז קראַנק דאָס קינד, טאַמער, קרוין,
פערשפעטעסטו זיך,
זאָג איך דיר, עס איז ניטאָ, אַ פעני געלד אין הויז.

עס איז באַלד שוין צוועלף ביי נאַכט. די קליינינטשקע
אין וויגעלע,
האָט אַ הויכען הוסט געטאָן און האָט זיך אויפגעכאַפּט.
און די יונגע מאַמעלע זינגט אויפען שטעל אַ ניגעלע,
זינגט און האָרכט דערוויל, פּילייכט האָט אימיצער געקלאַפּט.

קיינער קלאַפּט ניט, — „שלאָף מיין זיסע, שלאָף מיין
ליעבע מיידעלע,
איבערמאָרגען קויף איך דיר אַ פיין־געפּוצטען „העט“
און אַ נייע סאַמעטענע, פיין־געטרימטע קליידעלע
קויף איך דיר, מיין טאָכטערל, אויך אוירינגלעך אַ „סעט“.

און דאָס קינד איז איינגעשלאָפען. אויף די קליינע מיילעלע
שוועבט אַ זיסער שמייכעלע, זי שלאָפט און הוסט ניט מעהר,
און די יונגע מאַמעלע פערטראַכט זיך איצט אַ ווײַלעלע,
קוקט אַרויס פון פענסטערל, צי קומט ניט עפּעס ווער.

צוויי פאַרטאָג שוין! לאַנגזאַם טיק־טאַק קלאַפּט דער
פּערפּענדיקעלע;
האַסטיג טיק־טאַק קלאַפּט ביי איהר דאָס קליין צובראָכען
הערץ,
זי הויבט אָן צו פיהלען הונגער און נעהמט ברויט אַ שטיקעלע,
עסען אָבער קען זי ניט, עס דריקט איהר צו דער שמערץ.

דריי! זי דרעמעלט איין, דאָס קעפּעל אָנגעשפּאַרט אָן
עלענבויגען
זיצענדיג, בעטראַכטענדיג דאָס ליעבע, קראַנקע קינד.
פּלוצלונג הערט אַ רויש זי, און זי עפענט אויף די רויטע
אויגען,
גיט אַ קוק — ווער האָט געקלאַפּט? ער? ניין, ניט ער,
דער ווינד!

* *

אין אַנאַנדער געסעלע, אַ שמוציגע, אַ שמאָלינקע,
אין אַ פיינע שטיבעלע, מיט אידעלעך געפילט,
האָט די ווײַדזשעס און דערצו אַ זייגערל נפתלינקע
זיצענדיג ביין טישעלע אין קערטעלעך פערשפּיעלט.

1884

אַ פּאַק צרות

אַן געהט אַן אַלטע פרוי
און טראָגט אַ שווערען פּאַק;
די פרוי איז דאַר און גרוי,
פער׳חשך׳ט ווי איהר זאַק.

זי טראָגט די שווערע לאַסט,
איהר בויגען זיך די קניע;
דען זי, די אַלטע, פּאַסט,
זי לעבט און וויים ניט ווי.

און פרעגט איהר: וואָס זי האַלט
פערבאָרגען אין איהר זאַק?
און וויסט איהר וואָס עס שפּאַלט
דעם רוקען איהר אין פּאַק?

דאָס זיינען זעכציג יאָהר
יסורים, גרוים און שטאַרק,
וואָס האָבען נאָך אַ האָאר
געבראָכען היינט איהר קאַרק.

זי טראָגט אויף זיך דעם טויט
פון אַ געליעבטען מאַן,
און איהרע קינדער׳ס נויט
איז אויך דאַרין פאַראַן.

זי טראָגט צושטערטע פרייד
און צרות אָהן אַ שיעור,
און פיהלט ווי יעדעס לייד
וואַקסט רק אין פּאַק ביי איהר.

אָן געהט זי זיך די פרוי
און שלעפּט די שווערע לאַסט;
זי איז פערשוואַרצט און גרוי,
זי שלעפּט, זי ליידט, זי פּאַסט.

אין חשך איינגעהילט,
אַט בויגט זי זיך און טראָגט;
מען וויים ניט אויב זי שילט,
מען הערט ניט אויב זי קלאָגט.

דער בלינדער פידלער

אַרויף טשיפּסייד, ניט ווייט פונ׳ם מאָנומענט,
שטעהט אויף דעם טראָטואַר טאָג־טעגליך
אַ בלינדער מאַן, וואָס האלט אין דאַרע הענט,
אַן אָבגעניצטען, אַלטען אינסטרומענט,
און שפּיעלט אַ ניגון אונגעהויער קלעגליך.

פון וואַנען נעהמט זיך דיעזער מוזיקאַנט?
וואו רוהט ער אוים ביינאַכט די ביינער?
ווער ווייס? איהם זעהען מענשען אַלערהאַנד,
דאָך קיינעם פון זיי איז ער ניט בעקאַנט —
אַרום איהם טראַכט פון טויזענדער איך איינער.

ווייל איך פערשטעה דעם טרויעריגען שפּיעל,
וואָס קומט אַרוים פון זיינע סטרונעס;
דעם ניגון וועלכער דריקט אוים אַזוי פיעל
יסורים פון אַ לעבען אָהן אַ ציעל
און רוהע צווישען פיעלגעליעבטע טרונעס.

אַרויף טשיפּסייד, ניט ווייט פונ׳ם מאָנומענט,
איז שרעקליך גרוים דער רויש טאָג־טעגליך;
מען פאָהרט, מען לויפט, מען קאָכט זיך און מען ברענט,
און קיינעם שטעלט ניט אָב דער אינסטרומענט,
וואָס שפּיעלט זיין ניגון אונגעהויער קלעגליך.

א גלויביגע פרוי

נחמה איז א אידענע
פון קנאפע פערציג יאָהר,
וואָס האָט געהאַט פערשידענע
חלומות אויפ'ן וואָהר...
און ווי פון זיי פלעגט איטליכער
ווי מיט'ן רויך אוועג,
פלעגט זי אלץ ווערען זיטליכער,
און פרום גאָר אָהן א ברעג.
עס פלעגט איהר רופען, עדערן
צו זעהן דעם ווינד, וואָס טראָגט
פון די חלומות יעדערן,
נור זי האָט אלץ געזאָגט:
„איך פרעג ביי גאָט קיין קשיות ניט,
ער ווייסט שוין וואָס ער טהוט,
און געהט אלץ מיט'ן רויך אוועג,
איז דאָס מסתמא גוט.“

די ווינשע, די פערשטאָרבענע,
די ליעבע קאַלט און טויט,
די פלענער, די פערדאָרבענע, —
זיי האָט זי שטילערהייט
בעהאלטען אין חדרים'לעך,
טיעף אין איהר שוואכע ברוסט;
אין יעדען פון די קברים'לעך
א האָפנונג, א געלוסט...

און שטעלענדיג אַ ליכטעלע,
האָט זי זיך ניט בעקלאָגט,
האָט אַלץ נור איהר געדיכטעלע
דאָס פרומינקע געזאָגט:
„איך פרעג ביי גאָט קיין קשיות ניט,
ער וויים שוין וואָס ער טהוט,
און לעב איך, ניט דערלעבענדיג,
איז דאָס מסתמא גוט.“

איין קבר׳ל אַ רייניגקען
בעזוכט זי זעהר אָפט,
אין קבר׳ל, דעם קליינינקען,
דאָרט ליעגט זיך און עס שלאָפט
איהר הייסע, שטאַרקע, קרעפטיגע
דאָך קורצע ליידענשאַפט,
אַ ליעבע, אַזאַ העפטיגע,
וואָס האָט איהר נור פערשאַפט
גערודערס אונבעשרייבליכע,
וואָס האָבען איהר געפּלאָגט
מיט גייסטיגע און לייבליכע
יסורים, דאָך זי זאָגט:
„איך פרעג ביי גאָט קיין קשיות ניט,
ער וויים שוין וואָס ער טהוט,
און איז מיין האַרץ צובראָכען היינט,
איז דאָס מסתמא גוט.“

זי האָט געהאַט אַ מיידעלע,
— אַנאַנדער זיסען טרוים! —
אַ פּוכלינקע, אַן איידעלע,
אַ פרישען, פיינעם פלוים,

װאָס איז געװעז איהר הערצליכע,
אוז אײנציג־זיסע פרוכט
פון יענע ליעב׳, די שמערצליכע,
װאָס זי האָט קאָם פערזוכט.
אויך זי ליעגט אַ פערלאָרענע,
אוז האָט אין איהר אַן אָרט,
װי אַ־נאָך־ניט געבאָרענע,
דאָך זאָגט די פרוי איין װאָרט:
„איך פרעג ביי גאָט קיין קשיות ניט,
ער װײס שוין װאָס ער טהוט,
אוז װילט זיך איהם מיין עופ׳עלע,
איז דאָס מסתמא גוט.“

לאַנג האָט נחמה האָפענדיג
געלעבט, אַז גאָט װעט איהר,
װען אויך אַמאָל בעשטראָפענדיג,
בעלוינען פּאַר איהר „פיהר“,
דעם פרומען און דעם עהרליכען,
מיט לעבען, מיט געזונד,
זיין נאָמען צו פערהעררליכען,
דאָך כאַפּט זי זיך איצונד,
אַז איהר נשמה דאַרבענדיג,
האָט אויך דעם גוף פערצעהרט;
זי מורמעלט דעננאָך שטאַרבענדיג,
און קאָם־קאָם װאָס מען הערט:
„איך פרעג ביי גאָט קיין קשיות ניט,
ער װײס שוין װאָס ער טהוט,
און שניידט ער מיינע יאָהרען אָב,
איז דאָס מסתמא גוט.“

1895

ווער איז שולדיג?

(פריי נאך וויקטאר הוגא'ס געדיכט:
A qui la faute? געשריבען אין
דער צייט פון דער פאריזער קאמונע,
ווען די קאמונארען זיינען בעשול-
דיגט געווארען אין דער שרפה פון
דער נאציאנאל-ביבליאטעק.)

דער דיכטער:

זאג, ארבייטער, ביסטו משוגע? פערברענען
די ביבליאטעק? זאג, ווי קענסטו דאס קענען?
דו, מענש ווילדער, רעד!

דער ארבייטער:

— יא, איך האב איהם פערברענט
דעם ביכערשאץ אייערען מיט מיינע הענד.

דער דיכטער:

אה, שוידערהאפט! דאס איז אזא מין פערברערכען
וואס האט ניט קיין נאמען! בארבאר דו, בערעכען!
אליין לעשטו אוים פון דיין זעעלע דאס ליכט,
דעם זונען-שיין, וועלכער בעלייכט דיין געזיכט;
דיין צארן, וואס ווייס ניט פון חרפה און בושה,
פערוויסטעט אן אוצר, וואס איז דיין ירושה!

דו נאר, דו, בעגרייפסטו דען ניט, אז דאס בוך
ברענגט ברכות פאר דיר, פאר דיין מייסטער א פלוך,

ווייל עהרליכע פראַצע פערעהרט עס, פערטהיידיגט,
און געגען דיין בלוטזויגער רעדט עס און פרעדיגט.
און דו וואַרפסט אַריין מיט דיין אייגענער האַנד
אין דיין שאַץ פון בילדונג אַ העלישען בראַנד?
אין ווערקע, וואָס זיינען צייט הונדערטער יאָהרען
פון גייסטרייכע מענער געשאַפען געוואָרען,
פון מענשענפריינד, אומעדום, יעדען בעקאַנטע,
ווי שקספיר, למשל, ווי מילטאָן, ווי דאַנטע,
און דענקער אָהן צאָהל פון פּלאַטאָן ביז וואָלטער,
און שרייבער פון אַריסטאָפאַן ביז מאָליער,
וואָס האָבען דורך דורות פיעל הערצער ערהייטערט,
די זיטען גערייניגט, די מוחות געלייטערט,
און אַנדערע וויעדער, וואָס האָבען דערוואוסט,
דערפאָרשט די נאַטור, אויך די מענשליכע ברוסט,
אונשטערבליך איז זייער מליצה און פּראָזאַ:
דאַ געטהע, דאַ ניוטאָן, דאַ ברוך שפּינאָזאַ,
און אין דיזע ווערק, אין די הייליגע פרוכט
פון זיי, וועלכע האָבען דעם אמת געזוכט,
געפונען און דיר אין די ביכער געלאָזען,
האָסט ד ו איצט אַ פייער פאַנאַנדערגעבלאָזען?

באַרבאַר! דיזע שרפה, וואָס פלאַקערט און ברענט
און בושעוועט צווישען פיער מעכטיגע ווענד,
ערמאָרדעט דעם גייסט, וואָס דאַרף זיין ביי דיר טהייער,
פערניכטעט דיין אייגענעם גרויסען בעפרייער!
בעקלערסטו דען ניט, אַז די אויפקלערונג האָט
פון אייביג אָן געגען דעם קריעג, דעם שאַפאָט
געקעמפפט, געגען דלות און פאָלקס־לייד געשטריטען,
בעת זיי, דיינע אויפקלערער, האָבען געליטען

אַליין נויט, און האָבען אין תפיסה געשמאַכט,
בעקעמפפענדיג אשמדאי׳ם פינסטערע מאַכט,
און אָפטמאָל זיך אָפפערנדיג אויף די תליות
אנשטאט אויף זיין בימה צו האָבען עליות, —
אַלץ — דו זאָלסט ניט בלייבען פער׳חושכ׳ט און ווילד
דער מענש זאָל זיין מענשליכער, זיטליך און מילד?
נעהם, עפען אַ בוך, לעז די גרויסע פּאָעטען
די אייביגע לעהרער, די וואַהרע פּראָפעטען
און זעה, ווי דער גייסט פון זיי שפּיעגעלט זיך אָב
אין דיינע געדאַנקען, דיין מוח, דיין קאָפּ;
ווי זייערע הערליכע, ליכטיגע שטראַהלען
בעלייכטען דיין לעבען, אויף וועלכען זיי פאַלען!

דאָס בוך, דו פערברעכער, דאָס בוך ברענגט דיין רעכט,
בעפרייט פון די קייטען פון קנעכטשאַפט דעם קנעכט,
בעפרייט איהם פון אַלערליי העסליכע פלעקען
און גיט איהם אַיין האַרץ, אַז ער זאָל זיך ניט שרעקען
פאַר פירשטען־דעספּאָטען, וואָס טראָגען אַ קרוין,
און זייערע כלאָפּעס, וואָס מאָרדען פאַר לוין.
דאָס בוך מאַכט צום מענשען דיך, מאַכענדיג דרייסטער
צו ראַנגלען זיך מיט אונטערדריקענדע מייסטער,
וואָס האַלטען אין צוויק דיך, אין צוויק און אין יאָך
מיט פּיאַווקעס פון גיהנם וואָס שרייען: נאָך! נאָך!
עס עפענט אויף דיינע פערשלאָפענע אויגען,
כדי דו זאָלסט זעהן ווי די בלוט דיינע זויגען
די זעלביגע, וועלכע פערגיסען דיין בלוט,
קוים וואַגסטו צו שטעלען זיך געגען דעם קנ,
דאָס טהוט אויף דאָס בוך, וו׳עלכעס ברענגט דיר דאָס וויסען.
און וועקט די געפיהלען ביי דיר, דאָס געוויסען,

און פריי ווערט דער מענש, פריי ווערסטו, ווערען מיר!
דאָס אַלץ מאַכט דאָס בוך און דאָס בוך געהערט דיר!!

און דיזען יאהרהונדערטע־אַלטען בעפרייער,
די ערבשאַפטען פון דורות פער׳שרפ׳עט דיין פייער?
דו הרג׳עסט אַליין צו דיין איינציגען פריינד,
דיין שיצער און שטיצער פון נעכטען און היינט?
דו ברענסט דאָס, וואָס אימער איז טריי דיר געוועזען?
וואָס שווייגסטו? נו, ענטפער דאָך!

דער אַרבייטער:
— איך קען ניט לעזען.

דער יונגער העלד

(אַ מעשה שהיה פון דער צייט נאָך דער פּאַריזער קאָמונע, פריי איבער-
זעצט פון אַ געדיכט פון וויקטאָר הוגאָ.)

אויף אַ פּאַריזער באַריקאַדע, אין אַ גאַס,
וואָס איז פון שולדיג בלוט און אויך פון ריינע נאַס,
ווערט אַ צוועלף־יאָהריג קינד, צוזאַמען מיט „רעבעלען"
גענומען אין געפאַנגענשאַפט.
„האללאָ, פּיטשוק! ביסטו אויך איינער פון די מאָרדגעזעלען?"
— פרעגט איהם, אויף יענע וויזענדיג, דער אָפיציר
איהם נעהמענדיג אין האַפט,
און קריעגט דעם שטאָלצען ענטפער: „יאָ, דאָס זיינען מיר."
— „נון, אויב אַזוי, זאָגט דיזער, ווערסטו באַלד דערשאָסען,
וואַרט ביז עס קומט צו דיר." — דאָס העלדענקינד
זעהט ווי עס פאַלען איינציגווייז זיינע גענאָסען,
ערמאָרדעט פון סאָלדאַטען. ער ווענדעט זיך געשווינד
צום אָפיציר און זאָגט צו איהם: „ערלויבט מיר נור
אוועקצוטראָגען צו מיין מוטער דיזע אוהר."
„דו ווילסט אַנטלויפען, האַ?" — „אָה, ניין, איך קום צוריק,
אויב איהר ערלויבט, הערר קאַפּיטאַן, אין אַן אויגענבליק!"
„די חברה זיינען טרוסען." — לאַכט דער קאַפּיטאַן —
„וואו וואוינט דיין מוטער?" — „דאָרטען נעבען דעם פאָנטאַן,
איך געה און קום צוריק אין אַ מינוט."
„נו, גוט!
אַנטלויף־זשע גיך!" — דאָס קינד לויפט שנעל אַוועג;

עס לאַכען די סאָלדאַטען, עס לאַכט דער אָפיציר,
אונ דורך זייער געלעכטער הערט זיך שיער
דער לעצטער קרעכץ
פון זיי, וואָס פאַלען ווי די זאַנגען, אָהן אַ ברעג,
פון לעבען אָבגעשניטען, לינקס און רעכטס.
דאָך פלוצלינג הערט דער שפּאָט־געלעכטער אויף,
דען — זעהט נור צו! — היער קומט דאָס קינד ארויף
צום גרויסען מויער; שטעלט זיך דאָרטען וואו עס פליסט
דאָס בלוט פון זיינע קאַמעראַדען,
די העלדען פון די באַריקאַדען,
און שרייט מיט שטאָלץ צום אָפיציר: „אָט בין איך—שיסט.“

עס ווערט פאַר שאַנדע רויט
דער דומער, בלייכער, בלינדער טויט,
און רויט ווערט אויך פאַר שאַנדע
דער הויפּטמאַן פון די מערדער־באַנדע,
און ער בעפרייט
דאָס וואונדערבאַרסטע קינד פון אונזער צייט.

אויפ'ן סטרענד

א פאָטער, אין שכרות פערזונקען,
א מוטער, פערלאָזען, בעטרונקען,
זיי פיהרען א קינד פאַר די הענד,
זיי קומען פון שענק און זיי דענקען
געווים וועגען אַנדערע שענקען,
און פיהרען דאָס קינד אויפען סטרענד.

דער מאַן האָט די שכירות גענומען,
ווען שבת איז ענדליך געקומען,
די ווייב האָט געוואַרט ביין פאַבריק;
און ער מיט זיין קינד, מיט איהר מאַמען,
זיי זיינען געגאַנגען צוזאַמען,
אין שענק נאָך אַביסעלע גליק.

אין שענק, וואו עס ווילט זיך ניט עסען,
אין שענק, וואו עס לאָזט זיך פערגעסען
אָן קליידער, אָן שיך און אָן רענט;
אין שענק, וועלכער איז א גן־עדן
פאַר מענשען וואָס זיצען אָהן פריידען,
אָהן ברויט צווישען פיער הוילע ווענט.

איצט געהען זיי ביידע בעטרונקען.
דורך דלות און שכרות פערזונקען
און פיהרען דאָס קינד פאַר די הענד;

ווער ווייס, אויב דער גאַנג וועט איהר געבען
אַ טעם פון אַ לייכטערען לעבען,
אַ לעבען פון מיידלעך אין סטרענד.

אין סטרענד, וואו ביי נאַכט פון טהעאַטער
קומט מעהר ווי איין פראַנטעל אַ זאַטער
אַרוים אין די דונקעלע וועלט;
וואו גלייך ווי די זון געהט נור אונטער
פערדונגענע ליעבע ווערט מונטער,
די שאַנדע מיט דונקעל פערשטעלט.

חן־גריבעלעך

חן־גריבעלעך צוויי, קליינע מינען פון גאָלד,
האָט חיענעלע, משה דעם פינישער׳ס קינד;
די גריבעלעך צוויי האָבן יונגע לייט האָלד,
די גריבעלעך וואָלט יעדערער פילען מיט גאָלד,
און חיענעלע איז פאַר איהר שפּיגעל ניט בלינד.

דאָך לאָזען די גריבעלעך, אוצרות פון חן,
איהר הערצעלע איבער פער׳צרה׳ט און שווער,
אין חיענעלע׳ס גריבעלעך, חנ׳עוודיג שעהן,
אַ שאָטען פון יענער וועלט אָפט לאָזט זיך זעהן,
פער׳גנב׳עט זיך אָפט אַן אַנטרונענער טרער.

ס׳האָט חיענעלע, משה דעם פינישער׳ס קינד,
אין גריבעלעך גאָלד, דאָך איהר גליק אין אַ גרוב,
ווייל חיענעלע׳ס גליק איז אַוועק מיט׳ן ווינד,
און ס׳ווערען די גריבעלעך איהרע געשווינד
חן־קברים׳לעך שטילע, בעהאַלטען אין שטוב.

צווייטער טהייל

אַ וועלט מיט וועלטעלעך

1. יוגענד־חלומות:

ליעבע, לוּסט און ליידענשאַפט.

בין השמשות־געדאַנקען

אַ טיעפער, טיעפער ברונעם
איז די פערגאַנגענהייט,
און פערל שעפּ איך פון איהם,
אָהן מיה צו יעדער צייט.

איין עמער געהט אַרונטער,
זיין חבר געהט אַרויף;
און קוים דערגרייכט דעם גרונט ער,
גיט ער אַ זופּ, אַ זויף.

ער זויפט, דער בראַווער קערל,
ביז ס'טהוט אַ ציה דער שטריק:
ער זופּט זיך אָן מיט פערעל,
און שטייגט אַרויף צוריק.

און דיעזער שטייגער ש י ט אויס,
אָן אייגענעם דאָ פּאַר מיר;
צום אונגליק זאָגט ער ניט אויס,
ווי מ'ווערט אַ יואוועליר.

ס'גיט פערעל, גרויסע, קליינע,
דער עמער, אַלערהאַנד,
עס פעהלט נור דאָ אַ היינע
מיט היינע'ס קינסטלערהאַנד.

אויף שנירעלעך צו רייהען,
אין גאָלד צו זעצען זיי,
אין פּראַכטגעוואַנד צו נעהען
נאָך מוסטערס אַלערליי.

די איינוואוינער פון שעלען,
די קינדער פונ'ם ים
ווי אותיות אויסצושטעלען,
אין פערזען מיט זיין גראַם.

די פּערל צו פערוואַנדלען
אין ליעדער האָניג־זים;
אין ראָזינקעס און מאַנדלען,
אין יאָדרע־רייכע נים.

כדי, אויך, ס'זאָלען ווערען
צוריק אַ פּערל — צוויי
פון היינע'ס ליעבעס טרערען,
דורך היינע'ס לאָרעליי.

1910

* * *

טיעף אין מיין הארצען פערבאָרגען,
טראָג איך אַ שרעקליכע וואונד,
און איך האָב אימער צו זאָרגען
טאָמער פערראַטהה זי מיין מונד.

טאָמער דערהערט וואו אַן אויער
דעם סוד פון מיין ליעבע און לוסט;
טאָמער דורכלעכערט דעם שלייער
אַן אויג פון אַ פיינד — אין מיין ברוסט.

אָה, עס טאָר קיינער ניט האָבען
דאָרטען אַ האָרכער, אַ בליק,
ניט ביז די צייט קומט צו גראָבען
קברים פאַר ליידען און גליק.

1884

* * *

מיר קומען צו חלום פֿערשטאָרבענע קוסען
פֿון יאָהרען און יאָהרען צוריק,
זיי שוועבען אַרום מיר צוקאָפּענס, צופֿוסען,
די עדות פֿון נעכטיגען גליק.

זיי קומען און וועקען אויף טויטע געפֿיהלען
און גראָבען זכרונות אַרויס,
וואָס האָבען געהאַט לאַנג אַ קבר אַ קיהלען
אין מאַמע צייט׳ס אייזיגען שויס.

זיי רייצען מיט מיר זיך, די בלייכע טיוואָלים,
די שאָטענס פֿון נעכטיגען גליק;
זיי קומען, מיר דוכט, אויף להכעיס צו חלום
די קוסען פֿון יאָהרען צוריק.

* * *

ס׳ האָט קינדער מיין מוזע געהאַט... אָהן עין הרע...
פון זיי די גרעסטע — אָהן חבלי לידה ;
געבאָרען — דאָס ווינש איך אַיעדער עקרה —
אין לייכט, אין מיט גרויסע און הימעלשע פריידע.

מען זעהט קיין טבעת קדושין אויף איהר ניט,
ניט קענט איהר מיט רינגען, מיט כתובות זי נעהמען,
זי קינדעלט אוים ליעבע, זי האָט פאַר איהר פיהר ניט,
ניט פאַר איהרע קינדער זיך ערגעץ צו שעהמען.

ניט אַלע, פערשטעהט זיך, פאַרשווינען, גבורים,
(עס שוואַנגערט אַ מוזע ניט איין מאָל אַ חודש)
דאָך כאָטש אָהן קידושין — זי האָט קיין ממזרים,
זי האָט זיי, אָה גלויבט מיר, פון רוח הקודש.

*
* *

ס'איז דאָ אַ ריטהעם אין דעם דופק
פון אַ האַרץ, וואָס גאַהרט און זוכט,
וואָס רעגט זיך אויף, דאָ אין ערוואַרטונג,
דאָ אין אַנגסט און אייפערזוכט.

איז אייער אויער נור אַ מבין
אויף אַ פולס און זיין מוזיק,
געפינט איהר אוים די פולס־נגינה
אין איין קורצען אויגענבליק.

איהר הערט דאַן ווי ער קלאַפּט מיט אימפּעט
בעת די האַרץ איהר פרייד ערוואַרט,
זיין טיק־טאַק איז אַ „מרכא־טפחא“ —
אויף אַ „פזר“ אַנגעשפּאַרט.

דערפאַר ווען ס' איז די האַרץ פערצווייפעלט,
און די האָפנונג וויים פון גליק,
אייך זאָגט דער פולס: „מונח־אתנחתא“,
אָפט זאָגאַר: „סוף פסוק — פסיק“.

ס' ווידערהווילען זיך די ריטהמען:
טראַ־לאַ אָדער טראַ־לאַ־לאַ,
פרייד צי לייד שטעלט די נגינה —
מלעיל צי מלרע.

* * *

איך האָב דיך בעזיפצעט, בעזונגען,
געליעבטע, אין ווערטער אָהן צאָהל ;
בעת איך בין געזונקען, געשפרונגען
פון שמערץ אָדער פרייד — ווי אַמאָל.

דאָך אַל' די געזאַנגען און קלאָגען
האָב איך ניט געליעהען מיין קול ;
אין הארצען ביי זיך פלעג איך טראָגען
די שמחה, דעם שמערץ — ווי אַמאָל ?

נור צוויי מאָל ווען דו האָסט דערלאַנגט מיר
ערסט נעקטאַר, דאַן גאַל פון איין שאָל,
אַ יובעלרוף הויך האָט געדאַנקט דיר,
אַ זיפץ האָט געקלאָגט — ביידע מאָל.

* * *

אַלץ וואָס דאָס לעבען קען געבען,
אַלץ וואָס די ליעבע קען נעהמען,
נעהם איך אַלס רעכט פונ'ם לעבען,
גיב איך און דאַרף זיך ניט שעהמען.

גיב איך און נעהם זיך אַלס רעכט,
לעב אַזוי פיעל ווי איך קען;
קלער ניט וואָס גוט איז וואָס שלעכט,
לעבענדיג צינד איך און ברען.

און ווען דאָס ברענען און צינדען
אוים איז — דאַן וואָלט איך אייך דאַנקען
פּלוצלונג צו לאָזען פערשווינדען
מיין פלאַם, און ניט לאָזען עס צאַנקען.

* * *

איך שטעל ניט אַ האַנד אויס נאָך ליעבע
און האָב ניט קיין מורא פאַר האַס,
און דאָך איז אַ לעבען אָהן ליעבע,
אָהן משקה, אָהן רייפען אַ פאַס.

איך שטעל ניט אַ האַנד אויס נאָך ליעבע,
און האָב ניט קיין מורא פאַר האַס,
און דאָך מאַכט פון לעבען די שנאה
אַ גיפטיגען, העלישען שפאַס.

איך וויל ניט קיין ליעבעס־רחמנות,
ענטלויף ניט פונ'ם גרימיגען האַס:
זיין צאָרען, ווי יענעס נדבות
פערדאַכט אָהן פערדרוס איך, אָהן כעס.

* * *

עס קומט מבקר־חולה זיין
מיין קראַנקע האַרץ דער קאָפּ,
ער ברענגט אַ שאַרפעס אויג מיט זיך,
און אויג אַ מיקראָסקאָפּ.

ער אונטערזוכט די ברוסט ביי מיר,
די קראַנקהייט און איהר גרונד;
זיין בליק דערשפירט די שמערצליכסטע,
די טיעפסטע, טיעפסטע וואונד.

ער שטעלט זיין דיאַגנאָזע קלוג,
ער רעדט אַ קלוגען שפּרוך,
ער טרויסט מיין האַרץ די בלוטענדע,
און אוים איז זיין בעזוך.

דאַן בלייבט אַליין די עלענדע,
און האַלט זיך מיט איהר לייד;
ניט היילען קען אַ הערצענסוואונד
אַ צונג מיט קלוגע רייד.

*
* *

זי שטעלט אוים די ליפּעלעך — רויזיג און שעהן,
זי שמייכעלט אַ גרוס איהם אַנטקעגען:
ער שלינגט מיט זיין בליק פון די ליפּען דעם חן,
ווי׳ס שלינגט די פערטריקענטע ערד איין דעם רעגען.

זי שטעלט אוים די ליפּעלעך — ליעבליך און רויט,
זי עפּענט זיי אויף אום צו עסען;
ער בליקט אָן בעצויבערט דאָס פּענעצעל ברויט,
ווי׳ס וואָלט זיין נשמה אינ׳ם ביסען געזעסען.

זי שטעלט אוים די ליפּעלעך — פריש פול מיט זאַפט,
ער מיינט אַז זיי שטרעבען צו זיינע,
איהם דוכט עס מוז זיין אַ מין טייוועלשע קראַפט
אין קוסען פון טייבעלעך׳ס שנעבעלעך פיינע.

נור איין מאָל זעהט ער איהרע ליפּעלעך שעהן
פערשלאָסען פאַר ביסענס, פאַר קוסען;
הערט פלוצלונג אַ פייף, אַ וואולגאַרען, אָהן חן,
און ערגעץ אַ שד לאַכט פון שוואַכע, פון טרוסען.

* * *

גערן וואָלט איך ווי שלמה המלך געלעבט,
וויִ משה רבנו געשטאָרבען:
מיין לעבען אין הונדערטער לעבענס פערוועבט,
דעם טויט דורך אַ קוש מיר ערוואָרבען.

גערן וואָלט איך ווי שלמה המלך געלעבט,
ווי משה אַ תורה געגעבען;
ווי ביידע די מענשען צו בילדען געשטרעבט,
די וועלט זאָל אין מיר זעהן איהר רבי'ן.

דאָך גרעסער ווי שלמה המלך שיינט מיר
אַ שלמה וואָס איז ניט קיין מלך,
וואָס זינגט, אָהן אַ האַרעם, פון שירים דעם שיר,
און מיט זיין פּאַסטושקע לעבט פרעהליך.

און גרעסער פון משה רבנו האַלט איך
איהם משה'ן דעם פעלקער־ערלייזער:
ער שטעהט געגען פרעה'ן און פרעה'לעך זיך,
איהם שרעקט ניט יעהאָוואַ דער בייזער.

און וואָלט איך ווי שלמה פיעלייכט ניט געלעבט,
געשטאָרבען וואָלט איך שוין ווי משה,
נור וואָלט צו אַ קוש איך פון ליפּען געשטרעבט
ניט גראָד פון דער שכינה הקדושה.

* * *

„אַביסעלע יענעם — אַביסעלע דעם...
פאַר דיר בלייבט נאָך אַלץ אַ סך איבער:
אַ האָרעלע ליעב איך זיי, גיב איך און נעהם,
דיך האָב איך פאַר אַלעמען ליעבער.

„קום, ליעבסטער, און נעהם פון מיין ליפּ דיר אַראָב
די זאַפטיגסטע קוסען, אַלץ דיינע...
אָט האַלז איך דיך, גלעט איך דיך, קום דיר דיין קאָפּ,
ניט קוק אָן אַ זייט, ד'בין ניט זיינע...

„האָב אוצרות פון קוסען! וואָס מאַכט עס דיר אוים" —
פאַר דיר בלייבט דאָך אימער דער גרעסטער —
אויב ד ע ם קומט אַ קוש אָן, אַ חיריק די גרוים,
דעם צווייטען אַ קוש פון אַ שוועסטער.

„נו, קרים זיך ניט, ליעבסטער, דו ווייסט דאָך איך ליעב
פאַר אַלעמען מעהר דיך און לענגער;
ניט קרים זיך, מיין טייערער, נעהם וואָס איך גיב,
וואָס טויג דיר צו זיין אַזאַ שטרענגער?

* *

דרייפערטעל, פיערפינפטעל — איך נעהם וואָס זי גיט,
אין גאַנצען דער קרן, כ מ ע ט גאָר די פּירות;
ס'בעגרייפט נור די נאַרישע האַרץ מיינע ניט,
ווי קומט צו דער ליעבע תשבורת?

* * *

איך דאַרף ניט קיין מזל, איך דאַרף ניט קיין שׂכל,
איך דאַרף ניט קיין געטליכע גאָב;
איך בין אייך זאָגאַר די אונשטערבליכקייט מוחל,
כל זמן ווי מיין ליעבע איך האָב.

כל זמן ווי איך לעב, און איך ליעב, און בעוועג זיך,
מיט פרייד אָדער לייד אין מיין ברוסט,
כל זמן ווי איך זיפץ, און איך זינג, און איך רעג זיך,
און לאַך צי פון שמערץ, צי פון לוסט.

איהר לאָזט מיר מיין ליעבע, און איך בין אייך מוחל
אַלץ וואָס איהר קענט האָבען און האָט;
איך דאַרף ניט קיין מזל, איך קום אוים אָהן שׂכל,
איך בין אין מיין וועלטעל דער גאָט.

* * *

ווען איך וואָלט געווען יהושע בן־נון,
און ס׳וואָלטן געפאָלגט מיר די זון, די לבנה,
וואָלט אפשר איך אויך די לבנה, די זון
פערהאַלטען, דאָך גאָר מיט אַנאַנדער כונה.

ניט גבעון, און ניט אין אַילון דער טהאָל,
פערלאַנגט ביי מיר ליכט פאַר אַ לאַנגע מלחמה;
פערקעהרט איך וויל רוה אין דער ליעבע אַמאָל,
און דונקעל וואָס לענגער בעדאַרף מיין נשמה.

איך דאַרף ניט קיין איבערנאַטירליכע טעג,
איך בעט ניט קיין ליכט פון דער זון, קיין דערוואַרמונג,
דער שטראַהל פון איהר אויגעלע לייכט מיר מיין וועג,
און וואַרעם גענוג איז מיין ליעבסטע׳ס אומאַרמונג.

און וואָלט איך געווען יהושע בן נון,
און ס׳וואָלטען געפאָלגט מיר די זון, די לבנה,
וואָלט איך זיי געבעטען — דעם מאָנד און די זון,
זיי זאָלען דאָס ליכט, זייער זיסע מתנה —

בעהאַלטען ביי זיך ביז די ליעבע ווערט קאַלט,
ביז איך מיט מיין גליק וועלען דאַרפען זיך שיידען;
ביז איך ווער פערטריעבען דורך האַס, דורך געוואַלט,
דורך שנאה און אייפערזוכט פון מיין גן־עדן.

*
* *

Down in the forest something stirred,
It was only the note of a bird.

טיעף אין וואַלד האָט די לופט זיך גערעגט,
אַזוי שטיל, אַז איך האָב'ס קוים געהערט;
דאָך, בעלעבט, האָט דער וואַלד זיך בעוועגט,
ווי אַ שיף אין איהר האַפען געקעהרט.

טיעף אין וואַלד האָט די לופט זיך גערעגט,
ס' האָט אַ פויגעלע'ס פּיפּץ זי בעוועגט.

ס'שטעהט דעם לעבענ'ס פריהמאָרגען פאַר מיר,
און איך גאַהר נאָך אַ גלעט פון דיין האַנד!
און, געליעבטע, איך וואַך ביי דיין טיר,
אָבער ס'וואַרט זיך ניט מעהר נאָך־אַנאַנד.

טיעף אין וואַלד האָט די לופט זיך גערעגט,
ס' האָט אַ פויגעלע'ס פּיפּץ זי בעוועגט.

ס' האָט די לופט טיעף אין וואַלד זיך גערעגט,
און איין ווינטעל דעם אַנדערען פרעגט:
וועט ערוואַכען די ליעבע? און באַלד?
און אַ ווידערהאַל ענטפערט: און באַלד.

טיעף אין וואַלד האָט די לופט זיך גערעגט,
ס' האָט אַ פויגעלע'ס פּיפּץ זי בעוועגט.

* * *

זיי זיינען זיך דאָרטען געזעסען די צוויי,
דורך הערבסט־טעג און ווינטער־טעג, געהענדיג ראַש
און פּלוצלונג אַ שרפה דאָס הויז האָט ביי זיי
פערברענט, און איצט גראָבען זיךביידע אין אַש.

ווייל דאָרטען אין אַש ליעגט אַ דימענט פערשאַרט,
דער דימענט, ער ווערט ניט אין פייער פערברענט
מען דאַרף איהם נור זוכען, ער ליעגט און ער וואַרט
אויף איהם אָדער איהר, צווישען חרוב'ע ווענט.

און דאָך צי'ס געפינט דער יואוועל זיך צי ניט,
צוויי זאַכען גיט נ י ט זיי דאָס לעבען צוריק:
ז י רעטעט פון בראַנד מעהר איהר גלויבען שוין ניט,
אין פייער אויף אייביג פערליערט ע ר זיין גליק.

— העגריק איבסען.

* * *

אָה, די פּוסטע, קאַלטע, טונקעל־גרויע ווערטער!
קיינמאָל, קיינמאָל ווערען זיי ביי מיר
פול ניט, וואַרעם ניט, ניט ליכטיג אין די ערטער,
וואו, אַלס גאַסט, דאָס גליק קלאַפּט אָן טיר,
וואו עס בעט ביי מיר
זיין בילד זיך אויף פּאַפּיר.

אָה, די בייזע ווערטער, נאָר פּאַר גיהנם־ליידען
האָבען היץ זיי, פאַרב און זונענשיין;
ווערען שטום און אייזקאַלט ביין גן־עדן,
הערען אויף געהאַרכזאַם מיר צו זיין,
בעת ביין טיר די פרייד
וואַרט אויף דעם רוף: „אריין!"

ווערטער אָהנמעכטיג צום זינגען און צום זאָגען
דוקא בעת די האַרץ איז פול מיט גליק;
לעבען אָבער אָב ווען'ס קומט צום קלאָגען,
ווען עס געהט דאָס גליק אַהיים צוריק,
און אין אויג אַ טרער
מטושטש מאַכט דעם בליק.

* * *

עס טרעפען זיך, שלינגען זיך ליפען צוויי פּאָר,
צוויי מענשען — איין לעבען, צוויי הערצער צוזאַמען;
צוויי שטימען אין איינציג האַרמאָנישער טאָן,
אין איינציגער קלאַנג אין צוויי גראַמען.
איהר העל־קלאָרער טייך אין מיין ים פליסט אַרונטער,
אַ שטראָם געהט אין וועלענרויש אונטער.

מיר שיידען זיך. אויסגעהט דער פלאַם פונ׳ם ליכט.
דער קלאַנג איז פערשאָלען, די פרייד איז געשטאָרבען;
אינ׳ם וועלענרויש וואַרפט זיך פערלאָזען אַ שיף
געשטראַנדעט, פערוויסט און פערדאָרבען.
עס געהען אַליין מיט אַ גסיסה־העויה,
צוויי מתים צו זייער לויה.

מיר טרעפען זיך ווידער, מיר קומען צונויף
און גלייך לאָזט אַ שופר־משיח זיך הערען;
ניטאָ מעהר קיין גיהנם, אוים חרבן אין שיף
ס׳לייכט ווידער איין איינציגער שיין פון צוויי שטערען
עס שטייגט אויף אין יאָמערטהאַל מיין הר־הזיתים
מיין האַרץ שטעהט אויף תחית־המתים.

* * *

און ווידער אַמאָל איז זי שבעה געזעסען
מיין אָרעמע ליעבע אין האַרצען ביי מיר.
און ווידער אַמאָל האָט זי קריעה געריסען
נאָך האָפנונגען גרינע, איצט בלייך ווי׳ס פּאַפּיר,
אויף וועלכען היינט טרויערט מיין מוזע נאָך איהר.

און ווידער אַמאָל שוועבט אַרום די נשמה
פון איהר, וואָס מיין ליעבע אויף אייביג פערליערט.
זי שוועבט אין מיין האַרצען, היינט אויך אַ נחמה,
זי שוועבט ווי אין עולם התוהו פעראירט,
אַזוי ווי אַ שיפעל פון שטורעם געפיהרט.

און ווידער אַמאָל ברענט אַ לעמפּעל אַ קליינער
און ווייזט דער אבלה איהר חושך אויף קלאָר;
און ווייזט דער אלמנה, מיין ליעבע דער ריינער,
אַ מאַרכלאָזען מוח, די צוויי פונ׳ פּאָאר,
אַ לעבלאָזען לעבען, דעם גאַרנישט פון גאָר.

* * *

זיין וואָלט איך אַ קינדער־קעניג,
אין אַ קינדער־לאַנד,
מיט אַ קינדער־מיניסטעריום
אָהן צופיעל פערשטאַנד;
מיט אַ בלומען־טהראָן אין וועלדעל
אויף דער פרייער לופט,
אין דער האַנד אַ לולב־סצעפּטער
מיט זיין פרישען דופט.
און אַ קרוין וואָלט איך געטראָגען
אויך ניט פון מעטאַל,
אויך אַ שפּאַגע וועלכע קומט ניט
פון קיין אַרסענאַל.

און דער קעניג מיט די בירגער
וואָלטען זיך געשפּיעלט,
וואָלטען וועלדער מיט געלעכטער,
מיט געזאַנג פערהילכט;
און די ברעקלעך־אונטערטהאַנען
וואָלטען מ י ך רעגירט,
דאָך לאָז ווערען קאָלט די ליעבע,
וואָלט איך רעזיגנירט.
ווייל די ליעבע, זי אַליין נור,
מיט איהר צאַרטער האַנד,
קינדער־פאָלק און קינדער־קעניג
פיהרט אין קינדער־לאַנד.

*
* *

איך ווײס, איך ווײס:
מען דאַרף די געפֿיהלען בעהערשען, בעשרענקען,
אַ טאַטען ניט טראָצען, אַ מאַמען ניט קרענקען,
איך ווײס, איך ווײס!
מען דאַרף רעספּעקטירען די מײנונג פֿון שכנים
און ווער רעדט פֿעראַכטען — אודאי ניט קײנעם,
איך ווײס, איך ווײס!
דער מענש אין זײן לוסט טאָר ניט זײן ווי אַ חיה,
געוויס ניט, איהר דאַרפֿט מיר ניט ברענגען קײן ראיה,
איך ווײס, איך ווײס!
מען דאַרף ניט בעגעהרען וואָס אַנדערע האָבען
און זיך בלויז אָן אײגענע ליעבליכקײט לאָבען,
איך ווײס, איך ווײס!
אָה, יא! עולם־הזה פֿערגעהט ווי אַ שאָטען
און ווער עס איז גוט, לעבט ווי גאָט האָט געבאָטען,
איך ווײס, איך ווײס!

* *

נור איך — איך ליעב!
און קלוג ווי איך זאָל ניט די דומהײט בעדענקען
קען איך מײן געפֿיהל ניט בעהערשען, בעשרענקען,
איך ליעב, איך ליעב.
און זעה איך די ליעבסטע, איהר שמײכעל דעם שעהנעם,

פערגעס איך אַן לייטען, אָן קרובים, אָן שכנים —
איך ליעב, איך ליעב.
איך פיהל נאָר דעם חן פון איהר בליק, איהר העויה,
איך ליעב זי און פרעג ניט: בהמה צי חיה —
איך ליעב, איך ליעב!
ד׳ בעגעהר זי אַלס מיינע! ניט גזלה, ניט צדקה,
וואָס אַרט מיר צי האָט אויף איהר ווער אַ חזקה —
איך ליעב, איך ליעב!
און פיהרט אַזאַ ליעבע דירעקט אינ׳ם גיהנם,
ווייל זי, מיין געליעבטע, דאַרף לעבען פאַר יענעם —
דאַן — ברען איך און ליעב.

* * *

איך שוויג
און זי פרעגט
מיט א שטראַהל פון א בליץ אין די אויגען,
אויף אַמאָל פון א פינסטערע כמאַרע פערצויגען,
מיט א קנאַל פון א דונער אין קול'כעל: „וואָרום
ביזטו שטום?"
און ס'פערציהט זיך א שטורעם, א רעגען וואָס טריפט
ווי מיט שוועבעל און פעך, ווי מיט גאַל און מיט גיפט,
וואָס נאָך איהם וועט אין הימעלגעוועלב קיין שום דוהע,
קיין פאַרביגער בויגען פון פריעדען און רוהע
זיך ניט זעהן...
און איך פיהל,
אַז עס קומט מיט א דאָפעלטער וואוטה, מיט א גוס
פון א דאַם א געפלאַצטען, אין העלישען פלוס
נאָך אַמאָל
איהר „וואָרום?"
איהר „וואָרום ביזטו שטום?" אין א שרעקליכען קול,
און איך הער
ווי זי גרילצט:
„נעהם די לאַפּע פון מויל אַרויס, בער!
ד' קען דיין האַס אזוי גוט ווי דיין ליעבע פערטראָגען
לאָמיך הערען, דו פאַלשער, וואָס האָסטו צו זאָגען?
נו, קום, שפּיי א קללה אויס, זידעל־זיך, לייג,
נור ניט שוויג!"

זי ווערט שטיל.
און איך וויל
איצט איהר זאָגען: „געליעבטע, איך שווייג נור דארום,
ווייל דו פילסט, איבערפילסט מיר מיין ברוסט
מיט בעגעהר, מיט א ברענענד־פערצעהרענדער לוסט,
דו אליין טרייבסט פאנאנדער די ווערטער
ווייס איין הימעל, אין וואַסערע וויסטיגע ערטער,
נור דארום
בין איך שטום".

אָבער קוים
טהו איך אויף מיינע לעפצען, ווער איך באלד זי געוואָר,
מיטען ליעבליכסטען שמייכעלע, גאָר אויפען וואָהר,
און דער גרימצאָרן איהרער, דער אויסגום, דער פלוך,
מיטען דונער, דעם בליץ און דעם פלוך —
ליץ א טרוים!
בלויז א טרוים!!
א שוידערהאפט־העסליכער, אָבער ניט מעהר ווי א טרוים!

„ס אַ פּ אָ"

איהר אָרעמע האַרץ איז אַ תּפיסה,
אין וועלכער, אין קייטען געשמידט,
געהט אויס, אין אַ לאַנגזאַמער גסיסה,
איהר ליעבע פון וועכטער געהיט.

אַ פּסול'ע ליעבע, אַ טריפה,
וואָס האָט אָהן אַ ברכה געברענט,
געפלאַקערט צום סוף ווי אַ שׂרפה,
מיט האַס פאַר בעשרענקונג פון ווענט.

אַ ליעבע אָהן חופּה, אָהן רינגען,
פון וועלכער די צניעות ענטלויפט,
וואָס דינגט ניט און לאָזט זיך ניט דינגען,
און קויפט ניט, און ווערט ניט פערקויפט.

וואָס נעהמט פאַר אַ קוס אַ נשמה,
און גיט אָב איהר וועלט פאַר אַ קוס,
און גיט פאַר בעטרוג, אַלס נקמה,
אַ גיפט-טראַנק אַנשטאָט דעם גענוס.

אַ ליעבע אָהן שרעק פאַר אַ ריכטער,
אָהן חרפּה פאַר לייטען, פאַר גאָט;
וואָס וויל ניט און קען ניט זיין ניכטער,
און לאַכט פון דעם אָבלאַכער'ס שפּאָט.

וואָס לאַכט פון קברנים און טרונעס,
פון תליות, פון פעטליעס, פון שטריק;
צודריבעלט די שטריק, און מאַכט סטרונעס,
און שפּיעלט אויף זיי גיהנם־מוזיק.

* *

און איצט, אין אַ לאַנגזאַמער גסיסה,
געהט זי, איהר בעזיצערין, אוים;
עס פּלאַצען די ווענט פון איהר תפיסה,
דער טויט שטופּט די ליעבע אַרוים.

דער שלאָס מיט די קייטען צושפּרינגען,
אוים וועכטער, אוים אייזערנער שטאַנג!
די ליעבע, אַ פרייע, קען זינגען,
צום אָבשיעד, איהר שוואַנען־געזאַנג.

ס׳ איז אוים אין די אויגען דער פייער,
געשטילט איז דער קאַמפּף אין דער ברוסט;
און דאָ איז דער טויט, דער בעפרייער,
מיט זיך נעהמט ער ליידען און לוסט.

און ער איז צו איהר ניט געקומען
ווי ס׳קומט אָן אַ שונא אין לאַנד;
דעם טויט האָט זי ליעבענד גענומען,
איהם געבענדיג פריינדליך די האַנד.

זי בעט ניט ביין טויט קיין ערבאַרמונג,
זיין שמייכעל פערלאַנגט זי, זיין גלעט;
זי געהט צו איהר לעצטער אומאַרמונג,
צום קבר — איהר חתונה־בעט.

ניט אמת?

ניט אמת? ווען'ס שטאַרבט אָב די ליעבע ביי דיר,
און חרוב ווערט דיין בית־המקדש אין האַרצען,
און אויף דעם מזבח, וואו'ס פלעגען אַמאָל
געבראַכט ווערען ליעבעפול ליעבע'ס קרבנות
פון מנחה און שלמים אויף הייליגע פלאַמען,
בלייבט איצטער דיר איבער ניט מעהר ווי די אַש,
מיט דונקעל־געוואָרענע קאַלטע בלוטס־טראָפּענס,
וואָס זעהען זיך אָן ווי די שפּורען פון מאָרד,
בעגאַנגען דורך מענשליך־אונמענשליכע הענד,
דערשטיקענדיג לעבען און פריידע אין זיך...

ניט אמת? ווען'ס שטאַרבט אויף דעם אופן די ליעבע
ביי דיר, און די שכינה אין דיין קדשי־קדשים
רייסט קריעה, און הויבט אָן איהר שלשים פון טרויער,
בעת צלמים פון פליישליכע, מענשליכע געטער:
פון באַקכוס אין שכרות, און ווענוס אין תאוה,
פערנעהמען איהר אָרט אין ד י י ן האַרצען, א י ה ר טעמפּעל,
און שטעלען זיך פרעך ביים מזבח פון ליעבע,
וואו דו, כהן גדול, פלעגסט שטעהן שטאָלץ אַמאָל
און אָפּפערן, האַלטענדיג זיך פאַר א גאָט,
וואָס איהם אַליין קומט גאָר דער ווייררויך,
די אָפּפער, די גאָטהייט, די כהונה און אַלץ?

ניט אמת, אַז ווען דיעזע הייליגע ליעבע

שטאַרבסט אָב, און אַ שרפה מיט שלאַנגען פון פייער,
מיט וואָלקענס פון רויך מאַכסט דיין הר המוריה
פאַר א י י ן אונגעהייערן קבר, אויף וועלכען
דיין כותל מערבי שטעהט ווי אַ מצבה,
אַ זכר למקדש פון חרבן און טויט, —
ניט אמת, מיין פריינד, אַז עס געהט דאַן אַרויס
דיין אָרעמע, קערפּער־בערויבטע נשמה
אין גלות, אין עלענד, אין עולם־התהו,
און ווערט דאָ געשליידערט מיט וואוטה נאָך אַנאַנד
כף הקלע, צום שפּאַס פאַר די שדים,
די לצים פון אשמדאי׳ס פּראַקטישער העל;
געוואָרפען אין היץ און אין קעלט, צווישען הימעל
און ערד, צווישען שמערצליכע תאוה און שמערץ;
אַניט — ווען עס קריגט די נשמה איהר רוה —
פערגעסען ווערט זי גאָר אין גאַנצען, אַ שטייגער
ווי אויף אַ פערלאָזענעם שלאַכטפעלד
דער בר מנן פון אַ דערשאָסענער טויב?

ניט אמת, מיין פריינד? אַזוי פיהלסטו אין זיך
בשעת עס שטאַרבט אָב די ליעבע ביי דיר...

איך גיב אויף

זיי זאָגען אַז טרינקען איז שעדליך,
איך גלויב זיי, טרינק לאַנג שוין ניט מעהר.
ס'פלעגט קוויקען דער ביטערער טראָפּען
מיין האַרץ די פערביטערטע זעהר.
און אָפט פלעג איך וועהטאָג פערזינקען,
די ווערים פון רייע דערטרינקען
אין ווייַן, אין אַ טראָפּעלע ביער...
גענוג! דאָס איז שעדליך פאַר מיר.

זיי זאָגען, אַז טאַבאַק איז שעדליך,
איך גלויב זיי, איך גלויב זיי דאָס אויך;
און דאָך וויפיעל גליקליכע שטונדען
האָב איך ניט פערבראַכט מיטען רויך!
ווי אָפט האָב איך פריידען געפונען,
האָב שמערצען — ווי וואָלקענס צורונען —
פערלאָרען אין אַ פּאַפּיראָס...
דאָך פאָלג איך זיי, אָפּפער אויך דאָס.

זיי זאָגען, אַז דיכטונג איז שעדליך,
אַז געלד האָט ניט ליעב דעם פּאָעט;
געוויס, עס איז דאָ ווייניג ריוח
אפילו ביין שעהנסטען סאָנעט.
און כאָטש איך פלעג הימעלספרייד קריגען,
כמעט אַ גן־עדן־פערגניגען,

פון איטליכען ליעד — ווײס איך היינט:
מערקור, ניט אפּאָל, איז מײן פרײנד.

זיי זאָגען, אז ליעבע איז שעדליך,
פאַר יונג, קל־וחומר, פאַר אַלט.
עס שמערצט, — דאָך איך פאָלג זיי די פרומע;
איך האָס היינט אין יעדער געשטאַלט
דעם כשוף, דעם רייץ פון די פרויען,
מיט זיי וועל אַליין זיך ניט טרויען,
א מזוזה האָב איך היינט ביין טיר;
אוים ליעבע! זי'ז שעדליך פאַר מיר.

איצט זאָגט מען, אויך לעבען איז שעדליך,
דאָס לעבען איז איין לאַנגע זינד;
געוויס, עס איז דאָ אינ'ם לעבען
פיעל פרייד פאַר'ן גרייז, פאַר'ן קינד —
דאָך פריידען בעטייטען עבירות,
דורכאוים נור פערבאָטענע פירות.
איך פאָלג... איך בין קראַנק, איך בין מיעד...
איך שטאַרב... איך דערזינג נור דיעם ליעד.

חוני המעגל

(פאַר די זאַמעטקינס, איהם און איהר — אַ מתנה.)

ער זיצט אין זיין לעהנשטול, אַ ספר אין האַנד,
אין צימער ווערט דונקעל און אויסער דעם זייגער,
דעם וועכטער פון צייט, וועלכער רעדט צו דער וואַנד
און קלאַפּט אויף זיין היימיש־אַלטמאָדישען שטייגער,
איז קיינער ניטאָ, ניט אין הויז, ניט אין גאַס,
הפנים אַוועק מיט די שטראַהלען וואָס בלענדען —
און ס'זיצט זיך נחמיה פערטראַכט, עטוואָס בלאַס,
פערטיעפט אין די אידישע שעהנע לעגענדען.

און איבער זיין בוך דרעמעלט לאַנגזאַם ער איין
— עס דרעמעלט שוין לאַנג דער קאַנאַריק אין שטייגעל —
און ס'קרוישקעט זיך באַלד זיין נשמה אַריין
אינ'ם גוף פונ'ם געטליכען חוני המעגל.
און ס'דוכט זיך איהם אָב, אַז אויף זיעבעציג יאָהר
שלאָפט איצטער איין בּיסלעכווייז ער פּונקט ווי יענער.
ער קלערט וואָס וועט זיין, ווי אַ מענש אויפען וואָהר,
און מאָלט פאַר די צוקונפט זיך בילדער און פּלענער.

און ניט נור וואָס ו ו ע ט זיין זעהט ער און בעטראַכט,
שוין לעבט ער — און דאָס געהט אויף גיך אין חלומות —
פונ'ם מקיץ נרדמים צום לעבען ערוואַכט,
מיט מענשען אַרום איהם, מיט עופות, בהמות,

מיט פעלדער און הייזער, אַלץ וואונדערבאַר פרעמד,
אַלץ אַנדערש ווי זיי האָט געזעהן ער פאַרצייטען,
דאַן קוקט ער אויף זיך. אַך! זיין בגד, זיין העמד,
צוקריכען ווי שפּינוועבס. אַ חרפּה פאַר לייטען!

און ענדליך, איהם דוכט, האָט צו זעהן ער דערלעבט
נאָך וואָס ער פלעגט גאַהרען אין יענעם יאָהרהונדערט:
אַ מענש, אַ געפליגעלטען, זעהט ער וואָס שוועבט,
הויך, הויך אין דער לופט, פון די וואָלקענס בעוואונדערט.
און אָט איז אַ טעלעסקאָפּ... ווייזט אייך אויף קלאָר
וואָס טהוט זיך פאַר צעהנדליגע טויזענדער מיילען,
און דאָס אַלץ אין וואָסערע זיעבעציג יאָהר...
הכלל, אַ מענש דאַרף זיך צו שטאַרבען ניט איילען.

איצט פרויען, וואָס בלייבען ביז אַכציג יאָהר יונג
און מענער צו ניינציג נאָך אמת'ע ריעזען.
נחמיה וואָלט טהאָן צו איהר וואוינונג אַ שפּרונג...
וואָס וואָלט זי געזאָגט, ווען ער וואָלט זיך בעוויזען
איצט פּלוצלונג פאַר איהר... אָבער וואו איז איהר הויז?
פערשוואונדען איז אַלעס! אַך, פריידעניו, שעהנע,
דו פּוכלינקע פלוים, דו! דו בליהענדע רויז!
וואו איז זי איצונד, די נשמה די רייגע?

די הענטעלעך שמאָל מיט אַ ריהר וואָס איז צאַרט,
די פיסעלעך קליין מיט אַ טראָט פון אַ פעע,
אַ הערצעלע קיינמאָל ניט ביטער, ניט האַרט,
אַ קעפּעלע גאָט'ס העכסטע קינסטלער־אידעע;
און ציינדעלעך, פּערעלעך — שנירעלעך צוויי,
און אויגעלעך בלויאינקע, מאַגישע שפּיגלען,

און שולטערען רונדע, מען זוכט הינטער זיי
מיט זיכערהייט גרויסע מלאכים'שע פליגלען.

וואו איז זי? געה זוך אין אַ שיפּבּרוך אַ רינג,
געפינן אַ בריליאַנט נאָך אַ שרפה ביין מויער,
און דאָ לויטער פרעמדע, רעד, קלאָג פאַר זיי, זינג,
כאַטש רעד צו אַ טויבען אַ שכור'ען פויער.
אָך פריידעניו, זי האָט אויף עטליכע טעג
פון איהם זיך, ווי פון איהר נשמה, געשיעדען,
דערווייל זיינען צעהנדליגע יאָהרען אַוועק,
דער היינט פונ'ם נעכטען איז שרעקליך פערשיעדען.

און ס'שטעהען דאָ הייזער ניט איין אויף אַן אָרט,
זיי קייקלען אויף רעדער זיך ווי עקיפּאַזשען;
דער עולם בעוועגט זיך און וואַנדערט, איין וואָרט,
אין רייזע־פּאַלאַצען מיט הונדערט עטאַזשען.
וואו גאַסען? ווער גאַסען? מען וואוינט אויפען טייך,
מען רייט אין דער לופט ווי אַמאָל קיין וואַלהאַלאַ
די העלדען די טויטע — מיט געטער צוגלייך,
אָך, וואו איז, ווער ווייס, זיין געליעבטע, זיין כלה?

ער כאַפּט זיך צום שטאָק. ער איז לאַנג שוין צופוילט,
נחמיה בעשליסט אָהן אַ שטעקען, אַ פיהרער,
צו לאָזען זיך איבער'ן שטאָדט. דאָך איהם גרוילט
צו זיין אַ ווילד־פרעמדער, פיעלייכט שוין ניט איהרער,
אפילו ביי פריידעלען, איצטער ווען אַלץ
איז אַנדערש... ער שטעהט ווי אַ שטיין, ווי אַ גולם,
ער פיהלט ווי לוט'ס ווייב זיך פערוואַנדעלט אין זאַלץ.
און... הימעל! וואָס זעהט ער? דער אַלטער בית עולם!

ער איינער נאָך אימער גענוי ווי אַמאָל:
דיזעלביגע אַלטע, בעקאַנטע מצבות,
נור גרעסער צו זיין שיינט נחמיה'ן די צאָהל,
דאָ רוהען מעהר מענשען היינט — זכרים, נקבות.
איצט קוקט ער אויף זיך... איז אַליין אַ סקעלעט,
קיין פלייש און קיין בלוט, כמעט טויט יעדער אבר,
דאָס וואַנדעלט משמעות, נחמיה'ס פּאָרטרעט
אַרום פונ'ם ראָהם... האַלט! וואָס איז דאָס פאַר אַ קבר!

„פּ" „נ"! אויף אַן אַלטער, פון רעגען, פון ווינד,
פון היצען און שטורעמס צוטומעלטער ברעטעל —
ניט ז י... דאַנק גאָט! ניין! ווייל דאָ ליעגט גאָר אַ קינד,
און הייסט גאָר ניט פריידע, איהר נאָמען איז עטעל.
אַ שטיין איז פון האַרצען אַ שווערער אַראָב,
„הילדה — דערצעהלט מען אייך — עטעל בת זלמן"
פיער יאָהר אַלט! און ער האָט פערלאָרען דעם קאָפּ!
אַ בריה אַ איד... שנעל, אַרוים פון בית עלמין.

ער געהט, אָבער ס'יאָגען אין מח מיט רעש
זיך איינער דעם צווייטען פיעל שוואַרצע געדאַנקען,
ווי'ס יאָגען זיך פליגלען פון ווינדמיהלען ראַש,
דער — יענעם... דאָך פּלוצלונג, פון יענער זייט פּלאַנקען
דערזעהט ער אַ קבר'ל אָהן אַ „פּ" „נ",
און דאָ שטעהט דער קברות־מאַן, רוהיג ביין טויער,
אַ שנעע־וויסער באָרד, אויף אַ בויך ווי אַ טון,
אַ פּנים — אַ בוריק און רויה אונגעהייער.

„וואָס? פריידעלע בעריל'ס? געוויס, איך געדענק"
— נחמיה'ן דער קברות־מאַן ענטפערט געלאַסען —

געליטען האָט זי פון אַ ליעבשאַפט, אַ קרענק,
מען זאָגט אַז דאָס קריגט מען ביי זיי אין די קלאַסען:
פערפיהרט האָט אַ פלוט זי, ניט שעהן און ניט רייך,
און האָט ניט געוועלט מיט איהר חתונה האָבען.
ויברח! הוטשאַק!! און זי האָט מען אין טייך
געפונען, און הינטער'ן פלאַנקען בעגראָבען.

„אַ קימאַ־לן איז דאָס...“ דאָ גיט אַ געשריי
נחמיה, און וועקט אויף דעם פויגעל אין שטייגעל,
ער רייבט זיך די אויגען אויס, טהוט זיך אַ דרעה,
אין זיך, אַרום זיך זוכט ער חוני המעגל...
ניטאָ... און אָהן פריידעלען איז ער אין הויז,
ניטאָ מיט אַ וואָרט זיך צו ווענדען צו וועמען,
נור פריידעניו'ם בריעף פאַלט אַרוים אין זיין שויס,
פונ'ם בוך, פון די אידישע, שעהנע לעגענדען.

20 מאַי 1910

אַ מאַמע׳ס האַרץ

(אַן אַלט פראַנצויזיש ליעד)

אַמאָל האָט אַ בחור, אַ יונגער, געליעבט,
אֵי־וועה איז צו מיר, אֵי־וועה, אֵי־וועה!
אַמאָל האָט אַ בחור, אַ יונגער, געליעבט
אַ מיידעלע, וועלכע האָט איהם ניט געליעבט.

בעפוילען האָט זי איהם: „ברענג מאָרגען צו מיר" —
אֵי־וועה איז צו מיר, אֵי־וועה איצונד —
זי האָט איהם בעפוילען: „ברענג מאָרגען צו מיר
די האַרץ פון דיין מוטער צו שפּייזען מיין הונד."

דער׳הרג׳עט זיין מוטער האָט ער אויפען שטעל,
— אֵי־וועה איז צו מיר, וועה איז מיר און ווינד! —
זיין מוטער דער׳הרג׳עט האָט ער אויפען שטעל,
און איז מיט איהר האַרצען געלאָפען געשווינד.

און לויפענדיג איז ער געפאַלען אויף דר׳ערד,
אֵי־וועה איז צו מיר, מיר שווידערט, מיר גרויט, —
און לויפענדיג איז ער געפאַלען אויף דר׳ערד,
און די האַרץ האָט געראָלט אינ׳ם קויט.

דאָך ליעבעפול האָט איהם די האַרץ נור געפרעגט,
אֵי־וועה איז צו מיר, וועה איז מיר און ווינד! —
די מוטער׳ס האַרץ האָט געפרעגט נור ביי איהם:
האָסט דו זיך ניט וועה געטהאָן, טייערעס קינד?

א הספד אויף דאַננאַ בלאַנקאַ

זי איז פריי!
אָה, איך ווייס, עס איז דום,
איהר געזונטע, איהר קלוגע;
און איהר קוקט אויף מיר קרום
בעת איהר הערט ווי איך שריי:
זי איז פריי, זי איז פריי!
ניין, איך בין ניט משוגע,
כאָטש די פרייע ליעגט טויט,
כאָטש זי ליעגט קאַלטערהייד,
אין אַ שרעקליכען זאַרג,
אין אַ זאַרג האַרט און שוואַרץ,
פול מיט פעסט, ווי אַ זומפ;
כאָטש דער טויט ווי אַ באַרג
דריקט איהר ברוסט, פרעסט איהר האַרץ,
און איך שריי: זי איז פריי!
כאָטש איהר האַרץ איז שוין פוסט,
ווייל אַ טייוועלשער פומפ,
מיט אַ העלישער קראַפט,
האָט פון האַרצען איהר בלוט,
פון איהר לעבען די זאַפט
אויסגעזויגט, ווי די ברוסט
זויגט היים־הונגעריג אויס
דאָס קינד, בעת עס רוהט,

בעת עס ליעגט און עס רוהט,
ביי דער מאַמען אין שויס.

זי איז פריי!
זי איז מעהר ניט קיין ווייב,
קיינעמ'ס ווייב! זי איז פריי!
קיין געזעץ, קיין שום זיטע
האַלט איהר הייליגען לייב
ניט אונטער אימיצענ'ס שוץ;
איבער איהר גיט קיין שליטה
איצט דעם, וואָס דעם שוץ
קויפט זיין גאָלד, קויפט דער פוץ
אויף איהר גוף, וואָס דאָס גאָלד
האָט בעצאָהלט; ווייל זי האָט
איצט ניט ציערונג, ניט גאָלד,
ניט קיין הייזער אין שטאָדט,
ניט קיין פעלד אויפען לאַנד,
ניט קיין אוהר אויפען וואַנד,
ניט מעהר האָלד...

זי איז פריי!
די אַנשלאָפענע פרוי,
מיט די אויגען פערמאַכט,
פאַר דער צייט, פאַר דער נאַכט,
יענע אויגען העל־בלוי,
ווי דער הימעל־אַזור,
בעת די נעכט זיינען שעהן,
ווען'ס בעזינגט די נאַטור,
אַ זינג־פויגעלעך כאָר,

מיט אַ קינדערשען חן,
אין דעם ליעד, דעם רעפריין,
און די בוימער אַרום,
פאַר בעגייסטערונג שטום,
רוישען בראַוואָ ענטציקט.
זי איז פריי, און זי שלאָפט,
מיט די אויגען פערמאַכט,
פאַר דער צייט, פאַר דער נאַכט,
אָהן אַ נאַכטליעד פערוויעגט,
ליעגט זיך רוהיג און שלאָפט,
מעהר ניט זאָרגט, מעהר ניט האָפט,
מעהר ניט דענקט, אָדער טראַכט,
נור איהר גוף זאָגט: „גוד־באַי!"
זי איז פריי, אַלץ פערביי!

זי איז פריי!
און איך זאָג אייך, זי וועט
איצטער האָבען אַ בעט,
אפשר שמאָל, אפשר קליין,
דאָך פאַר זיך נור אַליין;
זי וועט שלאָפען אַליין,
ניט פון קיינעם געשטערט,
און ס'וועט רוהען אַליין,
אין אַ קעסטעלע קליין,
איהר געהייליגטער לייב.
זי איז מעהר ניט, איהר הערט!
קיינעם'ס האָב, קיינעם'ס ווייב,
ס' האָט קיין שליטה אויף איהר
קיין צווייפיסיגער טהיער,

קיין שום שד, קיין שום גאָט —
זי איז איצטער שוין פריי!

זי איז פריי!
און איך שריי: זי איז פריי!
געגען גאָט'ס טיראַניי,
געגען הימעל און ערד,
געגען דין און געזעץ,
געגען ביקס, געגען שווערד,
געגען רייטער און פערד,
געגען יעדער געוואַלט
אין יעדוועדער געשטאַלט:
זי איז פריי!

1901

ווער ווייס...

(פאַר יהואש — א מתנה).

איז דאָס אַ התראה פון יענער זייט לעבען?

* *

די האָרץ אין חלשות — כסדר געמינטטערט,
אַ שכל וואָס דרעמעלט, אַ פריהלינג פערוויינטערט,
אַ זונענשטראַהל מאַכטלאָז בערוישונג צו געבען,
די ליעבע, די שנאה ניט קאַלט און ניט הייס,
בעטייט דאָס: דער סוף פון׳ם אָנהויב פון סוף,
אָן אָנהויב פון לאַנגען, אונענדליכען שלאָף, —
איז דאָס אַ התראה פון יענער זייט לעבען?
ווער ווייס...

* *

און שטאַרבט אָב דער הייליגער פייער׳ל, יענער
פונאַנדערגעבלאָזענער זעלישער פונק,
וואָס האָט אַלס אַ שטענדיגער, לייכטענדער ברענער,
אַלס ריינער נר תמיד מיין לעבען בעלויכטען,
געוואָרפען זיין שיין, ווי פון הימעל אַ וואונק,
אין ווינקעלעך פינסטערע, פינסטער פון דורות,
אין כמאַרעס פון קלויסטער־געשאַפענע תורות,
ענטפלעקט מיר דעם אמת, דעם לאַנג, לאַנג געזוכטען;

און געהט אויס דער דאָזיגער הימלישער פלאַם,
וואָס צינדט מיט זיין ליכט אָן אין מח געדאַנקען,

די האָפֿנונג בעלעבט, וווייזט אַ ציעל צו דערשטרעבען,
מאַכט גייסטפֿול און גייסטרייך דעם בשר ודם;

און געהט אוים די ליעבע צום שוואַכען, צום קראַנקען,
צום פֿרייהייט־און־וויסען־בענגזל'טען מאַן;
די פֿאָלקס־ליעבע, אויב זי איז מעהר ניט פֿאַראַן,
וואָס שטעהט אויפֿען וואַך ביי די בלוט מיט די פֿלייש,
די שוועכליכע, מענשליכע בלוט מיט די פֿלייש,
בעגלייטענדיג זיי דורכ'ען מדבר פֿון לעבען,
דורך טויזענד געפֿאַהרען אַלס עמוד האש;

און הויבט דיעזער מעכטיגער פֿלאַם אָן צו צאַנקען,
זיך וואַרפֿענדיג פֿיעבערהאַפֿט, וועהרענד ער לייכט
אַמאָל ווי אַ קראַפֿטלאָזער צינד־העלצעלע,
אַמאָל מיט דער מאַכט פֿון דעם אייביגען סנה, —
דער בראַנד וואָס קיין לעשער, קיין שפּריצער דערגרייכט,

— איז דאָס שוין דער אָנהויב פֿונ'ם אויסלאָזען, ווער ווייס?
איז דאָס אין דער לופֿטען די פֿלעדערמויז שוין,
וואָס מעלדעט די נאַכט מיט אַ שטומען געוויין,
און קומט מיט די פֿליגלען בעדעקען מיין גוף?
איז דאָס שוין דער ערשטער, געשעפּטשעטער רוף
פֿון איהם מיט די טויזענדער גיפֿטיגע אויגען,
מיט בליקען, וואָס מאָרדען ווי פֿיילען פֿון בויגען?
איז דאָס די התראה פֿון יענער זייט לעבען?
ווער ווייס...

ניו יאָרק, ענדע אפּריל, 1910.

נישט קשה

נישט־קשה!
אין פענסטער ביי מיר שיינט די זון נאָך אריין,
בעלייכט נאָך מיין פּנים, דערוואַרעמט די גליעדער;
און מונטערקייט האָב איך אָהן פוּיקען, אָהן וויין,
אין ברוסט טראָג איך פיעל ניט געזונגענע ליעדער.

מיין לירע פערמאָגט אונגעשפּיעלטע מוזיק,
און מאַנכע כמעט ניט בעוואויגענע סטרונעס,
מיין בליק געהט ניט אימער אַהינטער, צוריק,
און שטעלט זיך ניט אָב ביי מצבות און טרונעס.

איך האָב נאָך פּאַר עלענדע, שוואַכע אַ וואָרט,
פּאַר מענשען אָהן האָפנונג אַ פרעהליכע בשורה,
און וואַרעם נאָך האַלט איך אין האַרצען דעם אָרט,
וואָס האָט געקענט ווערן פּאַר ליעבע אַ קבורה.

די עופ'עלעך האָבען מיך אימער נאָך האָלד,
און איך האָב זיי אַלץ נאָך אַ טויזענד מאָל העלטער;
איך האָב פּאַר זיי מעשיות פון גלאַנץ און פון גאָלד
אַ וועלט וואָס ווערט קיינמאָל ניט קעלטער, ניט עלטער.

* *

נישט־קשה!
די זון מעג זיך נייגען אויף מיין האָריזאָנט,
און אפשר איין טאָג ניט דערהויבען זיך ווידער;
דערווייל איז איהר שטראַהל נאָך אי וואַרעם, אי נאָהנט
דערווייל זינג איך די אונגעזונגענע ליעדער.

##ביידע וועלטען

איך וויל מיין חלק עולם הבא,
און אויך מיין עולם הזה האָבען:
אויף יענער וועלט אַ ברוך הבא,
גלייך ווי איך שטאַרב און ווער בעגראָבען.
— איך וויל אַ ברייטען ברוך הבא,
ווי פאַר אַ רב, ווי פאַר אַ גבאי,
און דאָ — אַ שעהנע קבורה האָבען.

* *

מיין פאָרציע וויל איך פון לויתן,
מיין גאַנצען חלק שור־הבר.
און, לעב איך, וויל איך מיר אַ חתן
זיין שמחת־תורה, יעדען יאָהר.

און צו פערטרייבען זאָרג און קומער,
דעם חתן גיט זיין גלעזעל וויין;
אויך זאָל פונ׳ם יין המשומר
אַ כוס אויף יענער וועלט מיר זיין.

געשמאַכט גענוג האָב איך אין חדר,
אהער מיין פענעץ פוטער־ברויט!
חוץ דעם, אַ היסב־בעט צום סדר,
אַ קיטעל דאַן און נאָכען טויט.

מיין קאָפּ מוז אויף אַ קיסען ליעגען,
און אונטער איהם, צום שוץ, אַ שווערד;
און שטאַרב איך, מוזט איהר זעהן צו קריגען
פאַר מיין צוקאָפּענס ווייכע ערד.

און שערבלעך וויל איך אויף די אויגען
פון אַ געליעבטער פרויענהאַנד...
און דאָרטען מוז מיר זיין בעצויגען
די הימעלטיר מיט שוואַרץ געוואַנד.

און שאָפּען'ס טרויערמאַרש זאָל שפּיעלען
אויף מיין לויה ווער־עס־איז;
און דאַן וועל איך זיך דאָ שוין פיהלען
דריי־פערטעל אינ'ם פּאַראַדיעז.

און טרעפען זאָל אַ מלאך דומה
מיך העפליך, אָהן דעם טאָן, דעם כעס
פון אַן אוריאַדניק, אַ בהמה,
וואָס פרעגט ביי אידעלעך אַ פּאַס.

און צו מיין יאָהרצייט זאָלט איהר שטעלען
אַ ליכט, ניט שפּאָרענדיג קיין געלד,
אַ ליכט אַ רעכטס, און וועט איהר וועלען,
מעגט איהר אויך קומען מעסטען פעלד.

און אויף מיין קבר זאָל, יאָהר־יעהרליך,
אַרונטערטריפען אַזאַ טרער,
וואָס זאָל דעם טויט כמעט בעגעהרליך
אין לעבען מאַכען — אונגעפעהר.

*   *

בקיצור, איך וויל עולם הבא
איך וויל אויך עולם הזה האָבען:
אויף יענער וועלט אַ ברוך הבא,
גלייך ווי איך שטאַרב און ווער בעגראָבען,
— אַ פיינעם, ברייטען ברוך הבא,
און דאָ — איך רוף דאָס עולם הזה;
בעשרייבט עס מיט אַנאַנדער פראַזע —
וויל איך אַ שעהנע קבורה האָבען.

מיין שוואַנען־געזאַנג

עס קומען געדאַנקען פון טויט אויף דער עלטער,
ווי ׳סקומען אין אָוונד געדאַנקען פון שלאָף,
ווי ׳סקומען אין הערבסט, בעת די נעכט ווערען קעלטער,
געדאַנקען פון ווינטער, מיט פרעסט אָהן אַ סוף.

און שווימען אין מח ארויף די געדאַנקען,
דאַן מאָלט זיך ניט ווילענדיג אוים יענע שטונד,
ווען׳ם קומען געזעגענען זיך מיט דעם קראַנקען
די טויט־קאַנדידאַטען, דערוויל נאָך געזונד.

צוזאַמען מיט דיעזע אין קרעכצפולען חדר,
דערזעה איך אונשטערבליכע טויטע ביי זיך;
אַליין אַלטע געליעבטע אין אייביגע קליידער,
זיי שוועבען אָהן פליגלען, זיי געהען אָהן שיך.

זיי דאַרפען ניט שיך, ניט סאַנדאַלען, ניט זאָקען,
זיי ריהרען ניט מעהר אָן די בלאָטיגע ערד;
צופום ניט קומט איצט אַהער הלל הזקן,
ניט רייט ער, דער נשיא, אַריין אויף אַ פערד.

ער שוועבט אין דער לופטען אין זויבערע ריינע,
תכריכים פון זייד אין מיין צימער אַריין,
אזוי קומען: בערנע, ביעלינסקי און היינע,
און שעללי דער מלאך׳על, ליעבליך און פיין.

און בייראָן, דער געטליכער בעל מרה־שחורה
און מאָרים דער נביא פונ'ם ערד־פּאַראַדיעז,
און נעבען זיי ליעבלינגע פיעל פון דער תורה
בן־עמרם אין מיטען — אַ גייסטיגער ריעז.

און דאָ איז אין צימער דער שפּאַניער סערוואַנטעס,
אַ בוחן לבבות ווי שעקספּיר דער גאָט;
פערוואַקסען מיט איהם זעהט מיר אוים ראָזענאַנטע'ס
אונשטערבליכער רייטער — זיין העלד דאָן־קיכאָט.

דאַן זעה איך אַ ליעבלינג פון עלטערע צייטען,
ישעיה בן אמוץ מיין דיכטער־פּראָפעט;
אויך ער קומט צופוס ניט, ניט קומט ער צורייטען,
ער שוועבט צו און ברענגט מיט אַנאַנדער פּאָעט.

דער וועלט'ס מליץ־יושר! אָט איז וויקטאָר הוגאָ,
געשטראָפט אונז, געוויעזען די צוקונפט ווי ע ר...
ביים לעבען געהאַלטען פאַר שעדליך־משוגע
אין מוסר, אין טרויסטרייד — סיי יענער, סיי דער.

און דאָ איז דער ליעבענדער, ליעבליכער שיללער,
נאָך אימער מיט אָבשיי פאַר געטהע זיין פריינד,
די פּאַלמע איהם אָבטרעטען אימער נאָך וויל ער
איהם, פויסט'ס און מעפיסטאָ'ס בעשעפער — נאָך היינט.

איצט ווינקט צו מיר היינע, גאָט אַמור'ס געזאַנדטער,
זיין אויג אויפען שוועל פון טיר שליידערט אַ שטראַהל,
עס זאָגט מיר זיין שמייכעל: אָן שטעהט אַ בעקאַנטער:
דיין ליעבלינג און מיינער... אַהין קוק, לאַסאַל!

אַ בליק פון אַ לייב אין גסיסה נאָך האָט ער,
דער העלד פון זיין צייט, דער גיגאַנט פון זיין לאַנד,
דאָרט שטעהט ער, און נעבען איהם איבסען, דער פאַטער
פון נאָראַ, פון הילדאַ, פון העדדאַ, פון בראַנד.

און הונדערטער אַנדערע גרויסע נשמות,
געלייטערט דורך יאָהרען, דעם טיגעל פון צייט,
דער זיעג לאַנג געריינינגט פון בלוט פון מלחמות,
דער קאַמפּף פון די גיפט און די גאַל שוין בעפרייט.

דער בייסענדער וויץ פון זיין רשעות געשיעדען,
די אייזערנע לאָגיק נאָך שאַרף, אָבער מילד.—
זעהט! מאַרקס און באַקונין זיי לעבען אין פריעדען,
דער שפּיעז לאַנג פערראָסט, און אין ווינקעל דער שילד.

און לעסינג מיט מענדעלסזאָהן — קיינמאָל פאַנאַנדער
געטרענט — זעהעןביידע אוים יונג עד היום,
און יונג זעהט אוים הערצען, דער גרויסער איסקאַנדער,
דער רוסישער עמוס — דער קול פונ׳ם תהום;

דער מאַן מיט אַ מעכטיגען שופר צו וועקען
פון שלאָף אַ האַלב-טויטע, פערשאָלטענע לאַנד,
אַ לאַנד, וואו די פעלדער די וועלדער בעדעקען
מיט תליות, און ביקסען — מיט בלוט נאָכאַנאַנד.

אַ לאַנד, וואו עס וואוינען אי גראַציען, אי מוזען,
אין עהרליכע הערצער, אין ערדליכע קעפּ,
דאָך פוריען רעגיערען, די ברוט פון מעדוזען,
די פרייהייט אין קייטען געשמידט ליעגט אין סקלעפּ.

אהא! מיין ריש לקיש! דער לערנער פון תורה,
וואָס ווייס וואָס אַ שווערד איז, וואָס ליעבט אָהן אַ שיעור,
ליעבט שעהנהייט און פרויען — דער גרויסער אמורא,
ר׳ יוחנן׳ס שוועסטער, איהר פרעגט נור ביי איהר.

זיי קומען די ליעבלינגע מיינע אין צימער,
פון אַלערליי לענדער, פון יעדוועדער צייט,
איך גיב זיי מיין גרוס פונ׳ם לעבען ווי אימער,
זיי ברענגען אַ גרוס פון דער אַנדערער זייט.

דאָך זיינען ניט אַלע פון זיי שוכני עפר,
וואָס וואוינען שוין לאַנג אין אַ בעסערער וועלט,
פאַראַן צווישען זיי מעהר ווי איין קבר־שלאָפער,
וואָס האָט עד היום נאָך ביי אונז זיין געצעלט.

און נעהנטער ווי אַלע צו מיר שטעהט דאָ איינער,
נאָך פריש איז זיין קבר, נאָך גאַנץ איז זיין בעט;
קיין אייזען, קיין מויער, קיין ציגעל, קיין שטיינער
פערשטעלען דעם אָרט ניט, וואו׳ס רוהט דער פּאָעט.

דאָס האָט ער אַ הויב זיך געטאָן פון די בלומען,
דעם קבר פערלאָזען, איצט איז ער ביי מיר.
אַהער מיט די גייסטער די גרויסע געקומען
איז ער און ער עפענט צום אָבשיעד די טיר.

און דאָ נעבען גאָרדינען שטעהט אַ נשמה
— פערצעהרט איז געוועזן שוין ביים לעבען דער גוף —
ער איז דער פערקערפּערטער האַס, די נקמה
פאַר אונרעכט, פאַר רויב — דער גזר־דין און דער רוף.

און גאַלאָפּ ביי אונז איז געוועזן זיין נאָמען.
זיין שאָטען בעגריסט מיך, נאָך אימער ניט אַלט,
און נעבען איהם זעה איך — אָה, הערצליך ווילקאָמען! —
אַ ליעבליכע, הערליכע פרויענגעשטאַלט.

*
* *

און דושנע ווערט מיר צווישען אַל' דיעזע גייסטער,
משמעות דאָס ווער איך אַ גייסט שוין אַליין,
נור קליין בין איך, פיהל איך זיך, צווישען די מייסטער:
א־נ'ם קרייז פון די ריעזען אַ מילבעלע, קליין.

דאָך ווילט זיך אָהן ווערטער ניט שיידען פון לעבען,
עס בעט זיך אַ ליעדעלע, עפּעס אַ וואָרט;
ניט־שוין וועל איך איהם אָן אָטיעזדנע ניט געבען,
ישראליק דעם פועל, גלייך דאָ אויפען אָרט?

נור וואָג איך צו זינגען מיט זיי ניט אַרום מיר:
אַ זיפץ אָהן אַ טעקסט איז דער איינציגער קלאַנג,
וואָס איך קען איהם לאָזען, דעם פאָלק אין זיין קומער,
דער זיפץ — ער פערבלייבט שוין מיין שוואַנענגעזאַנג.

1910

2. אידישקייט, „געטליכקייט" און גלעגענהייטס־געדיכטע

ריקבליק אויף דעם יאָהר תרמ"ד

לאָזט איהם געהן דעם יאָהר, דעם אַלטען
האַלט איהם ניט צוריק;
ער איז פול מיט שרעקגעשטאַלטען,
בלוט איז אין זיין בליק!
לויטער צרות, קיין נחמות,
האָט ער אונז געבראַכט,
אין דער גאַנצער וועלט מלחמות,
מענשענמאָרד און שלאַכט.

אייער יאָהר! ער געהט, איהר אידען,
לאָזט איהם, לאָזט איהם געהן!
לאָזט איהם געהן, און זייט צופריעדען,
וואָס ער בלייבט ניט שטעהן.
מענשען האָבען זיך געוואונדערט,
עס זאָל קענען גאָר
אין דעם ניינצעהנטען יאָהרהונדערט
געבען אַזאַ יאָהר...

לאָזט איהם געהן, און פאָלגט מיין עצה,
גיט איהם עטוואָס מיט,
לאָז ער נעהמען אויפ'ן פלייצע
איין אַנטיסעמיט!

כאָטשי איינעם פון דער באַנדע!
אפשר ווערט בעפרייט
דורך דעם איינעם פון איהר שאַנדע
אונזער „נייע צייט“.

אונזער צייט שעמט זיך אודאי
מיט די אייניקלעך
פון דעם אַלטען טאָרקוועמאַדאַ,
מיט די שטעקערלעך.
דער פּראָצעס פון טיסאַ־עסלאַר
קרענקט זאָגאַר דעם זוהן
פון דעם נאַצאַרענער צעסלער
ווען ער הערט דערפון.

לאָזט איהם געהן מיט די פּאָגראָמען,
וואָס ער האָט געבראַכט;
לאָזט איהם נעהמען די בני־המן,
וועלכע טאָג און נאַכט
אונז פערפאָלגען מיט זלזולים,
מיט העפּ־העפּ, האַם־האַם.
מיט די שענדליכסטע בלבולים,
מיט עלילות דם.

1884

צו כנסת ישראל

(פאַר א. ליעסין — אַ מתנה).

אָה, גלויב זיי ניט, אַלטיטשקע, כנסת ישראל,
איך בין ניט ענטרונען געוואָרען פון דיר ;
מיר דאַכט נור, דיין לאַנד בלייבט שוין ארץ ישמעאל,
אפילו אויב דיינס איז עס אויפען פאַפּיר.
מיר דאַכט פּאַלעסטינאַ ז'ניט מעהר דיין מדינה,
און סתם „טעריטאָריע" — איך האַלט ניט דערפון ;
איך זעה ניט קיין ראָלע אויף אַזיאַ'ס ביהנע
פאַר דיר. אָבער, מאַמינקע, איך בין דיין זוהן.

און, מאַמע, מיר שמאַרצען די אייביגע וואונדען
אויף דיר, וועלכע בלייבען רק אָפען און ניי ;
דעם לייב שניידט דער שטריק מיר, וואָס דיך האַלט געבונדען,
דיין גלות — ער לאָזט מיר ניט אָטהעמען פריי.
עס ברענט אויף מיין שטערען דער חותמו־של־קין,
און ברענט אויף דעם אָרט פון דיין גילדענעם ציץ,
און גערן פערוואַנדעלט וואָלט איך אין כלי־זין
מיין פען, פאַר דיין קאַמפף, אין מיין הייליגער היץ.

דו האָסט אָבער, מאַמוניו, אַלערליי קינדער,
פערצייה מיר, איך ליעב זיי ניט אַלעמען גלייך,
געשאָרענע שעפסען, געמעסטעטע רינדער —
דער צורר אַליין שיידט אָב אָרעם פון רייך.

איך פיהל זיך אַ פרעמדער אין יעדער אסיפה,
וואו איבער בערויבטע רעגירט אַ האַבון.
איך קען איהם ניט לויבען. איך טויג ניט צו חניפה,
ער איז ניט מיין ברודער, דאָך איך בין דיין זוהן.

ניין, גלויב זיי ניט, אַלטיטשקע, כנסת ישראל,
ניט אָבטריניג בין איך געוואָרען פון דיר.
מיך האָט ניט געפאַנגען די מאַכט פון סמאל,
קיין כישוף האָט לילית געהאַט איבער מיר.
ס'איז אמת, איך בין ניט אין יענער אגודה,
וואו'ם ראַנגלען זיך פרושים מיט עשו'ם געזינד,
אויך טראָג איך די פאָהן ניט פון מחנה יהודה,
דאָך, מאַמוניו, טייערע, איך בין דיין קינד.

אין טרוים, אויפען וואָהר — רק מיר שטעהט פאַר די אויגען
צום פעלז צוגעשמידט פראָמעטיי דער טיטאַן.
איך זעה ווי זיין בלוט ווערט פונ'ם אָדלער געצויגען,
זיין האַרץ מיט רציחה געריסען, און דאַן —
ווי ס'וואַקסט אָב טאָג־טעגליך דאָס האַרץ פון דאָס נייע,
להכעים דעם פייניגער, בלוטיג און ווילד;
און יעדעס מאָל זעה איך דיין אַלטע, דאָך נייע
געשטאַלט אין דעם שרעקליכען, גריעכישען בילד.

און קומט אָן דיין אָדלער, דאַן גיסען זיך טראָפּענס
פון בלוט פון מיין האַרצען בעת דיינם ווערט פערצוקט,
און קומט דיין רפואה, דאַן שטעה איך צוקאָפּענס
ביי דיר, אויף דיין מאַרטיר־מגילה פערקוקט.
בעוואונדער דיין איביגקייט, מאַמע, דיין כח
צו לעבען, געדייהען, זיין אַלט און דאָך שטאַרק;

צו שטעלען זיך געגען אַ וועלט מיט אַ מח
געשאַרפט אויף אַ מיהלשטיין, וואָס ברעכט דיר דעם קאַרק.

און גלויב מיר, איך וואָלט זיי געגלויבט דיינע גלויבער,
אין זייערע לופטשלעסער וואָלט איך געלעבט;
איך וואָלט צו דער ווירקליכקייט'ס שטימע אַ טויבער,
אַ בלינדער צום לעבען געווען; וואָלט געשטרעבט,
צוזאַמען מיט זיי, צו דיין לאַנד פאַר דער אומה,
צו אַלץ — נור אַוועק פון מיין דאָ, פון מיין היינט;
איך וואָלט זיי געפאָלגט דיינע גוטע און פרומע,
און, מאַמינקע, ווייסטו, איך האָב זיי ניט פיינט.

איך קען אָבער ניט. ווען דער שמערץ געהט אַריבער,
פערלאַנגען די חושים צוריק זייער רעכט;
דאַן זעה איך די שלאַנגען אין וועג, זעה די גריבער,
אַ מאַרש אַ געמאַכטען, אַ שטער וואָס איז עכט.
דערביי רופט אַ בת־קול: מען דאַרף ניט מעהר האָבען
צו זיין אַ נאַציאָן היינט אַן אייגענע לאַנד;
פערשאָטען ווערט ביסלעכווייז איצט יעדער גראָבען,
דער גרענעץ פערשווינדעט, עס וואַקסט דער פערשטאַנד.

און דו פלאַנצסט זיך בוימער אין יעדוועדער גאָרטען,
אין יעדוועדען קלימאַט, און איטליכער בוים
איז טיעף איינגעוואָרצעלט, און בליהט זאָגאַר דאָרטען,
וואו לאַנג שוין פערגעסען איז בבל, איז רוים.
און וואָס פאַר אַ בלעטער עס זאָלען ניט טראָגען,
די בוימער — מען זעהט, זיי געהערען צו דיר;
און זינגען זיי שירה, דאַן הערט מען זיי זאָגען
אין אַלערליי שפּראַכען דיין אידישען שיר.

דו ביזט ניט אַ פאָלק דורך די הייהל פון מכפלה,
דעם כותל מערבי, דעם חורבן, דעם טויט;
קיין שכינה אין טרויער, קיין אַנדער אבלה,
קיין ירמיה׳ס קלאָג מאַכט די בלאַסקייט ניט רויט.
דו לעבסט און דו ליידסט, דו געפינסט דיין רפואה
פון גלעד אין זיך, אומעטום, וואו דו ביזט;
דו לעבסט אין בן־אָמוץ׳עם צוקונפטס־נבואה,
פון דורות וואָס קומען מיט יובעל בעגריסט.

און פונקט ווי דו דאַרפסט ניט קיין האָר־באַנד, קיין שייטעל,
קיין שנירעלעך פערל, קיין ציערונג, קיין שיין,
קיין גילדערנע קייטעל, קיין הערינג אין קלייטעל,
קיין ווינקעלע מיסט אין שטוב — אידיש צו זיין,
אַזוי קענסטו בלייבען צו קינדער אַ מוטער,
אפילו ניט אין די געצעלטען פון שם,
און איך קען אַ זוהן דיר זיין, מאַמע, אַ גוטער,
ווייט פון הר הבית, ווייט, ווייט פון דערהיים.

אַ זוהן, יאָ אַ זוהן און אַ זוהן אַ געטרייער,
געטריי צו זיין מוטער, געטריי אויך צו זיך,
געטריי צו דעם וועלט־קאַמפף, דעם פעלקער־בעפרייער,
וואָס מוז, ווען די צייט קומט, בעפרייען אויך דיך.
אַזוי וועל איך לעבען און דיר, מאַמע, דיענען,
ביז אָב לויפט מיין זאַמדגלאָז, ביז אַלעם איז אוים.
איך וועל אָבער דאַן פון דיר אויך ניט ענטרינען:
דער טויט וועט געפינען מיין קאָפּ אין דיין שוים.

עבדים היינו

עבדים היינו לפרעה,
דאָך שקלאַפען, ניט הויזקנעכט, אָה, ניין!
מיר בויען דיר פתום און רעמסס,
מיר באַקען דיר ציגעל אָהן שטרוי,
מיר מאַכען — גאָט ווייס ווי אַזוי —
די ציגעל פיעלייכט אויך אָהן לעהם.
מיר שוויצען ביי פתום און רעמסס,
עס זיפצען ביין חם די בני שם.
עבדים היינו לפרעה,
אַ מצרי! מיר מאַכען אַ וואַרע,
געוואַלד!
דאָך הייצען דעם אויוועען — אָה, ניין!

* *

עבדים היינו לפרעה,
דאָך שקלאַפען, ניט הויזקנעכט, אָה, ניין!
ישראליק — ער האָט דען אַ ברירה?
קען ווערן פון שוטרים דערשטיקט.
ער אַרבעט — פערדיענט... אַן עבירה,
אום שבת, ווען ער ווערט געדריקט,
און אַרבעט ווי טאָג אַזוי נאַכט
ביי פתום און רעמסס פערשמאַכט...
עבדים היינו לפרעה,

עס שקלאַפּט ביי דער טומאה די טהרה,
געוואַלד!
דאָך פּוצען די שטיוועל — אָה ניין!

עבדים היינו לפּרעה,
דאָך שקלאַפּען, ניט הויזקנעכט, אָה, ניין!
מיר בויען אייך פעסטונגען פעסטע,
מיר באַקען די ציגעל אָהן שטרוי.
אין גלות ביי קלענסטע, ביי גרעסטע,
יעדער אָטעמצוג איז אַן אוי־וועה!
דור דגלות און שמד, אונטער'ן רוסישען קנוט
כסדר מען באָדט זיך אין אידישע בלוט.
עבדים היינו לפּרעה,
אַ פּריץ! מיר מאַכען אַ וואָרע,
געוואַלד!
דאָך טראָגען פּאַמאַיעס — אָה ניין!

איש תם יושב אוהלים

וואָס קימערט ר׳ יאַנקלען די שעהנע נאַטור,
די וואונדער פון מילי־מיליאָסען פון וועלטען?
ער זיצט זיך ביין ספר, פערטהאָן אין זיין דרוש,
ר׳ יעקב, דער מאַן, וועלכער זיצט אין געצעלטען.

די בערג, און די בוימער, די ליליע, די רויז,
זיי זיינען פאַר איהם נור פאַראַן אין משלים;
וואָס וויים ער פון פויגעלעך, בלעטעלעך, גראָז?
ר׳ יעקב איש תם איז אַ יושב אוהלים.

און חרוב איז דער בית המקדש שוין לאַנג,
ניטאָ מעהר קיין קטורת, ניטאָ קיין מזבח;
וואָס טויגען די בשמים, דאָס בלימעל, די נאָז,
אָהן יענעם פערצייטיגען ריח־ניחוח?

איהם אַרט ניט די הערליכקייט פון דער נאַטור,
אַליין פון דער שכינה׳ס זיו איז ער אַ נהנה.
אַ מציאה דער ים, מיט׳ן טייך, מיט׳ן שטראָם...
ער האָט בלויז איין איינציגע וועלט—דאָס איז י ע נ ע.

נור יענע וועלט איז איהם אַן אמת׳ע וועלט
דאָס לעבען אין ד ע ר וועלט פערגעהט ווי אַ חלום.
וואָס טויג איהם צו וואַנדערן ווייט פון געצעלט?
ר׳ יעקב איש תם איז אַ יושב אוהלים.

עס שטעהט געשריעבען

מען גלויבט, אַז צוויי מאָל דריי איז זיעבען,
אי על־פּי דין,
אי על־פּי זין,
כל זמן דאָס שטעהט נור וואו געשריעבען.
און קיין זאַך איז ניט איבערטריבען,
און גראָד פון אום,
און גלייך פון קרום
ווערט, ווען עס שטעהט אַזוי געשריעבען.

די גאַנצע וועלט געהערט צו דיעבען,
די שעהנע וועלט,
מיט גאָר די געלד
און דאָס איז רעכט: עס שטעהט געשריעבען.
אין דלות בלייבט, איז רק געבליבען,
דער מאַן וואָס שאַפט
און בלייבט אָהן קראַפט;
אַז דאָס איז כשר, שטעהט געשריעבען.

אַלץ וואָס ער מאַכט ווערט אויפגעריעבען
פון יענעמ׳ס מויל,
וואָס איז צו פויל
צום טהאָן, אַזוי שטעהט אויך געשריעבען.
מען הייסט דעם אַרבייטער זיך איבען

אין שפאָרעריי
אין שנאָרעריי,
מען זאָגט: עס שטעהט אַזוי געשריעבען.

אָט האָט גאָט אדם'ען פערטריבען
פון פּאַראַדיעז,
די מעשה איז
אַן אמת, ווייל זי שטעהט געשריבען.
און גאָט, ער האָט אונז אויסגעקליעבען
צו דיענען איהם
מיט אונזער שטים
דריי מאָל אַ טאָג, ווי'ס שטעהט געשריעבען.

עס טאָר אַ איד זיך ניט פערליעבען
ווייל ליעבע פּאַסט
פאַר דעם, וואָס שפּאַסט
און לאַכט פון אַלץ וואָס שטעהט געשריעבען;
וואָס איז בעשערט ווערט ניט געקליבען,
אַ אידיש קינד,
וואָס לויפט פון זינד
ליעבט גאָט און טהוט וואָס שטעהט געשריעבען.

און ווערען דאַרף אין יאָך געטריבען,
אָט ווי דער אָקס
אַן אָרטהאָדאָקס,
געפינען קענט איהר דאָס געשריעבען;
דעם קיסר מוז ער פאָלגען, ליעבען
ווייל נור אַ לץ
ברעכט די געזעץ,
אַ פרומער היט וואָס שטעהט געשריעבען.

פערדינאנד לאַסאַל

(1825 — 1864)

(צו זיין 25 יאָהריגען אָהרצייט, געפּייערט דעם 31 אויגוסט, 1889).

.1

לאַסאַל, זאָגט איהר, טויט? שוין אַ פערטעל יאָהרהונדערט,
דערצעהלט איהר מיר — ליעגט ער אין דר'ערד?
דער מאַן, וועלכען ארבייטסלייט האָבען בעוואונדערט,
און אויסבייטער האָבען מיט שרעקען געהערט?
דער מעכטיגער וועקער, אַ קינסטלער אין שפּראַכע,
דער אַרבייטער־פריינד און דער פעלקער־טריבון?
דער פּרעדיגער פאַר אונזער הייליגער זאַכע,
וואָס איהם האָט די גלייכהייט גערופען: מיין זוהן,
וואָס איהם האָט די וואַרהייט גערופען מיין ברודער
און — פאָטער, דער אָרעמער עלענדער מאַן;
ער, וואָס האָט געמאַכט אין דער וועלט אַ גערודער,
בעקעמפפענדיג יופּיטער ווי אַ טיטאַן:
פערשפּרייטענדיג ליכט און דאָס הייליגע פייער
אין פינסטערע ערטער, אין ערטער פון קעלט,
און וואָס האָט געוויעזען דעם וועג צו זיין פרייער,
דעם וועג צו די נייע און הערליכע וועלט;
ער וואָס האָט בעקעמפפט וואָס איז שלעכט און פערדאָרבען
ביז ער איז געפאַלען פערמאַטערהייט —
איז ער — מיינט איהר — אין פיער־און־זעכציג געשטאָרבען?
— לאַסאַל איז אַ פיערטעל יאָהרהונדערט שוין טויט?

וואָס רעדט איהר? אַ מאַן ווי דער מאַן קען ניט שטאַרבען;
אַ מאַן ווי לאַסאַל קען ניט, טאָר ניט זיין טויט!
ווען אַרבייטסלייט אָרימע קווועלען זיך, דאַרבען,
און לעבען אין מאַנגעל און שטאַרבען פון נויט;
ווען אומעטום הערשען דעספּאָטיש טיראַנען —
טיראַנען געקרוינטע, טיראַנען דורך געלד,
זאָל ליעגען אין דר'ערד אַ טיטאַן פון טיטאַנען?
זאָל ליעגען בעגראָבען אַ מעכטיגער העלד?
ווען מאָרדלוסט אין מענשענגעשטאַלט זיצט אויף טהראָנען,
פערגיסענדיג בלוט, אָדער צאַפּענדיג בלוט,
און אומעטום ליעגען אין שרעק די נאַציאָנען
די אונטער אַ סצעפּטער, די אונטער אַ קנוט;
ווען אחדות געפינט זיך נור איין אין אַסטראָגען,
און מענשליכע גלייכהייט — נור אונטער דער ערד;
ווען וואַרהייט איז שעדליך צו הערען, צו זאָגען,
און ליגענס פערשימעלטע ווערען פערעהרט;
ווען אומעטום שמאַכטעט די פרייהייט אין קייטען
פון פּאָרטוגאַל ביז צו די בערג פון אוראַל;
ווען טויזענד בעטריגער די פאַלשקייט פערברייטען
זאָל בלייבען די מענשהייט געטרענט פון לאַסאַל?

אונמעגליך! יא, וואהר איז עס ליעגט אין אַ קבר
אין ברעסלוי דער גוף פון דעם הערליכען מאַן,
דער שטערבליכער טהייל פון דעם מאַן, יעדער אבר —
זיי ליעגען בעגראָבען אין עטליכע שפּאַן
פון ערד, פון דער ערד אונזער אַלעמענס מוטער,
וואָס נעהמט אַלע קינדער אַריין אין איהר שויס,
אפילו די וועלכע זי גיט ניט קיין פוטער,
קיין שפּייז ניט ביין לעבען, קיין קלייד ניט, קיין הויז.
יא, וואהר איז, דער קערפּער ליעגט לאַנג שוין בעגראָבען,

דער אָדלער־בליק לייכט אין די אויגען ניט מעהר,
דער צונג אין מויל, וואָס פאַר זיין אויסשפּראַכע האָבען
געציטערט די הערשער מיט אַל די געוועהר;
דער צונג, וועלכער האָט אין די הערצער געצונדען
אַ פייער פון קאַמפף־לוסט ביי אָרעמע לייט,
אַ העלישען פייער פון ברענענדע וואונדען
ביי די וואָס ערוואַרטען מיט שרעקען דעם שטרייט —
דער צונג, דאָס איז אמת, איז לאַנג שוין אָהן רעגונג,
די שטימע איז שטום און פערשאַלט די מוזיק,
אזוי ווי דער גאַנצער גוף ליעגט אָהן בעוועגונג
און ווי אין די אויגען איז פינסטער דער בליק.

און דאָך טריאומפירסטו אומזיסט, קאַפּיטאַל:
עס לעבט אין דער וועלט נאָך דער גייסט פון לאַסאַל,
ער לעבט און בערייטעט דיין פאַל,
דיין שטורץ און דיין פאַל איבעראַל!

2.

דאָס יאָהר אַכט־און־פערציג פון דיעזען יאָהרהונדערט
האָט פּלוצלונג די אַרבייטער־מאַסען געבראַכט
צום זינען, און האָט אומעטום זיי דערמונטערט,
צו שטרעבען מיט האָפנונג, צו קעמפּפען מיט מאַכט,
פיר פרייהייט און גלייכהייט, פון פעלקער און ראַסען,
פיר ברידערליכקייט פון נאַציאָן מיט נאַציאָן,
און דאָס וואָס פערקינדיגט געהאַט האָט די מאַסען
די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן, —
האָט שנעל צו פערווירקליכען איצט אָנגעפאַנגען
דאָס יאָהר אַכט־און פערציג מיט פייער און מוטה.
און דיעזער פּראָצעס איז דאַן פאָרווערטס געגאַנגען

פון שטונדע צו שטונד׳, פון מינוט צו מינוט.
ביז דער פראָלעטאַריער האָט קלערער און קלערער
זיין ביטערע לאַגע געגומען פערשטעהן,
און דאָס וואָס די עדעלסטע פון זיינע לעהרער
איהם פריהער געזאָגט האָבען, האָט ער אַליין
גענומען מיט שכל און גרינדליך בעטראַכטען,
בעטראַכטען און נעהמען צום הארצען — און דאַן...
איז ער, וואָס מען פלעגט איהם געוועהנליך פעראַכטען,
געוואָרען אַ העלדישער קעמפפער, אַ מאַן!
„צום קאַמפף! צו די וואַפען!" האָט ער אויסגערופען,
„דאָך... האַלט!"— זאָגט ער — ווער וויל זיין מיין גענעראַל?
— „איך", האָט איהם פון ווייטען אַ מאַן צוגערופען
„איך פיהר דיך צום זיעג!" — און דער מאַן וואַר לאַסאַל.

צום זיעג, — ווייל ביי איהם מיט זיין גרויסען בטחון
אין זיך, אין דאָס פאָלק און אין זיין אידעאַל
האָט קעמפפען אַליין שוין געהייסען נצחון, —
נצחון אָהן שרעק פאַר אַ שטער, פאַר אַ פאַל;
ווייל שטרעבען ביי איהם האָט געהייסען עררייכען,
און וועלען האָט קענען פערטייטשט דיעזער מאַן,
און ווערטער ווי אָבשטעהן, צוריקגעהן און ווייכען —
זיי זיינען פאַר איהם ניט געוועזען פאַראַן.

צום זיעג! און ער וואָלט די פעראייניגטע מאַסען
בעגייסטערט צו שטעהן געגען פיינד אויפ׳ן פעלד;
ער וואָלט יעדעם קינד פון די אַרבייטער־קלאַסען
געמאַכט פאַר אַ מאַן, יעדען מאַן פאַר אַ העלד —
וואָלט ער פאַר דער צייט ניט געפונען, ווי פיעלע
בעפאָר, דורך אַ פרוי אַ געליעבטע זיין טויט,

וואָלט ער ניט ווי שמשון געהאַט אַ דלילה,
וואָס האָט איהם פערניכטעט פערבלענדעטערהייט.
און ער איז געשטאָרבען?

אָה ניין, עס איז נור פערשוואונדען
געוואָרען פון אונז זיין פערמאַטערטער גוף,
דאָך לעבט נאָך זיין גייסט, וועלכער האָט אונז פערבונדען,
עס הערט זיך נאָך היינט זיין געוואַלדיגער רוף.
עס לעבט דער געשטאָרבענער פרייהייטס־טריבון
אין אַלעמענס הערצער, ביי פריינד און ביי פיינד,
נור אונטערגעגאַנגען איז ער ווי די זון,
וואָס וואַרט אָב די נאַכט און קומט ווידער און שיינט.

ער לעבט, יא, ער לעבט און בעלעבט און בעגייסטערט
נאָך היינטיגען טאָג יענע עלענדע לייט,
וואָס איבער זיי האָט מען געהערשט און געמייסטערט
אַזאַ שרעקליך לאַנגע און פינסטערע צייט.
ער לעבט און בעלעבט אַלע אָרעמע, שוואַכע,
ער לעבט און ער גיט איין די אַרבייטסלייט מוטה,
צו נעהמען פון זייערע אויסבייטער ראַכע
פיר פרייהייט גערויבטע, פערגאָסענעם בלוט.
ער לעבט און ער זאָגט: —

פּראָלעטאַריער, ניט אימער
וועט אייערע אַרבייט ערנעהרען דעם שופט;
ניט אייביג וועט מען אין איין איינציגען צימער
פערשפּאַרען פאַמיליען אָהן ליכט און אָהן לופט;
ניט אייביג וועט איהר אין די גאַסען געהן זוכען
אַן אַרבייטער־דינגער צוליעב אַ שטיק ברויט;
ניט אייביג וועט איהר יענעם פריידענטאָג פלוכען

װען איך װערט געבאָרען אַ קינד אין דער נױט;
ניט אײביג װעט יעדע פֿון אײערע טעכטער
בעדיענען דעם רײכען, זײן טאָכטער, זײן זוהן;
ניט אײביג װעט לײדען דער מאַן דער גערעכטער
און דיענען אַלס רעכטלאָזער קנעכט בײן האַבון;
ניט אײביג װעט אָרעמע שעהנהײט פֿערקױפֿען
דעם גוף און די עהרע אין גאַס צוליעב געלד;
ניט אײביג װעט אָרעמע מענערקראַפֿט לױפֿען
ערמאָרדען פֿאַר געלד פֿרעמדע יוגענד אין פֿעלד;
ניט אײביג װעט פֿעלקער צוטהײלען אַ גראָבען
און מאַכען פֿאַר שונאים נאַטירליכע פֿרײנט;
ניט אײביג װעט אַרבײט דעם טהוער בעגראָבען
און מאַכען זײן לעבען אַ לאַסט איהם — װי הײנט;
ניט אײביג װעט גאָלד איבער מענשען רעגיערען,
װאו יעדערער שטײגט דורך דעם אַנדערענ׳ס פֿאַל;
ניט אײביג װעט אונרעכט, װעט רױב עקזיסטירען,
ניט אײביג! — שרײט צום פּראָלעטאַריער לאַסאַל, —
לאַסאַל דער געשטאָרבענער, װעלכער נאָך לעבט,
לאַסאַל דער בעגראָבענער, װעלכער בעלעבט.

.3

און װען די צײט,
די נײע צײט,
די פֿרײע צײט,
װעט קומען, —
מיט דאַנקבאַרקײט
טראָגט, אַרבײטסלײט,
פֿון נאָהנט און װײט
קרענץ בלומען,

אויף יענעם אָרט,
וואָס ער רוהט דאָרט,
ער וואָס זיין וואָרט,
זיין רעדען
האָט אייך געמאַכט
פול מוטה און מאַכט
און האָט געבראַכט
אייך פריידען.

ווען איהר ווערט פריי
פון טיראַניי,
פון רויבעריי
אין לעבען;
ווען איהר ווערט רייך
אין פרייהייט גלייך,
געדענקט וואָס אייך
געגעבען —

האָט ער, דער העלד,
וואָס האָט בעזעעלט
אייך און ערהעלט
די גייסטער,
און איינגערייהט
דעם גרויסען שטרייט
פון אַרבייטסלייט
און מייסטער.

טראָגט איהר דאָרום
אָהין אַ בלום

פון אומעטום
מיט ליעבע
דאָרט וואו ער רוהט,
ער וואָס זיין מוטה
איז אייער גוט
געבליבען.

אַן „אימער־גרין“
זאָלט איהר אַהין,
איהר, זיינע זיהן,
איהם ברענגען,
און דאַן אַ ליעד,
אַ פרייהייטס־ליעד,
אַ זיעגעס־ליעד
דאָרט זינגען.

מאַרקס דער זיעגער

צו זיין 25טען יאהרצייט, 13טען מערץ, 1908.

קיין איבערמענש, קיין אונטערגאָט און קיין פּראָפעט,
איז ער צו מענשענקינדער נור אַלס מענש געקומען;
קיין גאָט־געזאַלבטער, קיין בעלאָרבעערטער פּאָעט,
האָט ער—דער מאַן—אַ שפּראַך אָהן בילדער און אָהן בלומען,

אַ מענשענשפּראַך, אַ דענקער־לשון נור גערעדט,
דערמיט אָבער גאָט מאַמאָן'ס פעסטונג איינגענומען, —
די תפיסה, וואו דער מענש דעם ברודער זיינעם טרעט,
וואו אין אַ גרוב פון גאָלד זיין גייסט איז אומגעקומען.

קיין איבערמענש; אַ מעכטיגער נור דורך זיין וויסענסמאַכט,
האָט ער, וואָס האָט אליהו'ס מאַנטעל ניט געטראָגען,
אָהן משה'ס שטעקען, אָהן שמשון'ס גבורה אין דער שלאַכט,

און אָהן אַרמעען, לייכט די שוואַרצע קראַפט געשלאָגען,
צוטרייבענדיג די חשך־ברואים פון דער נאַכט,
און מיט זיין העלען גייסט בעגינענדיג צו טאָגען.

פריעדריך ענגעלס

28 נאָוועמבער, 1820 — 5 אויגוסט, 1895.

דער צווילינגסברודער פון דעם גרויסען גרינדער
פון אונזער תורה, דורך וועלכע „איך און דו“
פערוואַנדלען זיך אין „מיר“, און מענשענקינדער,
געריבנט פון מענשענזין, פון אַלעס, וואָס גיט צו

מוטה צו בעקעמפפען יעדען שופט און שינדער,
וואָס שינדען שפּיעלענדיג מיט אונז אין בלינדע קוה,
זיי אַלס פערבלענדער און דאָס פאָלק אַלס בלינדער,
— דער גרויסער ענגעלס געהט היינט אין זיין רוה.

זיין צווילינגסברודער, זיין קאַמעראַד־אין־וואַפען,
זיין מאַרקס, וואָס האָט אונז אין דער וויסטענאַיי
געמאַכט פאַר מענער פון בעדריקטע שקלאַפען,

און לעהרנענדיג צו לעבען ברידערליך־געטריי,
עמפּפאַנגט איהם היינט, און אונז, דעם פאָלק דעם שלאַפען,
לאָזט ער זיין מעכטיג ווערק צו ווערען שטאַרק און פריי.

ווילליאם מאררים

.1834 — 1896

מיט שווארץ פערשלייערט איז די רויטע פאָהנע
  און דורכגעוויקט מיט פראָלעטאריער־טרערען היינט.
דען... טויט איז ער, וואָס איז געוועזען אַ מתנה
  פון מוזען און פון גראַציען פאַר'ן מענשענפריינד,
דעם פרייהייטסגייסט, געשאָנקען אין דער צייט,
ווען ער איז איינס געוואָרען מיט דער גערעכטיגקייט.

און דיעזער דיכטער־העלד פון העלדישע געדיכטע,
  פערוואַנדעלט אין אַ קעמפּפער פאַר דאָס רעכט,
איז היינט ניט מעהר ווי אין דער וועלט־געשיכטע
  אַ נ אָ מ ע ן, וואָס זיין גלאַנץ בעלייכט די נעכט,
בעת שווארצע גייסטער האָבען אין דער לופט געשוועבט,
און האָס פאַר ליעבע האָט אַ שווארצע טוך געוועבט.

און אין בריטאַניען'ס שטאָלצען דיכטער־טעמפּעל
  איז לעדיג היינט דער פּלאַץ פון דעם פּאָעט,
וואָס אויף זיין שטערען איז געווען דער שטעמפּעל
  פון דעם אונשטערבליכען. דעם געטליכען קוואַרטעט,
אין וועלכען שעקספּיער'ס און דזשאָהן מילטאָן'ס גלאַנץ
האָט אָבגעשטראַלט אויף בייראָן'ס, שעללי'ס לאָרבער־קראַנץ.

זיין פּלאַץ איז לעער, און מעהר ווי איין יאהרהונדערט
  וועט נאָך פערגעהן, ביז זיצען וועט אויף דיעזען טהראָן

אַ דיכטער־פירסט, אַזוי ווי ער בעליעבט, בעוואונדערט,
וואָס האַלט, אָנשטאָט אַ סצעפּטער, הויך די רויטע פּאָהן,
צוגלייך דעם אַלטערטהום׳ס בעגייסטערטער פּאָעט,
און פּאַר דער צוקונפט אַ פּיאָנער און אַ פּראָפעט.

ער איז ניט מעהר! דער עדעלסטער, דער גרעסטער
בריליאַנט אויף יענעם האָכציים׳ס־באַלדאַכין,
וואָס אונטער איהם האָט גלייכהייט׳ס שוועסטער
צו דעם בעפרייאונגס גייסט געזאָגט: „איך בין
מיט דיר, אין דיר, ביז אויסגעהן וועט די בייזע מאַכט,
פערשוואונדען ווי אַ בייזער חלום פון אַ בייזער נאַכט.

ער איז ניט מעהר. דאָך קומעדיגע דורות,
וואָס וועלען לעבען אין זיין „ערדען־פּאַראַדיעז“,
בעפרייט פון האַבזוכט און פון פאַלשע תורות, —
זיי וועלען זאָגען: „דער געוועזענער — ער איז!“
און אייביג אונפערראָסט וועט בלייבען אין דער ערד
דער מוזע׳ס קלאַרינעט, דער פרייהייט׳ס שאַרפער שווערד.

וויקטאָר הוגאָ

1885—1802

(אַ סאָנעט, געשריבען גלייך נאָך זיין טויט)

דער דיכטער, וועלכען פראַנקרייך האָט געגעבען
דער וועלט; דיעזער העלד, וואָס פון זיין בויגען
די שאַרפסטע פיילען זיינען אָפט געפלויגען
צו די טיראַנען — איז אַרוים פונ׳ם לעבען!

ער, וואָס זיין גאַנצער טהאָן און שטרעבען
וואַר אויסצואווישען וויינענדיגע אויגען,
און די, וואָס אָרעמקייט האָט איינגעבויגען,
מיט זיין קול דעם מעכטיגען ערהויבען, —

ער, וויקטאָר הוגאָ, איז אַוועקגעגאַנגען,
די מוזען שטעהען איבער איהם און קלאָגען,
דער פנים מיט אַ שלייער שוואַרץ פערהאַנגען,

די פרייהייט וויינט, די גלייכהייט הערט מען זאָגען:
דעם טאָג איז גאַר קיין זון ניט אויפגעגאַנגען
ווען צום בית עולם איהם האָט מען געטראָגען.

צו יעקב גאָרדין׳ס ערשטען יאָהרצייט

(אַ חלום אויפ׳ן וואָהר)

ער איז שטיל.
ניט אַ זילבע פון זיין מויל,
ניט אַ בליק פון זיינע אויגען;
ד׳ ווייס, ער איז צום רעדען פויל,
ווערטער פלעגט ער אָפט פערבויגען.
אָבער ס׳ האָט דאָך אַלץ אַ שיעור,
„גיב אַ וואָרט, אַ בליק גיב מיר!“
דאַכט זיך, איך פערלאַנג ניט פיעל.
ער איז שטיל.

שטיל איז ער.
רוהיג ליעגט ער אין זיין בעט,
צוגעמאַכט האַלט ער די אויגען;
ניט ער ריהרט זיך, ניט ער רעדט,
ער, וואָס איז אָפט הויך געשטויגען,
ער, וואָס עד היום נאָך ווערט
פון די טויזענדער געהערט.
מ ו ז ער שווייגען? ניט ער וויל?
ער איז שטיל.

שטיל איז ער.
אפשר איז ער טאַקע טויט?

מאַלע וואָס עס קען פּאַסירען.
אַנד'רע לעבען טויטערהייט,
מתים פיהרען און מאַרשירען;
איז ניט מעגליך, אַז זיי האָבען
לעבעדיגערהייט בעגראָבען
איהם — אַ שפּאַן ווייט פון זיין ציעל?
ער איז שטיל.

שטיל איז ער.
נור זיין מוזע שוועבט אַרום
איבער מעלפּאָמענע'ס טעמפּעל;
אַ פערגעס־מיך־ניט, אַ בלום
אין אַ לענטע מיט זיין שטעמפּעל
טראָגט זי אונטער זיין פּאָרטרעט.
טרויערט און אָהן ווערטער רעדט,
זאָגט אָהן ווערטער לאַנגזאַם שטיל:
„ער... איז... שטיל!“

א פראָלאָג צו מירעלע אפרת *)

„מירעלע אפרת" בעדאַרף קיין פראָלאָג ניט
ריכטיג צו שאַצען איהר ווערטה, איהר געוויכט,
פונקט ווי מען דאַרף פאַר דעם ליכטיגען טאָג ניט
קינסטליכע פלאַמען צו ווייזען זיין ליכט;
און ווי מען זעהט אָהן דעם שווימער'ס ערצעהלונג
דעם אָקעאַן'ס אונגעהייערע מאַכט,
פונקט אַזוי צייגט זיך אָהן פרעמדער עמפפעהלונג
אונזער פערפאַסער'ס טאַלאַנט היינט ביי נאַכט.

באַלד וועלען אָננעהמען דאַ אויף דער ביהנע
זיינע געדאַנקען פלייש, אָטהעם און בלוט,
און איהר וועט ווידערזעהן יענע מדינה,
וואו עס רעגיערט איבער מענשען אַ קנוט;
וואו חנה־דבורה'ס געקליעבענע קללות
זיינען דער אָבקלאַנג פון אידישען קלאָג,
וואו די פערפאָלגונגען און די בהלות
אייביג פערגיפטען אין יאָהר יעדען טאָג;
וואו יעדע פרייע און פרעהליכע מיענע,
איז אַזוי לאַנג אַזוי שטרענג אונטערדריקט,
אַז אַ ר' נחום'צע בעל נפקא־מינה

*) געשריעבען צו יעקב גאָרדין'ס צעהן־יעהריגען יובילעאום, אַלס דראַמאַטורג, ניו יאָרק, נאָוועמבער, 1901.

ווערט דורך אַ טראָפּעלע סם נור דערקוויקט ;
ר׳ נחום, וואָס האַנדעלט מיט גאָט און זיין תורה,
לאַכט פון דעם דלות ביי זיך אין געצעלט,
האַנדעלט און קלייבט פאַר זיך כשרה סחורה
וועקסלען אויף יענער, דער בעסערער וועלט.

באַלד ווערט איהר האָבען פאַר אייערע אויגען
איהם און ר׳ שלמון׳ען, וועלכער בעהעפט
אויך זיך צו גאָט, און געהט אין זיינע וועגען,
מעהר נישט ער האַלט ניט פון הימעל־געשעפט ;
גלאַט איז זיין צינגעלע, שאַרף איז זיין מוח,
דאָרט וואו עס בעט זיך פערקנייטשט ער אַ פּאַלב ;
דאָ דיענט ער גאָט מיט זיין האַרצען, זיין כוח,
דאָרטען בשתיקה — די גאָלדענע קאַלב.

איהר ווערט אַ יאָסעלע זעהן און אַ דאָניע,
וועלכע דער גלות אין רוסלאַנד בעשאַפט ;
יענעם אַלס שוועכליכען שטיעפקינד פון פאָניע,
דיעזען אַלס ווילדלינג, אַן עפּעל אָהן זאַפט ;
ביידע מיט מוחות צודולטע, צודרעהטע,
ווינשענדיג גוטעס און טהוענדיג שלעכטס —
שפּיעלט דער אַ קערטעל, יענער די פליינטע
און פון זיין שפּיעל קומט אַרוים יענער קרעכץ,
וועלכער צייט הונדערטער ביטערע יאָהרען
הערט זיך אין יעדוועדער אידישער הויז :
ווערט אין צובראָכענע הערצער געבאָרען,
קומט דורך געשלאָסענע ליפּען אַרויס ;
יאָסעלע — דאָניע, זיי וועלען ערשיינען
ווי אונזער דיכטער פאַר אונז שטעלט זיי פאָר

רוסישע אידישע טיפען, וואָס זיינען
שטימען אין אייביגען קלעגליכען כאָר, —
שטימען, וואו טורמעס די פרייהייט בעהאַלטען,
און די אמונה די ליעבע דערשטיקט,
און וואו עס וואַנדלען אין מענשען־געשטאַלטען,
שדים פון גיהנם צום הערשען געשיקט.

דיעזע און יאָסעלע'ס שיינדעל, אַלץ קינדער
פון אַ צוריסענעם לעבען אָהן טאָלק,
וועלכע עס פּאָארט דער שלימזל דער בלינדער
אין דעם צוטומעלטען אידישען פאָלק.
שיינדעלע, יאָסעלע — שטורעם און פריעדען!
האַבזוכט — געגוגזאַמקייט, ליעבע און האַס!
געטליך פעראייניגט און מענשליך געשיעדען,
וואַסער און בוימאייל אַ פּאָאר אין אַ פאַס, —
ווער איז פוןביידען דער גוטער, דער שלעכטער?
ווער איז דער שולדיגער צד צווישען זיי?
ווער איז דער שולדיגער, ווער דער גערעכטער,
אויב די פעראייניטע פערבלייבען רק צוויי?
דיעזע געשטאַלטען זיי רופט אונזער דיכטער
היער אויף דער סצענע אַרוים היינט ביי נאַכט,
ער, וועלכער האַט אונז געוויעזען געזיכטער
פנים'ער, הערצער און זעעלען מיט מאַכט;
פריהער אָפט האַט אונזער לעבען געשילדערט
אונזערע זיטליכקייט און אונזער פיהר
און האַט די זיטען פון אידען געמילדערט,
ער, דער פערפאַסער פון „אידישען ליער".
דער דיכטער, וואָס האָט, אום די מוחות צו בילדען
אויפ'ן טהעאַטער די „לוריעס" געשטעלט,

זיי און דעם טיף פון „אַ מענשען אַ ווילדען“,
וואונדערפאַל אין זיין פערפינסטערטער וועלט;
ער, וועלכער האָט אונז אַ „סאַפהאָ“ געגעבען
און האָט אַ „אידישען גלח“ געמאָלט,
טריי צו דער קונסט און טרייער צום לעבען,
קינסטליכע בילדער אין רעמלעך פון גאָלד;
ער, וועלכער האָט אונז דעם „רוסישען אידען“,
עלענד אין דאָלאַר׳ס מדינה געצייגט,
עלענד אין פרייהייט, אין גלייכהייט פערשיעדען,
זינקענדיג טיעפער, וואָס העכער ער שטייגט;
ער, וועלכער האָט אונז אין צעהנדליגע דראַמען
אונזער געזעלשאַפט געצייגט און איהר בוי —
ער ווייזט אייך איצטער די האַרץ פון אַ מאַמע׳ן
זיעגענדיג איבער אַ מעכטיגע פרוי.

און דיעזען זיעג פון אַ ליעבענדער מוטער
איבער זיך זעלבסט, איבער גייסט און פערשטאַנד;
דיעזען טריאומף, וואָס דער עדעלער, גוטער
מענש טראָגט אַרוים איבער שטאָלץ נאָכאַנאַנד —
„מירעלע אפרת“, רופט דאָס דער דיכטער;
איך לאָז דעם אורטהייל אין אייערע הענד:
גאָרדין׳ס פערעהרער, זיי זיינען די ריכטער,
איצט רעדט זיין ווערק, דער פראָלאָג איז צו ענד.

צו די פרייע ארבייטער־שטימע

(אַ גרוס צו איהר גרינדונג)

ווייעדער אַ קעמפפער אין אונזערע רייהען,
וואַהרהייט און רעכט האָבען נאָך אַ פערטהיידיגער,
ווייעדער אַ העלפער דאָס פאָלק צו בעפרייען,
פרייהייט און גלייכהייט — איהר האָט נאָך אַ פרעדיגער!
און דיעזע „אַרבייטער־שטימע" די נייע,
קעמפפענדיג פיר אַ גערעכטע, האַרמאָנישע
מענשענגעזעלשאַפט, אַ זאַטע און פרייע,
איז אויך אַ אידישע שטים, אַ „זשאַרגאָנישע".

* *

בראַוואָ ישראליק! דו און דיינע שפראַכע, —
דו, דער פערוואָגעלטער, זי, די פעראַכטעטע
אַרבייטעט מיט פאַר דער הייליגער זאַכע;
אידעל, זשאַרגאָן — דיעזע צוויי אונגעאַכטעטע!
און דו בעטרעטסט ניט די פעלקער־טריבונע
אום זיך צו מישען אין גלויבען און ראַסען־קאַמפף,
דענקסט ניט אָן חורבן, דיך רעגט די קאָמונע,
אָבשאַפען העלפסטו די נויט און דעם קלאַסענקאַמפף.
דען דו פערשטעהסט אַז דער אַרבייטער־גלות
איז פאַר'ן אידען דער איינציג געפעהרליכער;
וואַרטסט ניט מעהר אויף דיינע המן'ס מפלות,
קלערסט ווי צו מאַכען די גאַנצע וועלט עהרליכער.
און אַזוי העלפסטו די געלד־מאַכט פערניכטען,
אויסוואָרצלען אַלע געמיינהייט און שלעכטיגקייט,

העלפסט דיינע ברידער אַזאַ וועלט עררייכטען,
וואו עס זאָל הערשען געקרוינט די גערעכטיגקייט.

* *

פאָרוועררטס ישראליק! דיין פאָלק און דיין ברודער
איז יעדער מענש וועלכער האָרעוועט שמאַכטענדיג.
שטעל זיך, צוזאַמען מיט איהם, דאָרט ביין רודער,
דאַן געהט דאָס שיף, יעדען שטורעם פעראַכטענדיג.
שוואַך איז דער מאַסט און ניט מעכטיג דער זעגעל,
שרעק זיך פון דעסטוועגען ניט פאַר דאָס קינפטיגע;
„מענשענרעכט" שטעהט אויף דיין הייליגען דגל, —
דו וועסט עררייכען די וועלט, די פערנינפטיגע.
שרעק זיך ניט פאַר רעליגיעזע טומאַנען,
וועלכע דיין שיפעלע וועלען בעגעגענען;
אויך קאַפּיטאַל־פעלזען זיינען פאַראַנען
און עס וועט דונערן, בליצען און רעגענען.
פאָרוועררטס! און האָב ניט פאַר פעלזען קיין מורא,
ניט פאַר די זאַמד־באַנק, ניט פאַר'ן פערווירענדען
נעבעל, דו רודער און פרעדיג דיין תורה,
און מען וועט באַלד דיך זעהן אַ טריאומפירענדען.
געה און בענוץ דיינע „ארבייטער־שטימע"
פרייהייט און ברידערליכקייט צו פערטהיידיגען,
געגען די געלד־מאַכט, די בייזע און שלימע
און אַלע פגעים וואָס ווילען זיי שעדיגען.

* *

און דאָ פון וויַיטען, פון ד ע ר זייט אַטלאַנטיק
שטעהט אַ פערגעסענער זינגער, אַ אידעלע,
שטרענגט אָן זיין שטימע, זיין שוואַכען טאַלאַנטיק,
זינגענדיג מ ז ל - טוב אין דיעזען ליעדעלע.

לאָנדאָן, מאַי, 1890.

צו מיינע ברידער אין אמעריקא

(אַ גרוס פון ענגלאַנד צו די „אַרבייטער צייטונג“)

אָה, ניין, דער אַטלאַנטישער ים מיט די טויזענדער
מיילען פון וואַסער קען ברידער ניט טרענען,
אַזוי ווי עס קען ניט דער שטירמישער, ברויזענדער
ווינד אונזער פייער פערבאָטען צו ברענען.

די אמת'ע ליעבע, די הייסע, אונענדליכע,
ווייס ניט אַז שיידונגען זיינען פאַראַנען;
זי קוקט ניט אויף גרענעצען פליסיגע, לענדליכע,
ווייס ניט פון בערג, לאַכט אויך פון אָקעאַנען.

און ברידער, אין קאַמפּף פאַר די פרייהייט פעראייניגטע,
זיינען אין איינעם זאָגאַר ווען דערווייטערט,
ווייל ליעבע צום מענשען, דורך וואַהרהייט גערייניגטע,
קען דורך ענטפערנונג נור ווערען געלייטערט.

אין א י י ן פלאַם פערמישען ביי אונז אַל'ע פלאַמען זיך,
א י י ן קול נור לאָזט זיך פון ברעג צו ברעג הערען;
מיר ווײנען צוזאַמען, און פרעהען צוזאַמען זיך,
קיין שום אָקעאַן קען דאַרין אונז ניט שטערען.

דערפאַר מיינע ברידער, דערווייטערטע, טייערע,
פיהלט איהר מיך שטענדיג אין אייערע קרייזען;

דערפֿאַר פיהל איך מיט, לעב איך דורך אַלע אייערע
פריידען און פאָרטשריטע, ליידען און גרייזען.

דערפֿאַר הערט איהר דייטליך מיין יאָמערליעד קלאָגענדיג,
יעדעסמאָל ווען אייך שלים־מזל׳ם בעפאַלען,
און הערט אויך דעם פולס מיינעם האַסטיגער שלאָגענדיג,
ווען עס דערפרעהען אייך ליכטיגע שטראַהלען.

* *

אָה, ניין! דער אַטלאַנטיק, מיט אַל׳ זיינע טויזענדער
מיילען פון וואַסער, קען אונז ניט צושיידען,
אַזוי ווי עס קען ניט דער שטורעם, דער ברויזענדער
פון דעספאָטיזמוס דערשטיקען דעם רעדען —

פון גליקליכע צייטען, פון אָרדנונגען בעסערע,
וועלכע די פרייהייט וועט ברענגען, וועט גרינדען,
פון גרעסערע אייניגקייט, מענשליכקייט גרעסערע,
וועלכע וועט פעלקער אין ליעבע פערבינדען.

1892

3. עטוואס הומאָר און סאַטירע

ווי רייכע לייט לעבען

רייכע לייט צופריעדענע
לעבען אויף פערשיעדענע
אופנים אין דער וועלט:
מאַנכע פון זיי פוצען זיך,
אַנדערע פערשמוצען זיך
און אַלע צוליעב געלד.

*
* *

איינער איז אַ סוועטערל
ביז ער ווערט אַ פעטערל
און לייהט געלד אויף פראַצענט;
לייהט געלד רוהיג זיצענדיג,
רויבענדיג, ניט שוויצענדיג,
ווי פריהער אַרביימס־הענט.

עלעגאַנט זיך קליידענדיג,
און בנעימות רעדענדיג,
און זעלטען ווען פערטאָן,
קומט ער אויף אסיפות היינט,
נעהמט און גיט חניפות היינט,
און איז אַ גאַנצער האָהן.

היער געהט אום אַנאַנדערער:
דיעזער איז אַ וואַנדערער

און פאָהרט אום זוכען גליק,
מאַכט געלד אין אויסטראַליען,
שפּענט עס אין איטאַליען
און קעהרט זיך אום צוריק.

אין דערהיים זיין ווייבעלע
לעבט זיך ווי אַ טייבעלע,
געלאַסען און געהיים —
מיט אַ מאַן אַנאַנדערען,
ביז עס קומט פון וואַנדערען
דער רייזענדער אַהיים.

איהר שענקט ער אַ רינגעלע,
איהם שענקט זי אַ אינגעלע,
עס ווערט ניט פיעל גערעט...
נור מען וויים אין שטאָט דערפון,
ווייבער מאַכען שפּאָט דערפון,
און ענדליך ווערט אַ גט.

דאָרטען שטעהט אַ שרייבערל,
וועלכער איז אַ קלייבערל
פון נייעס פאַר אַ בלאַט;
לעבט פון ליגענס פעטליכע,
וועלטליכע און געטליכע,
שרייבט און איז זיך זאַט.

מענשען קריטיזירענדיג,
און זיין פעדער פיהרענדיג
מיט חוצפּה און מיט שטאָלץ,

מאַכט ער מען זאָל לייענען
ווערטער, וועלכע קלייענען
זיך פונקט ווי גלאָז צו האַלץ.

ווייניג וואָס פערשטעהענדיג,
דאָך דאָס צינגעל דרעהענדיג,
לעבט אַנדערסוואו אַ מאַן:
דיעזער רופט זיך פרעדיגער
און ער איז אַ לעדיגער,
אַ שטייפער באַראַבאַן.

ער איז פרום ביי פרומע לייט,
גוט און קלוג ביי דומע לייט,
און וואו עס בעט זיך — לינק;
און פאַר אַלע נייגונגען
האָט ער איבערצייגונגען,
און בייט זיך וואונדערפלינק.

אין אַ שטילען ערטעלע
זיצט און מאַכט אַ קערטעלע
אַ זוהן פון אַ באַנקיר;
שפיעלט, אַ סך פערלירענדיג,
אָבער ווייניג שפירענדיג:
דער טאַטע איז אַ גביר.

באַלען און טהעאַטערן
קלעקען ניט צו פּטר'ן
דעם פאָטער'ס אוצר געלד;
אויף קאָנצערטען געהט ער ניט,

דען מוזיק פערשטעהט ער ניט,
אונ קאָרטען האָט ער האָלט.

קאָרטען אונ צו עסען פיעל,
אויסערדעם מעטרעסען פיעל,
וואָס איהם פערדינגט די נויט;
אָרעמע פערבלענדעטע,
וועלכע פאַר געשענדעטע
עס מאַכט דאָס שטיקעל ברויט.

יענער יונגער מאַנטשיקעל
איז אַ שאַרלאַטאַנטשיקעל,
וואָס רופט זיך אַדוואָקאַט;
עהרליכקייט בעליידיגט ער,
לומפעריי פערטהיידיגט ער
אונ לעבט ווי אַ מאַגנאַט.

יונגע לייט פעראַכטען איהם
וייל די מיידלעך אַכטען איהם
אונ בעטען איהם ביי גאָט;
ער — ער מאַכט זיי חנ'דעלעך,
וויזט די ווייסע ציינדעלעך,
די פערד אין זיין קאַראָט.

אונ מיט כיטרע ריידעלעך,
קריוטשקעלעך אונ דריידעלעך
פערקרימט ער וואָס איז גלייך;
אונ ער איז אַ טויז אין שטאָט,

האָט אַ גרויסע הויז אין שטאָט
אוּן שווינדעלט אוּן איז רייך.

מיט דער תורה האַנדלענדיג,
אין גאָט'ס וועגען וואַנדלענדיג,
גערט אום אַ פיינער מאַן;
ער איז אַ דוכאָוונער איד,
זעהר אַ גרונטאָוונער איד,
אוּן שטאָלץ ווי גאַנץ קיידאַן.

אוּן ער האָט אַ בייכעלע,
מיט אַ קליינעם טייכעלע
פון ספּירטוס דאַרין;
דען ער מאַכט אַ שנעפּסעלע
ווען ער שערט אַ שעפּסעלע,
אוּן שערט עס על פי דין.

וואו ער זאָגט קיין דעה ניט,
גיט ער די מטבעה ניט,
דאָך נעהמט ער וואו ער קען;
אָה, ער איז ניט שעמעדיג,
אוּן ער פרעגט ניט, נעהמענדיג,
פון וועמען, ווי אוּן ווען.

אָט זעהט איהר אַן אַלטינקען,
שטייפליכען אוּן קאַלטינקען
פעררוּאָסטען גענעראַל;
ער איז מעהר קיין שעכטער ניט,

טויג שוין פאַר אַ פּעכטער ניט,
דאָך רעט ער איבעראַל.

רעט פון די פערגאַנגענע
טויטע און געפאַנגענע
אין שלאַכטען אויפען פעלד;
ווערט בעגייסטערט טראַכטענדיג,
ווי ער האָט זיך, שלאַכטענדיג,
געמאַכט דעם נאָמען העלד.

און ער געהט אום לויבענדיג
זיך אַליין, און גלויבענדיג,
אַז איינער וועלכער גיסט
בלוט אין אַ מלחמה ניט,
האָט גאָר קיין נשמה ניט,
און לעבט כמעט אומזיסט.

דאָרטען דער צולאָזענער,
בריימליך אויפגעבלאָזענער,
און פיין־געגולטער פראַנט,
איז דער האַלב פערווילדעטער,
גראָבער, אונגעבילדעטער,
דער בערזען־ספעקולאַנט.

מאַסען געלד פערדיענענדיג,
לעבט ער שפּינוועבס שפּינענדיג
פאַר פליגען אין דער לופט;
פרייע לייט און עהרליכע
האַלט ער פאַר געפעהרליכע,
און יעדען פאַר אַ שופט.

אָנגעבלאָזען שטעהענדיג
זעהט איהר איהם זיך דרעהענדיג
אין פּוץ, אין גלאַנץ, אין פּראַכט —
פון סאַלאָנען ליכטיגע,
צווישען גרויסע וויכטיגע
פּערזאָנען יעדע נאַכט.

היער איז אַ פּערדאָרבענע,
דעננאָך שעהן־געפאָרבענע
און אייביג־יונגע פרוי;
שטעהט אין שפּיגעל זוכענדיג,
קלייבענדיג און פלוכענדיג
די האָאר וואָס ווערען גרוי.

זי איז אַ בעלעזענע,
רעט ווי אַ געוועזענע
פּראָפעסאָרקע מיט פּריינט;
פּראַזען האָט זי עטליכע
וועגען ליעבע געטליכע
אַוואו נאָר זי ערשיינט.

רעט פון די אַמאָליגע
ערענסטע און „דראָליגע"
ליובאָווניקעס אָהן צאָהל;
חוזק פון זיי מאַכענדיג
זאָגט זי, ביטער לאַכענדיג:
איך וועל זיין פרום אַמאָל...

אויב איהר לייענט צייטונגען
ווייסט איהר די בעדייטונגען

פון יעדען מין געוועט;
קענט געווים די סקאַטשקע־לייט,
אַלע פערד און קליאַטשקע־לייט,
פון וועלכע יעדער רעט.

איצט בעטראַכט דאָ געהענדיג
שכור און זיך פרעהענדיג
דעם מאַן וואָס „מאַכט אַ בוך”;
נאַרען האָט געפונען ער,
און איז אַ געוואונענער
און לאַכט פון זייער פלוך.

און ער גלעט זיין בערדעלע,
דאַנקענדיג דעם פערדעלע,
די נאַרעלעך און גאָט;
טראָגט דאָס געלד אין „בענק” אריין,
געהט דערנאָך אין שענק אריין,
און שכור'ט אָהן כלאָפּאָט.

יעדער קען ר' שמעיה'לען
מיט זיין ווייבעל חיה'לען
מיט לייבקען זיין יונגאַטש,
מיט זיין האַרץ די שטיינערנע,
מיט זיין האַנד די ביינערנע,
וואָס גיט מיט פרייד... אַ פּאַטש.

ער בעוואוינט פיעל צימערען,
וועלכע בלישצען, שימערען
מיט זילבער און מיט גאָלד;

און מען זאָגט אַז שרפה־געלט
האַלט ער נים פאַר טרפה געלט,
און האָט אַ פייער האַלט...

צינגער בייזע, שעדליכע
זאָגען, אַז מיט עטליכע
און צוואַנציג יאָהר צוריק
האָט ער פון אַ פייערל,
אין אַ קליינעם מייערל,
געמאַכט אַ גרויסען גליק.

טויזענדער פערמאָגענדיג,
דעננאָך זיך בעקלאָגענדיג
אַז קאַם־קאַם קומט ער אויס,
לעבט זיך נעבעך קוועלענדיג,
רייכער ווערען וועלענדיג,
אַ גביר אין יענע הויז.

ער איז אין פערוואַלטונגס־ראַטה
פון אַן אונטערהאַלטונגס־בלאַט,
און קריגט מעהר ווי אַ דאַנק,
איז אויך אַ דירעקטאָרעל,
אָדער אַן אינספעקטאָרעל,
אין — גאָט ווייס וועלכע — באַנק.

האָט דערצו פרנסות פיעל
און פון זיי הכנסות פיעל
און שיט מיט געלד זיך אָפּ;
דאָך דאָס אַלעס קלעקט איהם ניט,

און די פעטקייט שמעקט איהם ניט —
דעם אַלטען קוגעל־טאָפּ.

זעהט איהר דאָרטען פאָהרענדיג
איהם, וואָס איז געוואָרען דיק
פון בייזע איבערגעסנג?
ניט פון קריינק פון אייגענע,
קורצע און פערצויגענע, —
דערפון האָט מען א קרענק.

ער האָט זיינע דיקליכקייט
נור פון דער אונגליקליכקייט
פון די, וואָס ער קורירט;
מענשען, וועלכע גלויבען איהם,
צאָהלען גוט און לויבען איהם
און פאָהרען וואו ער פיהרט.

מענשען וואָס בעדענקען גוט,
אַז מען דאַרף צו קרענקען גוט
אַ דאָקטאָר'ס מעדיצין;
מענשען, וועלכע שטאַרבענדיג,
שטאַרבען ניט פערדאַרבענדיג
זיין מסחור אָהן אַ זין.

יענער שטייף־פערשפילעטער,
אימער איינגעהילעטער
אין רעק פון שוואַרצע טוך,
וועלכער קוקט אויף יעדערן

ווי אַ נאָז אויף פּעדערן,
אוּן ווי אַ בלאָז אויף פּוך ;

דאָס איז אַ ראַבּינערל,
כלומרשט נור אַ דיענערל —
אַ דיענערל פון גאָט,
אָבער ער האָט עטליכע
טויזענדער, פון געטליכע
רחמנות, אין קאַמאָד.

מאַסען געלד פערדיענענדיג,
דאַוונט ער, גאָט דיענענדיג,
און דאַוונט זעהר פרום ;
שמע ישראל שרייט ער גוט,
אין עלינו שפּייט ער גוט,
און בלאָזט זיך אומעטום.

* *

רייכע לייט צופריעדענע
לעבען אויף פערשיעדענע
אופנים אין דער וועלט :
מאַנכע פון זיי צירען זיך,
אַנדערע פערשמירען זיך
און אַלע ליעבען געלט.

און זיי אַלע האַבּעווען, —
האַבּעווען, בעראַבּעווען
די אויסגעקוועלטע הענט ;
דיעזער דורך אַ בלעטעלע,

יענער דורך אַ צעטעלע,
אַנאַנדערער דורך רענט.

דער, געזעצליך לאַטכענדיג,
יענער, געטליך בדחנ׳דיג,
אַ דריטער פון פּראָצענט;
פון פּראָצענט, פון וועקסעלעך,
נעהמענדיג פון עקסעלעך
וואָס קריכט נור אין די הענט.

קוקט ניט וואָס זיי רייסען זיך
צווישען זיך, און בייסען זיך,
און כאַפּען דער פון דעם;
דאָס איז נור אַ קליינינגקייט,
ווייל מען קען אָהן איינינגקייט
זיך לעבען רייך, בעקוועם

און דער רייכטהום זייערער
וועט אַן אונגעהייערער
בעטרוג זיין אַזוי לאַנג,
ביז דער לעבען אייערער
וועט ניט זיין אַ פרייערער, —
פון יאָך פריי און פון דראַנג.

ריסלאַנד און פראַנקרייך

די רוסישע רעגיערונג מאַכט איצט
אַן אַנלייהע פון 350 מיליאָן
פראַנק אין פאַריז.

די בלויע פראנצויזישע געלד־רעפּובליק
טרינקט ברודערשאַפט צו צו דעם רוסישען צאַר;
זי ווינשט דעם דעספּאָט צום טיראַנעווען גליק
און חנפ׳עט איהם און ער איז לוסטיג דער נאַר.
שאַמפּאַניער און וואָדקאַ — ווי פריינדליך זיי זיינען,
ווי הערצליך קוסט די גילאָטינע דעם קנוט!
זאָל ווירקליך פראנצויזישע גלייכהייט ערשיינען
געבונדען אין יוכטע, געפאָרבען מיט בלוט?
שאַמפּאַניער און וואָדקאַ געמישט מיט איינאַנדער,
די געלד־רעפּובליק טאַנצט מיט צאַר אלכסנדר,
זי גיט איהם ממתקים און איהר קוסט די האַנד ער!

די בלויע פראנצויזישע געלד־רעפּובליק
טרינקט ברודערשאַפט צו צו דעם רוסישען צאַר;
זי זאָגט זי מוז האַלטען די טייטשען אין צוויק,
איהר שרעקליכסטער פיינד אָבער הייסט: קאָמונאַר.
איהר פיינד איז דער טייטש ניט, ניט דער איטאַליענער,
איהר פיינד איז דער פאָלקס־פריינד מיט האַרץ און מיט מוטה,
דער אַרבייטער מאַכט איהר אַ שרעק אָן, ניט יענער,
פאַר איהם דאַרף זי פאַיינע׳ם אַלמעכטיגען קנוט.

דערפאַר גיט זי געלד איהם און איהר קוסט די האַנד ער,
דערפאַר טרינקט זי פריינדשאַפטליך מיט אלכסנדר
שאַמפּאַניער און וואָדקאַ געמישט מיט איינאַנדער.

די בלויע פראנצויזישע געלד־רעפּובליק
טרינקט ברודערשאַפט צו צו דעם רוסישען צאַר;
זי וועט איהם, וואַהרשיינליך, נאָך שענקען אַ שטריק
צו הענגען דעם נעקסטען געפאַנגענעם גבר.
ווי ליעבליך זי ווינקט צו איהם צו, די הולטאַייקע,
ווי גערן זי צאָהלט איהם פאָראויס פאַר זיין מיה,
פאַר זיינע קאָזאַקען, דעם שפּיז, די נאַגאַייקע,
פיעללייכט פאַר סיביר פאַר אַנאַנדער בלאַנקי.
שאַמפּאַניער און וואָדקאַ, אָט טרינקט פון איהר האַנד ער
דער דריטער. דער בלוטיגסטער צאַר אלכסנדר,
ער קעהרט זיך אין קבר אום אונזער איסקאַנדער!

די בלויע פראנצויזישע געלד־רעפּובליק
טרינקט ברודערשאַפט צו צו דעם רוסישען צאַר;
ווער וואָלט דאָס געגלויבט אַ יאָהר ניינצעהן צוריק,
אַז זי וועט זיך לאָבען ביין צאַר'ס סאַמאָוואַר?
זי האָט, דאָס איז אמת, איהר פאָטער געוואָרגען,
גלייך נאָך איהר געבורט, און פערגאָסען זיין בלוט,
דאָך ווער וואָלט געקלערט דאַן אז זי וועט פערזאָרגען
מיט געלד אַזאַ מאַן, ווי דעם מאַן מיטען קנוט?
דאָס טהוט די קאָקעטקע, האָפּט פון אַלכסנדר,
אַז געגען די „שונאים“ וועט שיצען איהר לאַנד ער,
און שטאָפּט איהם מיט פראַנקען און איהר קוסט די האַנד ער,

דער רעוואָלוציאָנס־גייסט ער שמייכעלט און זאָגט:
„געדולד, פעלקער אַלע, אַ ווייל גערולד!

נאָך י י ז די נאַכט פינסטער, דאָך באַלד, קינדער, טאָגט,
און רוסלאנד וועט אָבצאָהלען פראַנקרייך די שולד.
דען ווען דער פראַנצויז וועט זיך געבען אַ הויב
זיין לאַנד און די וועלט פון דער נויט צו דערלויזען,
וועט רוסלאנד'ם זשעליאַבאָוו צוטרעטען אין שטויב
דעם קנוט, און וועט קומען צו־הילף די פראַנצויזען.
דאַן וועלען אין קאַמפף שטעהן פעראיינט מיט אַיינאַנדער.
אַנטקעגען דער געלד־מאַכט און צאַר אלכסנדר,
דאָם לאַנד פון בלאַנקי און דאָם פאָלק פון איסקאַנדער.

1890

גאָט מאַמאָן

גאָט מאַמאָן איז אַ גליקליכער,
אַ ברייטליכער,
אַ פעטליכער,
אַ זאַטער גאָט, אַ דיקליכער,
אַ וואונדערבאַרער גאָט;

ער שיקט צו זיינע קינדערלעך,
און קנעכטעלעך
פיעל העכטעלעך,
פיעל שעפּסעלעך, פיעל רינדערלעך,
און אַלצדינג וואָס ער האָט.

ער גיט זיי שאַרפע מוח'לעך,
ניט וויציגע,
דאָך שפּיציגע,
הייסט בויען זיי מזבח'לעך
פאַר איהם אין יעדער שטאָדט.

זיי בויען איהם אַלטאַרעלעך, —
די גרינדערלעך,
די שינדערלעך,
און אָפּפערן איהם נאַרעלעך,
און היטען זיין געבאָט.

ער פרעהט זיך אויף זיי קוקענדיג,
די קרעמערלעך,
די נעהמערלעך,
זיי זעהענדיג זיך בוקענדיג
אין שטויב פאַר זייער גאָט.

זיי זעהענדיג, די צופערלעך
פערכאַפּענדיג,
פערקלאַפּענדיג
פיעל זילבער, גאָלד און קופּערלעך,
דאַן מאַכענדיג באַנקראָט.

און נחת פון זיין קלייבענדיג,
פערשפּיצט ער זיי,
בעשיצט ער זיי
צו גנב'ענען, פערבלייבענדיג
די פּני פון יעדער שטאָדט.

ער היט זיי מיט סאָלדאַטעלעך,
וואָס שיסען גוט
און גיסען בלוט
מיט ביקסעלעך, האַרמאַטעלעך,
מיט פּולווער און מיט שראָט.

גאָט מאַמאָן איז אַ גליקליכער,
אַ ברייטליכער,
אַ פעטליכער,
אַ זאַטער גאָט, אַ דיקליכער,
אַ וואונדערבאַרער גאָט.

סענדער און װעלװעל

זאָגט סענדער דער שוטה:
װאָס מאַכען די רויטע
װאָס מאַכען די סאָצי־אַליסטען?
זאָגט װעלװעל דער צװייטער,
איך דאַנקע, גאַנץ הייטער,
װאָס הערסטו פון די ניהיליסטען?

זאָגט סענדער: זיי זיינען
ניט דאָס װאָס זיי שיינען,
מען זעהט זיי ניט װען מען בעהאַלט זיך.
זאָגט װעלװעל: אַזוי־גאָר!
זיי װייזען אַ שטייגער
זיך נור בעת די ערד דיינע שפּאַלט זיך.

זאָגט סענדער: װאָס מאַכסטו
אַליין און װאָס טראַכסטו
צו טהאָן מיט די רויטע מגפה?
זאָגט װעלװעל: מיר אַרט ניט
כל־זמן דאָס פערשפּאַרט ניט
אין שטוב מיך אין צייט פון אַ שרפה.

זאָגט סענדער פון רייסען:
מיין פריינד, איך װאָלט שמייסען
ביז טויט סאָציאַל־דעמאָקראַטען.

זאָגט װעלװעל דאָס טויג ניט
אָה, איך לאָז פון אויג ניט
אַרויס, פריינד, דעם סוף פון דיין טאַטען.

זאָגט סענדער: ר׳ קרוב
דערװיילע װערט חרוב
דער טהראָן דורך די העלישע תורה.
זאָגט װעלװעל: פערשטעהט זיך,
מיין מח, ער דרעהט זיך...
איך האָב טאַקע צייטענװייז מורא.

זאָגט סענדער: ביין רודער,
צו בלייבען, מיין ברודער,
מוז װערן געמאַכט אַ מלחמה.
זאָגט װעלװעל: רעכט האָסטו
דאָס זאָגענדיג בלאָזטו
אַריין מיר אַ נייע נשמה.

זאָגט סענדער: היינט לאָמיר
בערעכענען טאָמער
איז גלייכער אַז טאַקע מיר ביידע.
זאָגט װעלװעל: איך רעכען
דאָס קען אונז ניט ברעכען,
איך שלאָג זיך מיט דיר, פריינד, מיט פריידע!

1892

בודעל־פּאָליטיק

אָה, די קוואַלען פון די וואַהלען,
יענקי דודעלס פּאָליטיק!
וועמעס מאָגען קען פערטראָגען
אַלל די שקרים וואָס זיי זאָגען —
גראָבע שקרים, פעט און דיק?

אויסגעשפּוקטע, אָבגעדרוקטע,
פאַלען ליגענס אָהן אַ ברעג;
יענקי דודעל, ווי אַ פּודעל,
שפּרינגט און לאַסצעט זיך צום בודעל,
לאַסצעט, דרעהענדיג דעם עק.

דעמאָקראַטען, פון אַ זאַטען
מאָגען מייקענען אוים רייד,
וועלכע נאַרען אין זיך שפּאַרען,
אין אַ גוף אַ שוואַכען דאַרען
און פערשלינגען בלינדערהייט.

און זיי שטימען, און זיי קרימען
זיך אפילו ניט דערביי —
פאַר די רייסער, פאַר די בייסער,
פאַר'ן טרייבער, אונטערשמייסער
אין דער דאָלאַר־מאַכעריי;

ווייל זיי גלויבען די וואָס רויבען
זייער לעבען, לייב און קאָפּ;
זייער בכורה ווערט אַ סחורה,
פּונקט ווי עשו׳ס אין דער תורה,
פאַר אַ רויטען לינזענטאָפּ.

אידען טייטשען פלעכטען בייטשען
פאַר די אַרבייטער פון לאַנד;
ערין׳ס קינדער, ווי די רינדער,
געהען ווערען ביי דעם שינדער
פאַר אַ זופּ די רעכטע האַנד.

יענקי גופו שטעהט קיין שטופּע
העכער ניט אין „גיב און נעהם“
ווי די גרים, די בני גרים,
וואָס זיי האַלט ער פאַר ממזרים
פון זיין ליעבען אָנקעל סעם.

און דעם זעכסטען פון דעם נעכסטען
חדש ווילען זיי, מיט היץ,
ווארפען גאַלקעס פאַר די פאַלקעס,
אום געקלאַפּט צו ווערען מלקות,
אום צו קריגען גוטע שמיץ.

* *

אָה, די קוואַלען פון די וואַהלען,
יענקי דודעל׳ס פּאָליטיק!
דעמאָקראַטען — אַקראָבאַטען,
כאַפּ דער רוח זייער טאַטען,
גיב זיי, אַרבייטער, אַ שטריק!

1894

אין דעם שטרודעל

אין דעם שטרודעל פון דעם בודעל
טרענקט זיך, ווי א טויטער פודעל,
דאָ אַן אידעאַל;
און ער טרענקט זיך, און ער לענקט זיך
צו זיין אונטערגאַנג, און שווענקט זיך
אין דעם בייזען קוואַל.

קיינער פרעגט ניט: וואָס ער רעגט ניט
זיינע גליעדער, און בעוועגט ניט
מענשענהערצער מעהר.
„לאָז ער דאַרבען, לאָז ער שטאַרבען,
אויף די אויגען שנעל אַ שאַרבען,
רידלען שנעל אַהער!“

צייט איז טהייער, און דער „פרייער“
דאָ אין לאַנד האַלט אַז כדאי'ער
איז צו מאַכען געלד;
מעגען פאַלען אידעאַלען,
דאָ איז קיינער ניט קיין בעלן
אויף די קרוין פונ'ם העלד.

פילאָזאָפען מעגען שטראָפען,
זאָגען מוסר געגען „בלאָפען“,
דאָס איז זייער זאַך;

דאָך ר׳ יודעל ליעבט אַ שטרודעל,
וואו דער בלאָף שווימט אויפ׳ן בודעל,
ביז עס קומט אַ קראַך.

ווערהרענד בלק וואָלט ישראליק
קענען לערנען מיט עמלק
פון דעם קאַפּיטאַל;
דען זיין בלאַסע, שוואַכע ראַסע
האָט דערלאַנגט דער שקלאַפּען־קלאַסע
פערדינאַנד לאַסאַל.

1895

בריות אין רעדען*)

זיי זיינען נור אַלע גבורים אין רעדען,
אָבער פליגען אין טהאָן;
זיי מיינען מען קען יסורים פעררעדען,
פעררעדען אַ שלעכטען צאָהן!

ניין, מיינע ברידער, איהר זייט אין טעות,
אין טעות, אויף מיינע נאמנות!
צו אַ שלעכטען צאָהן העלפט קיין המצאות,
רייסט אַרויס אָהן רחמנות!

אָבער כל־זמן איהר געהט מיט סבלנות
וועט קיינמאָל ניט ווערען אַן ענדע;
ביי די בעריסענע בלייבט די קבצנות,
און ביי ש—קען די גרענדע.

קעניגסבערג, אָקטאָבער 1877.

*) דיעזער שיר׳עלע, מיין מוזע׳ס ערסטלינג, איז אַ טהייל פון אַ סאַטירישען אַרטיקעל אינ׳ם „קול־לעם“, „די גרענדע־פיזהרער“. דער ריטהם איז ניט ריכטיג, האָב איהם אָבער בכיון געלאָזען ווי ער איז דאַמאָלס געדרוקט געוואָרען.

נאָטיצען

צווישען די „פאָלקסליעדער" אין דעם ערסטען טהייל (זייטע 15 ביז 200) זיינען אַלע, חוץ אַזעלכע, ביי וועלכע עס איז אָנגעגעבען אַנאַנדער דאַטע, געשריעבען געוואָרען אין דעם יאָהר 1891.

אייניגע פון זיי, ווי צום ביישפּיעל, „האַנד און פערשטאַנד", „נעכטען, היינט און מאָרגען", „מען צופּט איך, שטומע גרעזעלעך", „ליעדער פאַר מיר", „חן־גריבעלעך" און, מיר דאַכט, דאָס ליעדעלע „עס שרייבט זיך ניט" ערשיינען איצט אין דרוק צום ערסטען מאָל.

די געדיכטע אין דעם צווייטען טהייל (זייטע 203 ביז 317) זיינען געשריעבען געוואָרען צו פערשיעדענע צייטען, פון דעם יאָהר 1877 ביז מיט עטליכע וואָכען צוריק, דאָס הייסט אין אַ משך פון 33 יאָהר. צווישען זיי זיינען דאָ ניט וועניגער (אפשר מעהר) ווי דרייסיג, וועלכע זיינען ענטוועדער נייע, אָדער פריהער אויך קיינמאָל ניט געדרוקטע זאַכען.

צוליעב גרינדע, וועגען וועלכע עס לוינט ניט זיך דאָ צו פערברייטען, האָבען אין דיעזען באַנד ניט געקענט אַריינקומען פיעלע סאַטירישע און פּאָלעמישע געדיכטע. עס האָבען אויך געמוזט אויסגעלאָזען ווערען די פאַבעלן. ביים צוזאַמענשטעלען האָט זיך, ערסטענס, געצייגט, אַז זיי, די פאַבעלן, זיינען ניט גענוג אין צאָהל צו מאַכען אַ חשוב'ע אבטהיילונג אין דעם בוך און,

צוויטענס, אז זיי וועלען בעסער אריינפּאַסען אין דעם אנדערן באַנד, וואָס וועט, האָף איך, ניט לאָזען אויף זיך פיעל לענגער וואַרטען, — יעדענפאַלס ניט קיין צוואַנציג יאָהר, ווי אַ גרויסער טהייל פון דיעזען באַנד.

דאַן וועלען אויך געדרוקט ווערען אַלע עפּיגראַמען (אין פערזען), אייניגע דראַמאַטישע געדיכטע און פיעלע ליעבעס־ליעדער, וועלכע האָבען ניט געקענט אריינגעהן אין די איצטיגע אויסגאַבע.

א ספּעציעלע בעמערקונג בעט זיך אין פאָלגענדע עטליכע פעלע:

„מיין איינציגער פערלאַנג" (זייטע 79) איז געשריעבען געוואָרען דעם טאָג פון מיין 50טען געבורטסטאָג אַלס אַ מתנה פאַר יעקב גאָרדין.

„אין מינוטען פון פערצווייפלונג" איז אַ שמערצגעשריי, וועלכער האָט זיך אַרויסגעריסען פון מיין טיעפּסטען הארצען אין דער צייט ווען עס איז, אין לאָנדאָן, פאָרגעקומען די שפּאַלטונג צווישען די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע און אַנאַרכיסטישע מיטגליעדער פון דעם בערנער סטריט קלוב און איך, צוזאַמען מיט אַנדערע, האָב זיך פון די אַנאַרכיסטען אָבגעטהיילט.

„עס ריהרט זיך" (זייטע 120) איז געשריעבען געוואָרען אין 1886, דעם טאָג ווען עס איז אָנגעקומען אין לאָנדאָן די נייעס וועגען דעם היימאַרקעט־מיטינג אין שיקאַגאָ, — יענעם היסטאָרישען מיטינג, וועלכער האָט שפּעטער געקאָסט פינף טייערע לעבענס.

„דאָס ליעד פונ׳ם לוינשקלאַף" איז געוועזען אַ מתנה פאַר׳ן „בונד", פאַר וועלכען עס איז אויך געדיכטעט געוואָרען דאָס ליעד „נעהמט מיט מיין נשמה!". ביידע אין 1906.

„די מאַרסעליעזע" האָט מיך פערזענליך קיינמאָל ניט

בעפריעדיגט, אָבער אין איהר איצטיגער פאָרם איז זי אזוי גוט בעקאַנט, אַז איך האָב ניט געהאַט דעם מוטה איהר צו שטאַרק צו ענדערן.

אין איין זאַמעלבוך ווערט מיר צוגעשריעבען אַ געדיכט: „יציאת מצרים". עס איז נ י ט מיינס.

„טשיפּסאַיד", „סטרענד", קאָרן־היל" זיינען בעקאַנטע ערטער אין לאָנדאָן.

דער פערז: אָדער „ווי ראָלאַנד היל" וועלכער קומט פאָר אין „אַ מיידעלע אין דער סיטי" בעציהט זיך צום מאָנומענט פון ראָלאַנד היל, וועלכער האָט איינגעפיהרט דעם פעני סטעמפּ פאַר בריעף־פּאָרטאָ אין גאַנץ גרויסבריטאַניען און אירלאַנד, אומעטום גלייך.

די „סיטי" איז היינט דער געשעפטס־טהייל פון לאָנדאָן. אמאָל איז דאָס טאַקע געוועזן די שטאָדט (סיטי), די גאַנצע שטאָדט.

„דאָס ליעד „צו די פרייע אַרבייטער שטימע" איז געשיקט געוואָרען פון לאָנדאָן בעת די דאָזיגע צייטונג איז אין ניו יאָרק געגרינדעט געוואָרען אַלס „אונפּאַרטייאישער" אָרגאַן.

בנוגע צום „פּראָלאָג צו מירעלע אפרת" איז פּיעלייכט ניט איבריג צו בעמערקען, אַז אַזעלכע פּראָלאָגען, געשריעבען פון דעם דראַמאַטורג׳ס אַ פריינד, זיינען געווען אין דער מאָדע אין ענגלאַנד, אינ׳ם 18טען יאָהרהונדערט.

איך בין אוועקגעפאָהרען פון לאָנדאָן נאָך אַמעריקא אין דעם יאהר 1894. אַלץ וואָס איז געשריעבען געוואָרען ביז יענעם יאָהר שטאַמט, דערפאַר, פון ענגלאַנד.

בעמערקטע דרוקפעהלערן:

זייטע:	שורה:	געדרוקט:	דאַרף זיין:
41	3	פערשטעקט	פערדעקט
95	28	חשך'דיגען	חשך'דיגע
116	1	„צוקונפט"	צוקונפט
194	26	קנ	קנוט
195	4	ערבשאַפטען	ערבשאַפט
200	5	יעדערער	יעדער
214	16	שטעהט	שטעלט
220	5	אָן טיר	אָן אין טיר
222	15	פונ'	פונ'ם
227	15	לץ	אַלץ
245	15	אויסלאָזען	אויסלאָז
261	19	יעדוועדער	יעדוועדען
265	12	די נאָז	דער נאָז
289	2	„אַרייטער	„אַרבייטער